STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00800

VARSHEVER HEYF

Abraham Teitelbaum

Permanent preservation of this book was made possible by
Basha, Shifra & Naomi Yonis & Dan Howe
in memory of
Bessie & David Forman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם טייטלבוים

וואַרשעווער הויף

די הכנסה פונעם בוך איז באַשטימט פאַר
דער הילפס־אַרבעט פונעם פוילישן יידנטום.

דאָס פּוילישע יידנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

ביז איצט דערשינען:

1) מארק טורקאָוו: מלכה אָווּשיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש
6) זרובבל: בארג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן ציישלין: אין א ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (איינדרוקן פון א רייזע)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן: די יידן־שטאָט לובלין
12) ישראל אפרת: היימלאָזע יידן
13) ד״ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר
14) דוד פלינקער: א הויז אויף גזשיבאָוו
15) ד״ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ
16) קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (זאַמלונג פון דאָקומענטן)
17) חיים גראַדע: פּליטים
18) ש. קאַטשערגינסקי: פּאַרטיזאַנער גייען!... (ווילנער געטאָ)
19) פרידע זרובבל: נע ונד (פאַרצייכנונגען פון א פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט
22) ז. סעגאַלאָוויטש: געבּרענטע טריט

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

טאַניא פוקס: א וואַנדערונג איבער אָקופּירטע לענדער
ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג
לעאָ פינקעלשטיין: מגילת פּוילן
יאָנאַס טורקאָוו: אזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
שלמה וואַגאַ: חורבן טשענסטאָכאָוו
שמחה פּאָלאַקעוויטש: כ׳בין געווען אין טרעבלינקע
א. אלמי: מאָמענטן פון א לעבן
ר. שושנה־קאַהאַן: אין פייער און פלאַמען (טאָגבוך)
רחל ה. קאָרן: לידער

אברהם טייטלבוים

וואַרשעווער הויף

מענטשן און געשעענישן

ארויסגעגעבן דורכן
צענטראַל-פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
פאַרלאַגס-לייטונג: א ב ר ה ם מ י ט ל ב ע ר ג
בוענאָס איירעס, 1947

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
COPYRIGHT BY
ABRAHAM TEITELBAUM
NEW-YORK, 1947

Abraham Teitelbaum

WARSZEWER HAIF

(Hogares de Varsovia)

Buenos Aires, 1947

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
INDUSTRIA ARGENTINA

אינהאלט

מוראנאָוו 19 — — — — — — — — — — — — 11

טוואַרדע 2 — — — — — — — — — — — — 50

טוואַרדע 16 — — — — — — — — — — — — 82

יאַנאַשעס הויף — — — — — — — — — — — 103

גראַניטשנע 7 — — — — — — — — — — — — 127

גענשע 29 — — — — — — — — — — — — 140

נאַלעווקעס 15 — — — — — — — — — — — 149

פּאַנסקע 20 — — — — — — — — — — — — 163

צעגלאַנע 1 — — — — — — — — — — — — 176

כמיעלנע 9 — — — — — — — — — — — — 191

געהייליקט דעם אָנדענק

פון מיין שוועסטער פערעלע,
מיינע שוואָגערס נחום און יואל,
זייערע קינדער און איניקלעך,

וואָס זענען אומגעקומען על קדוש השם אין די נאציישע גאז־אויוונס.

זאָל גאָט זיך נוקם זיין פאר זייער בלוט, און פארן בלוט פון אלע אונדזערע קדושים.

דער מחבר

...ווארשעווער הייף. יידישע הייף. פעסטונגען פון אמאָליקן איינגעוואָרצלטן, דורך דורות פאַרפונדעוועטן יידישן לעבן, וואָס זע־נען אין אונדזערע טעג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שלאכט־פעסטונגען, ווו יידן האָבן באַגענט זייער מארטירער־טויט על קדוש השם.

הויף־ווענט, צווישן וועלכע עס האָבן אמאָל אָפּגעקלונגען די פרייד און געלעכטער פון יידישע קינדער אין זייערע אָרימע אָבער ליבע היימען, און וואָס האָבן איצט געמוזט זיין די שטומע עדות פון די גסיסה־אנגסטן, אין וועלכע עס זענען טאָג נאָך טאָג, נאכט נאָך נאכט אויסגעגאַנגען אונדזערע ליבסטע און טייערסטע.

שטיינער פון די הייף, איבער וועלכע עס האָבן זיך לאנגע יאָרן געטראָגן די לעבעדיקע טריט פון אונדזערע טאַטעס און ברידער, אייגענע און נאָענטע, און וואָס זענען איצט פארשוועקט געוואָרן מיט דעם בלוט און מאַרך פון אונדזערע מאַמעס און שוועסטער, גע־פייניקט דורך אַ פינסטערן שונא —

מיין הארץ גייט אויס פאַר אייך.

און ווייל איך ווייס, אז יידיש לעבן איז אין אייך פארלענדט גע־וואָרן; ווייל איך ווייס, אז אזוי גיך וועט זיך צו אייך אייער אמאָליקע פרייד און אמאָליק געמיט נישט אומקערן; אז יידיש לעבן וועט זי־כער אין אייך נישט האָבן דעם זעלבן אויסזען ווי עס האָט געהאַט, דערפאַר וויל איך דערציילן וועגן אייך.

איך וויל דערציילן וועגן די פשוטע, הארציקע און ליבע יידישע מענטשן, וואָס האָבן געוווינט אין אייך, קינדער אויפגעצויגן, א

מענטשלעך לעבן געפירט, אַ יידיש לעבן, מיט אַלע זיינע חנען און גלאנצן, פארבן און קלאנגען.

ווען די אלע וואָכנדיקע, אומהעראָאישע יידן, וועלכע האָבן מיט זייער פשוטן פאָלקס־אינסטינקט אָנגעזאמלט דעם ריזיקן רעזערוואר פון פאָלקס־כוח און פאָלקס־גלויבן, וואָס האָבן אונדז אויפגעהאלטן אזוי פיל יאָרן דורך אלע שווערע נסיונות אונדזערע. דער פאָלקס־כוח, וואָס האָט איצט, אין די שווארצסטע טעג פון אונדזער געשיכטע, דאַך געקאָנט שאַפן דעם נס, די פשוטע מענטשן אין העלדן צו פארוואנדלען. געבן זיי דעם אומגלויבלעכן מוט, מיט נאקעטע הענט זיך דערוועגן צו שטעלן א העראָאישן ווידערשטאַנד דעם באַפאנצערטן שונא, כדי צו גרויסן און ווירדיקן דעם יידישן נאָמען.

אברהם טייטלבוים

ניו־יאָרק, 1947.

מוראנאָוו 19

דאָס איז געווען א הויף נישט קיין גרויסער, א שמאָלער און לענג־לעכער, ווי הונדערטער אנדערע פון דעם מין אין דעם געדיכטן טייל פון דער יידישער ווארשע. איין זייט, די אינעוויייניקסטע, — א צוויי שטאָקיקע געביידע, און די איבעריקע זייטן, וועלכע האָבן דעם הויף ארומגערינגלט, איינשטאָקיקע געביידעס. אין מיטן הויף איז געווען א קליינער פּלומפּ, פונוואנען אלע שכנים האָבן געשעפּט דאָס טרינק־וואסער, און וועלכער האָט אויך געדינט אָדער אלס קליינער זאמל־פּלאַץ פאר די ווייבער צו „מאָטלען" אין די פרייע מינוטן, אָדער אלס זאמל־אָרט, פון וואנען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די קינדער־שפּילערייען.

דער הויף האָט אָפּגעשפּיגלט דאָס לעבן פון זיינע שכנים. איז אלץ ביי די שכנים געווען „גאָט צו דאנקען", קיינער איז חלילה נישט קראנק געווען, און ביי קיינעם איז גאָרנישט פארלאָפן, איז דער הויף געווען א לעבעדיקער, א געמיטלעכער און שמייכלענדיקער. טאָמער אָבער האָט ווער דורכגעמאכט עפּעס א צרה אָדער אן אומגליק, איז דער הויף געווען א פארוויינטיקטער, א פארדאגהטער און פארשווארצטער. ווייל א צרה ביי איינעם פון די שכנים איז געווען תמיד די צרה און זאָרג פון גאנצן הויף. מיט אלע באזונדערקייטן און אלע צוזאמענשטויסן האָט דער גאנצער הויף דאָך געלעבט ווי איין גרויסע, פיל־גלידערדיקע משפּחה. מ׳האָט זיך אמאָל צעווערטלט און זיך איבערגעבעטן, זיך ליב געהאט און זיך נישט געקאָנט ליידן, ווי עס איז דער שטייגער ביי אייגענע, ווי כמעט איין בלוט און פלייש.

און צוזאמענגעהאלטן די דאָזיקע משפּחהדיקייט אין הויף האָבן נישט דווקא די דערוואקסענע. די טאטעס האָבן זיך זעלטן ווען געזען אין

די וואָכנטעג. זיי זענען געווען פאַרטון אין דאגות־פּרנסה, וועלכע האָט זיי פרי אַרויסגעיאָגט און שפּעט אַהיים געבראַכט. די מאַמעס זענען דעם גרעסטן טייל פון מעת לעת אויך געווען צוגעבונדן דאָ צו דער קיך, דאָ צום רוימען און וואַשן, און דאָ ווי נישט איז, אויף פאַרשידענע אופנים ביים צוהעלפן די מענער אין האַנדל. דאָס קליינוואַרג איז עס געווען, די קינדער, וואָס האָבן געצויגן די פאַמיליע־נעץ, זי אויסגעשפּרייט איבערן גאַנצן הויף. זיי האָבן עס כמעט אָפּגעשאָפט די מחיצות צווישן איין היים און דער צווייטער; געוווּסט וואָס אין יעדנס טעפּל האָט זיך געקאָכט; איבערגעלעגן ביי די שכנים ביז שפּעט אין דער נאַכט, ווען מען פלעגט זיי גוטמוטיק טרייבן: „גיי אַהיים, ס׳איז שוין שפּעט, דיין מאַמעשי רופט דיך"...

די קינדער זענען עס געווען די, וואָס האָבן באַהערשט דעם הויף, זיך ליב געהאַט, זיך פיינט געהאַט, זיך געשפּילט, זיך געשלאָגן, זיך איבערגעבעטן, און געשאַפן „קאַלעיקעס", אייגענע גרופּעס יינגלעך, וואָס האָבן זיך פון צייט צו צייט אַוועקגעלאָזט מלחמה־האַלטן מיט אַנדערע „קאַלעיקעס" פון אַנדערע הייף. און פאַר אונדז קינדער — איך אָן אַכט אָדער ניין יאָריקער צווישן אַנדערע אַזעלכע — איז דער פּשוטער הויף געווען גאָרנישט אַזאַ פּשוטער. פאַר אונדז איז ער געווען דווקא אַ געהוייבענער שוין דערמיט, וואָס ער איז אַרויסגעגאַנגען אויפן „מוראַנאָוו", וווּ עס איז דעמאָלט געווען איינער פון די וויכטיקסטע יידישע מאַרק־פּלעצער. אין די שפּעטערע יאָרן איז דער עכט יידישער מאַרק אָפּגעשאָפט געוואָרן. דער מוראַנאָווער מאַרק איז געווען אַ קוואַל פון פּרנסה פאַר הונדערטער יידישע משפחות, וואָס האָבן דאָרט געהאַט זייערע סטראַגאַנעס, זייערע בוידן און געשטעלן. וואָס האָט מען נישט פאַרקויפט אויפן מוראַנאָוו? ס׳האָבן זיך דאָרט געפונען בוידן פון פיש, קאַרפּן, שלייען, העכט און סענדיקעס. בוידן פון ברויט, חלות, סטריצלען, זעמל און קייזערקעס. בוידן מיט אייזערנע טעפּ, בלעכענע גאָפּלען, הילצערנע לאָקשנברעטער, ערדענע דורכשלאַקן, ליימענע שיסלען און פאַרצעלייענע טעלער. בוידן מיט סטענגעס, בענדלעך, קנעפּלעך, העקלעך, שלייפלעך, קאַראַנעס. בוידן מיט טוכוואַרג, זיידגעצייג, קאָרט, קאַנגאָרן, ציץ און קרעטאָן. בוידן מיט עפּל, פלוימען, אַרבוזן, יענגאַלקעס, באַניעקערן, אַגרעס און וויינפּערלעך.

פּעסער מיט הערינג, קעז, פּוטער, זויערקרויט און אוגערקעס. בוידן מיט הונדערטער טישטעכער, ציכלעך און לײַלעכער, היטלען, הויזן און אײַזנ־וואַרג. יידענעס אין ברייטע פּאַרטעכער און יידן מיט לעדערנע קעשענעס מיט זילבער אָדער קופּער־געלט האָבן געהאַנדלט, געוווּיגן, געמאָסטן און „געלייזט". פון אינדערפרי ביז שפּעט אין אָוונט, אין זומער און אין ווינ־טער, אין גוטן און אין שלעכטן וועטער איז דאָרט געשטאַנען דער געברום און גערויש פון הונדערטער יידישע קונים, וואָס זענען געקומען פון אַלע גאַסן ארום זוכן מציאות, זיך דינגען, באַטאַפּן, באַנישטערן און קויפן.

פאַר אונדז קינדער איז דער „מוראַנאָוו" געווען א גאַנצע וועלט. דער מוראַנאָווער פּלאַץ איז געווען דאָס האַרץ און דער צענטער פון אַלעם, וואָס איז דערגאַנגען צו אונדזער קינדערשן באַוווּסטזיין. פון מוראַנאָוו האָבן זיך אָנגעהויבן אַלע גאַסן, וואָס האָבן אוועקגעפירט ווייט, ווייט... פון מוראַנאָוו האָט זיך אָנגעהויבן די באַרימטע נאַלעווקעס, די גרויסע יידישע גאַס מיט די געפּאַקטע געשעפטן און אָנגעשטאָפּטע „וויסטאַוועס" (שוי־פענסטער). פון מוראַנאָוו האָבן זיך אָנגעהויבן די צוויי גאַסן, די שמאָלע מילע און ברייטע מילע, וווּ עס האָבן זיך געפונען אַלע יידישע חדרים, תלמוד תורהס און שולן. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די פּאָקאָרנע גאַס, וואָס האָט געפירט צום „וואָינע פּלאַץ" און צו דער „קאָליע", די אײַנציקע באַגראָזטע פעלדער, וווּ יידישע קינדער פלעגן אַלע שבת נאָכ־מיטאָג זיך אַרויסלאָזן שפּאַצירן און כאַפּן אַביסל פרישע לופט. ארום מו־ראַנאָוו האָט זיך געפונען די באָניפראַטן גאַס מיט דעם גרויסן משוגעים הויז, וווּ מיר קינדער פלעגן אָפּשטיין שעהנווייז און אַרויפקוקן צו די פאַרגראַטעטע פענסטער, דורך וועלכע עס האָבן זיך קוים געזען די מאָדנע פיגורן, וואָס האָבן אונדז געשראָקן און צוגעצויגן. נישט ווייט פון מו־ראַנאָוו איז געווען די נאָוויניאַרסקע גאַס מיט „צירעלעס" סאַליע, דער גרויסער זאַל ווו יידישע חתונות פלעגן פּאָרקומען — ס'איז געווען דער חלום פון יעדן קינד דאָרט צו זיין. אויפן מוראַנאָוו האָט זיך אויך געפונען דאָס „צירקל", דער פּאָליציי־אוטשאַסטאָק, וווּהין מען פלעגט כסדר ברענ־גען צופירן גנבים, סקאַנדאַליסטן און שכורים — תמיד א קוואַל פון ניי־געריקער אויפרעגונג פאַר אונדז יונגוואַרג. קיין סאָציאַליסטן און שטרייי־קערס האָבן מיר נאָך אין יענע יאָרן —קרוב צום סוף פון לעצטן יאָר־

הונדערט— נישט געזען. מ'האָט ווייניק געהערט וועגן אזעלכע זאכן אין דער יידישער ווארשע.

פאר אונדז, קינדער, איז עס געווען א גרויסע וואזשנעקייט, וואָס אונדזער הויף איז ארויסגעגאנגען אויפן מוראַנאָוו. די מערסטע פון אונ־דזערע שכנים האָבן געלעבט און געצויגן זייער פּרנסה פונעם מוראַנאָוו. אזוי, למשל, איז געווען רב הערש,שפּרינצע דער צעלניקערינס. גערופן האָט מען אים אזוי, נישט ווייל דאָס ווייב איז געווען די פּרנסה־געבערין. חלילה. פארנומען זיך מיט צעלניק־האַנדל האָט ער, רב הערש, מיט זיינע דריי זין. אָבער דאָס ווייב, שפּרינצע, איז געווען א שוואכע, א פּארצוי־גענע, און רב הערש האָט אזוי געציטערט איבער איר, איר אין אלץ אזוי נאָכגעגעבן, אז ס'האָט אויסגעקוקט, ער לעבט אין איר זכות. רב הערש איז געווען א ייד אן איידעלער, מיט א בלאַס פּנים און א קורץ, שיטער בלאָנד־גרוילעך בערדל. ער איז זיכער געווען א קענער אין די קליינע אותיות, כאָטש ער האָט קיינמאָל קיין געלעגנהייט נישט געהאט דאָס ארויס־צוווייזן. ער איז שטענדיק געווען פארהאָרעוועט און פארדאגהט, ער האָט געהאלטן אויפן מארק א בויד מיט צעלניק, אויסגעשטעלט אין גרויסע אָפענע הילצערנע קאסטנס פול מיט בענדלעך, שנירלעך, סטענגעס, קע־מעלעך, זאָקן, קנעפּלעך, העקעלעך, שפּילקעס און נאָדלען.

פאר אונדז, הויף קינדער, האָט דעם צעלניקערס היים געהאט א גע־וואלדיקן צויבער. א גאנצן טאָג איז דאָרט געווען כמעט פינסטער. די צוויי קליינע פענסטערלעך, וואָס זענען ארויסגעגאנגען אין צווייטן קליינעם הויפל אריין, ווו ס'האָט זיך געפונען דער אלגעמיינער „פּריוועט", האָבן גאָר קיין ליכט און קיין לופט נישט דורכגעלאָזן. די האלב פינסטערניש איז תמיד געווען אָנגעפילט מיט שפּרינצעס קרעכצן און איר קלאָגן זיך אויפן אייביקן רעמאטיזם. ביינאכט אָבער פלעגט די אָרימע שטוב, וואָס האָט געדינט פאר א שלאָף־, עס־ און גאסט־צימער, אָננעמען עפּעס א פארלאָקנדיקן, שטארק ליבן אויסזען. רב הערש פלעגט אָפּקויפן אין די גרויסע געשעפטן „ראמשן", פארשידענע "רעשטלעך" און שאר ירקות פון כל המינים. דאָס פלעגט מען אהיים ברענגען אין פארקלאפּטע קאסטנס, און אין דערהיים עס דארפן אויססאָרטירן. צו דעם פלעגן מאָביליזירט ווערן אלע קינדער פון הויף.

ארום דעם גרויסן טיש, איבער וועלכן ס'האָט געברענט אַ העלער בליצלאָמפּ, זענען אויסגעזעצט געוואָרן אַלע שכנישע קינדער. פון די קאַסטנס האָט מען ארויסדערלאַנגט גאַנצע קופּעס מיט צוזאַמענגעפּלאָנ־טערטע זאַכן, וועלכע מיר קינדער האָבן באַדאַרפט אויספּלאָנטערן און סאָר־טירן. און מיט וואָס פאַר אַ האַרצקלאַפּעניש און נייגעריקייט האָבן מיר באַגעגנט יעדן נייעם ארויסדערלאַנגטן פּלאָנטער. גלייך ווי ער וואָלט גע־קומען פון אַ מאַגיקערס, פון אַ קונצנמאַכערס פאַרכשופטן קאַסטן ארויס. וואָס האָט מען דאָרט נישט געפונען? זיידענע קאָלירטע סטענגעס צוזאַמען מיט האָרנאָדלען און שנורוואָדלעס. צעקנייטשטע קאָראָנעס, אין וועלכע עס זענען געווען פאַרפּלאָנטערט העקעלעך און פּעקעלעך שפּילקעס. און מיט אַמאָל פלעגט גאָר אַ בליץ טון אַ פאַרוואָרפן קליין פּערלמוטערן מעסערל, אָדער גאָר אַ קינדיש עלפּענביינערן שפּאַקטיוול, אין וועלכן מ'האָט גע־קאָנט ארײַנקוקן און זען מענטשעלעך. אָדער מיט אַמאָל האָט זיך גאָר פאַרוואַלגערט אַ קליין זיידן געלט־בײַטעלע, צי עפּעס אַ קאָלירט קעסטעלע, וואָס אַז מען האָט עס געעפנט, איז ארויסגעשפּרונגען אַ לאַכנדיק פּאַ־יאַצל... די קינדערשע אייגעלעך פלעגן ביי אַזאַ מציאה אויפפלאַקערן, און אַלגעמיינער התפעלות־אויסרוף פלעגט זיך ארויסרייסן פון אַלע יונגע העלדזער, און מיט נאָך מער חשק האָט מען זיך גענומען אויססאָרטירן די קנעפּלעך, זאָקנבענדלעך און נאָדלען. אָנפירן מיט דעם סאָרטירן פלעגן תמיד רב הערשס זין, אונטער דער הויפּט־השגחה פון דער פאַרצוויגענער שפּרינצען. רב הערש אַליין איז געשלאָפן אין די קליידער אַ טויט מידער. און אַזוי פלעגט מען פאַרפּלאַמטע, פאַרשכורטע, ווי אין אַ כשוף־וועלט איבערזיצן ביים צעלניקער ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

מיר קינדער האָבן ליב געהאַט נישט נאָר דעם צעלניקערס שטוב, נאָר טאַקע אים אַליין, די גוטהאַרציקע צעלניקערין און זיינע קינדער, אי־בערהויפּט דעם עלטסטן זון, לייזערן, וועלכער איז געווען דאָס „שיינדל" פון הויף. דאָס איז געווען אַ רויט־האָריקער בחור פון אַ יאָר זעכצן, מיט אַ בלאַס פּנים און גוטע, כאָטש אביסל גאַוהדיקע אויגן. ער איז געווען אַ בחור אַ מושלם, וואָס האָט זיך אַליין אויסגעלערנט שפּילן פידל, און אין די זומערדיקע אָוונטן פלעגט דער קליינער הויף אונדזערער אָנגעפילט ווערן מיט לייזערס פאַרבענקטע נגונים, וועלכע ער האָט מערסטן אַליין

צוגעטראכט. און נישט נאָר מוזיק: לײזער פֿלעגט אױך אױסטראַכטן ייִדישע לידער, צוזאַמען מיט די מעלאָדיעס צום זינגען. אײנס אַזאַ ליד געדענק איך איז געװען װען א ישיבה בחורל, װאָס איז נעבעך געצװוּנגען צו עסן „טעג" בײ פֿרעמדע טישן. אײנע פֿון די סטראָפֿן איז מיר געבליבן אין זכרון:

„װי איך טו זיך נאָר אין קלױז בײם טיש זעצן,
הײב איך שױן אָן צו טראַכטן װוּ נעמט מען צו עסן".

און נאָך יעדער סטראָפֿע איז געקומען דער רעפֿרען:

„אױ, װײ, איך אָרים בחורל,
אױ, װײ, איך אָרים בחורל".

לײזערס „קינסטלערישע" מעלות און זײן גאַנץ באַנעמען זיך האָבן געהאַט א גרױסן צױבער פֿאַר די קינדער. די מײדלעך זענען געװען פֿאַרליבט אין אים. ער אָבער איז געװען צו ערנסט זיך דערױף אומצוקוקן. אחוץ דעם איז ער געװען פֿאַרנומען מיטן העלפֿן דעם טאַטן בײ דער פּרנסה.

גֿעהאָלפֿן מיטן גאַנצן האַרצן בײם טראָגן די שװערע קאַסטנס מיט סחורה צום מאַרק און פֿון מאַרק האָט אױך דער צװײטער ייִנגערער זון חיים. ער איז געװען א פּשוטער, האָט זיך מיט גאָרנישט אױסגעצײכנט, און איז געװען אָראָפּגעפֿאַלן בײ זיך לגבי דעם עלטערן ברודער. דערפֿאַר איז שױן געװען א גאַנצער יש אין הױף דעם צעלניקערס ייִנגסטער בחורל, דער רױט־קעפּיקער, צען־יעריקער יאָסעלע, א שטאַמלער, װעמען מ׳האָט מיט לצנות און ליבשאַפֿט גערופֿן בײם צונאָמען די „קאָ־קאָ־קאָזעלעך"...

גענומען האָט זיך דער צונאָמען אָט דערפֿון: אין יענער צײט, װען דער רוסישער צאַר איז געװען דער באַלעבאָס איבער פּױלן, פֿלעגן די קאָזאַקן שפּילן א גרױסע ראָלע אין „האַלטן אָרדענונג" אין װאַרשע. יעדן זומער פֿאַרנאַכט, װען ס׳איז שױן געװען צײט צו שליסן די בױדן אױפֿן

ביבליאטעק
[illegible]
אברהם און רחל [illegible]
ביים
וולאדימיר וואלינסקער פאריין

א ווארשעווער ייד מיט זיין טאבאק־פושקעלע

(פאָטאָגראַפירט דורך אלטער קאציזנע)

[illegible]

[illegible]

מארק, און יידן האָבן זיך נישט געאײלט צו ענדיקן די געשעפטן, פלעגט זיך אויפן מוראַנאָוו אראָפּלאָזן א באנדע קאָזאקן אויף זייערע קליינע, פלינקע פערדלעך, און אָנגעהויבן צו יאָגן דעם עולם. דאָס איז געווען נישט קיין קליינע צרה. אָבער ווייל זי האָט זיך איבערגעחזרט פּינקטלעך אָונט נאָך אָונט, האָט מען זיך שוין געהאט צו איר אזוי צוגעוווינט, אז זי איז פארוואנדלט געוואָרן כמעט אין האלבן שפּאָס. די קאָזאקן האָבן טאקע יאָגנדיק געשמיסן מיט די נאַגאַיקעס און דערביי ארויסגעוויזן נישט קיין קליינע אכזריות, אָבער דער עולם האָט זיך אויסגעלערנט איבערצוקליגלען די יאָגערס. זיי האָבן געיאָגט און מען איז זיך פונאנדערגעלאָפן, אָבער באלד האָט מען זיך צוריקגעקערט, און זיי געצווונגען ווידער אמאָל צו יאָגן. אזוי לאנג ביז עס האָט זיך פארוואנדלט כמעט אין שפּיל — ווער זועמען וועט איינמידן. ביז דער מארק האָט זיך ביסלעכוויז אָפּגעליידיקט. איז ביי אזא יאָגעניש אמאָל דער רויטער יאָסעלע ארײנגעפאלן אין הויף אריין אָן אָטעם, און וועלנדיק אָנזאָגן, אז די קאָזאקן יאָגן, האָט ער זיך פארהיקעט שטארקער ווי תמיד, און אלץ וואָס ער האָט געקאָנט ארויסברענגען איז געווען: די קאָ־קאָ־קאָזעלעך!... און אזוי איז ער שוין פארבליבן מיטן צונאָמען די קאָזעלעך.

א צווייטער הויף־שכן, וואָס האָט געצויגן זיין חיונה פון „מוראַנאָוו”, און וואָס האָט פאר אונדז קינדער געהאט א טשיקאַוון צויבער, איז געווען דער טעפּ־הענדלער רב פאָליע מיט זיין ווייב, די פאָליעכע. רב פאָליע, א ייד מיט א רוי, פון דער לופט פארהארטעוועט פּנים, האָט קיין קינדער נישט געהאט, און איז געווען זייער צוגעבונדן צו דער אלטער פאָליעכען. מ'האָט זיי קיינמאָל נישט געזען אליין, תמיד ביידע צוזאמען. עס האָט זיי הפּנים געמוזט תמיד זיין קאלט, ווייל דער אלטער גרויער פאליע איז שטענדיק, סיי זומער סיי ווינטער געגאנגען אין זיין קורץ וואטאָווע רעקל מיטן בארַאנקאָווע היטל אויפן קאָפּ, און די פאָליעכע איז תמיד געווען איינגעהילט אין איר דיקער פאטשיילע, וואָס איז געווען פארבונדן מיט ביידע עקן הינטערן רוקן. זייער גאנץ איינזאם לעבן איז ווייזט אויס געווען ארײנגעטון אין די ערדענע טעפּ און שיסלען, מיט וועלכע זיי האָבן געהאנדלט אין זייער בויד אויפן מארק.

איין מאָל אין וואָך, יעדן מיטוואָך ביינאכט, פלעגט אין הויף ארײנ־

פאָרן א גרויסער, הויך אָנגעפּאַקטער וואָגן מיט טעפּווארג און אויסלאָדעווען די טעפּ אויף דער ערד הינטער רב פּאָליעס פּענסטער אין דער נידער. צום אויסלאַדעווען פלעגן אויך מאָביליזירט ווערן די קינדער פון הויף. מען האָט שוין געוואַרט אויף דער געשעעניש. מיר פלעגן זיך אויסשטעלן אין צוויי שורות. אויבן, אויף דעם וואָגן, איז געשטאַנען דער גוי, וואָס האָט דאָס ערדוואַרג געבראַכט פון ערגעץ און אַראָפּדערלאַנגט די סחורה, און מיר, קינדער, פלעגן זי אויסלייגן אויף דער ערד, אונטער רב פּאָליע און פּאָליעכעס השגחה, אין פּינקטלעך גלייכע רייען, אויסגעבעט מיט ווייכן היי, זי זאָל נישט צעבראָכן ווערן. און דערביי פלעגט מען דאַרפן אָפּהיטן צו לייגן טעפּ צו טעפּ, טעפּלעך צו טעפּלעך, שיסלען צו שיסלען, שיסעלעך צו שיסעלעך, סיי לויט דער גרייס, סיי לויט דעם פאַסאָן, און סיי אפילו לויט דעם קאָליר, וואָס מיר האָבן זיך אויסגעלערנט צו אונטערשיידן אין דער פּינסטער. אויף צומאָרגנס אינדערפרי איז דער גאַנצער הויף געווען פאַרוואַנדלט אין א מאָדערנער אויסברוקירטער פאַרשידנקאָלירטער טעפּ־אַלייע, צווישן וועלכער מען האָט קוים געקאָנט דורכגיין, ביז די גאַנצע סחורה איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן אויפן מאַרק אין דרויסן פאַרקויפט צו ווערן איבער דער וואָך. אָט דאָס אויסלאָדעווען איז ביי אונדזער קינדער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א העכסט פריידיקער אונטערנעמונג, וועלכע האָט געשאַפן די בשותפותדיקע משפּחהדיקייט פון הויף.

א זייער אינטערעסאַנטע פאַר אונדז קינדער, בשותפותדיקע אונטערנעמונג פלעגן זיין די דאָנערשטיק ביינאַכטן אין הויז פון דעם בעקער, וואָס האָט געוווינט אין הויף. ס׳איז געווען א קליינע בעקעריי. איך געדענק נישט, דער באַלעבאָס זאָל נאָך האָבן געלעבט, מיר האָבן אים קיינמאָל נישט געזען. געפירט די בעקעריי האָבן די צוויי שיין אויסגעוואַקסענע טעכטער און דער עלטערער זון. זיי האָבן זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט און א גאַנצע וואָך האָט מען עפּעס פון זיי נישט געהערט. אַראָפּגיין אין דער סאַמע בעקעריי, דאָרט וווּ די האַלב נאַקעטע, אויסגעמעליקטע בעקער־יונגען זענען געשטאַנען איבער דער קאָרעטע און געקנעטן דאָס טייג אָדער געפלאָכטן די חלות, דאָס האָבן מיר זעלטן די זכיה געהאַט, אָבער אַז ס׳פלעגט קומען דאָנערשטיק ביינאַכט, האָט מען ביים בעקער באַדאַרפט צורוקן צו די ווענט דאָס מעבל אין דער גרויסער שטוב, און אויף דער אָפּגעליידיק־

טער פּאָדלאָגע אויסלייגן צום אָפּקילן די גרויסע הייסע חלות און סטריצ־לען, וואָס די בעקער־יונגען פלעגן ארויפברענגען פון דער בעקעריי. און אַפּריוניקן די שטוב איז נישט געווען אזא לייכטע זאך. איך ווייס נישט פארוואָס, אָדער צוליב וואָס, נאָר דעם בעקערס טעכטער האָבן א גאנצע וואָך געהאָדעוועט קראָליקעס אין שטוב. האָט מען די קראָליקעס, וואָס זענען ארומגעלאָפן פראַנק און פריי, באַדאַרפט כאַפּן און זיי האַלטן פאַר־שלאָסן ביז די חלות וועלן צוגענומען ווערן. און דערצו האָט מען שוין געמוזט ארויסווייזן א געוויסע געניטקייט און געשיקטקייט. דערצו זענען שוין אויסגעקליבן געוואָרן די ספּעציאַליסטן צווישן די קינדער. מיר פלעגן זיך אוועקלייגן אויף דער ערד, און האַלטן פאַר זיך אַן אויסגעלייגט קיישל מיט גרינצייג, א ביסל קרויט אָדער מערן, און אויף פאַרשידענע אופנים פאַרנארן די ווייסע קראָליקעס מיט די פאַרשפּיצטע אויערן, זיי זאָלן אריין אין קיישל עסן דאָס גרינצייג.

די קראָליקעס פלעגן שטיין פון ווייטנס, קוקן מיט זייערע רויטע אייגעלעך, שמעקן מיט די ווייסע נעזלעך, זיך עפּעס נישט געטרויען, ביס־לעכווייז אָבער צוקומען, ארײַנשטעקן דאָס קעפּל, און דאַן אינגאַנצן ארײַנ־גיין. דאָ פלעגן מיר זייער שנעל מוזן דאָס קיישל אויפשטעלן און זען, דער קראָליק זאָל בלייבן אינעווייניק. ס'האָט אונדז אריינגעבראַכט כמעט אין אַזאַרט און פאַרשאַפט א סך פרייד. ערשט ווען אַלע קראָליקעס זענען שוין געווען געפאַנגען, פלעגט זיך ערשט אָנהייבן די ארבעט פון אויסשטעלן אויף דער פּאָדלאָגע איינע נעבן די אנדערע אין לאַנגע רייען די הייסע, שמעקנדיקע פאַרשפּיצטע חלות. ביז אין דער שפּעטער שעה אריין פלעגן זיך פאַרציען די פרייַלעכע דאָנערשטיקע אויפדערנאַכטן, ווען מיר פלעגן גיין „אויף געיעג" ביי די האַלב פּריצישע בעקער־טעכטער אין שטוב.

א באַליבטער שכן אין הויף איז געווען רב ישראל דער פּאַפּיראָס־ניק, וואָס האָט געוווינט אין זיין אָרימער דירה אויפן ערשטן שטאָק. דאָס איז געווען א ייד אַן אויסגעדאַרטער, א שווייגנדיקער, מיט טרויעריקע אויגן. אין דעם קליינעם היימישן פּאַפּיראָס־פאַבריקל, וואָס ער האָט אָנגע־פירט אין זיין אָרימען ענגן שטיבל, איז ער געווען אַליין דער ארבעטער און אַליין דער באַלעבאָס. ער פלעגט אַליין ברענגען די הויכע שאַכטלעך מיט גילזן, אַליין זיצן טאָג און נאַכט, זיי אָנשטאָפּן מיט טאַטין, מיט דער־

הילף פון א קליין האַנטמאַשינקעלע, זיי צוריק פּארפּאַקן, און אוועקטראָגן ערגעץ אין דער גרויסער פאבריק אריין, פון וואנען ער האָט אהיים גענומען די ארבעט. אלע שכנים, באזונדערס די קינדער, האָבן אים זייער ליב גע־האַט, און נאָך מער אויף אים רחמנות געהאט. ערשטנס איז ער געווען אַן אַלמן און האָט זיך געמוזט אליין אָפּגעבן מיט דער שטוב און די קינדער, און צווייטנס איז ער געווען קראַנק אויף שווינדזוכט.

נאָך מער ווי דעם טאַטן, רב ישראלן, האָבן מיר אַלע ליב געהאט, כאָטש שוין אָן רחמנות, זיין טאָכטער, די פערצן יעריקע שרהן. דאָס איז געווען א מיידל א פריילעכס, א ברען און א בריה. אחוץ דעם וואָס זי האָט געהאָלפן פירן די שטוב, געקאָכט דאָס ביסל עסן און געצוואָגן די קינדער, האָט זי נאָך אָנגעפירט מיטן גאַנצן הויף. זי האָט מיט אַלע קינדער גע־לערנט די פארשידנסטע שפּילערייען, געזונגען אַלע לידער, און דיקטירט ווער מיט וועמען זאָל זיך חברן, און ווער מיט וועמען זאָל פירן די קינ־דישע, אומשולדיקע ליבעס. שרה איז ביי אונדז קינדער נאָך געווען דער־הויבן צוליב אַן אנדער זאַך. זי האָט געארבעט אין א שאָקאָלאַד־פאבריק. זי האָט סאָרטירט און געוויקלט די שאָקאָלאַדעס אין זילבער און זיי גע־פּאַקט אין קעסטעלעך. ס'איז אפשר נישט געווען קיין סך, אָבער פאר אונדז האָט דער בלויזער געדאַנק, אַז זי רירט זיך פריי צו צו די שמעקנדיקע באַשעריעץ, זי אוועקגעשטעלט אין דער קאַטעגאָריע פון יחסנות. און איך געדענק מיט וואָסערע קלאַפּנדיקע הערצלעך מיר פלעגן גיין אויף דער פּאָקאָרנע גאַס צו דעם קעלער, וווּ שרה האָט געארבעט. די געעפנטע פענסטער פון קעלער־פאבריק זענען געווען פארדעקט מיט גראַטעס, אָבער דאָס האָט אונדז נישט געשטערט, מיר זאָלן קאָנען אריינשטעקן די קעפּלעך און זיך צוקוקן ווי אַזוי שרה פּאַקט פלינק די ברעטלעך שאָקאָלאַדע אין די גלאַנציקע זילבערנע הילעס. און ווי גרוים איז געווען די שפּאַנונג, ווען שרה האָט אָפּגעטשאַטעוועט א מינוט, בשעת קיינער האָט נישט געזען, און ארויסגעוואָרפן אונדז דורכן אָפענעם פענסטער עטלעכע ברעטלעך באַ־זילבערטע שאָקאָלאַדעס. די גוטע, שטיפערישע, פריילעכע שרה...

נישט קיין קליינע פאַראינטערעסירטקייט געמישט מיט אביסל קנאה האָט ארויסגערופן אין הויף רב אבא, א מיטליאָריקער ייד מיט א תמיד שמייכלענדיק פּנים אָבער קיינמאָל נישט אויסגעשלאָפענע אויגן. די קנאה

איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מען האָט אים געהאַלטן שוין פאַר א צו שטאַרקן בריה. א מענטש האָט זיך באַזאָרגט מיט צוויי פּרנסות, א זומער־דיקע און א ווינטערדיקע. רב אבא האָט אין זיין ענגער דירה פון צוויי חדרים באַוויזן איינצואָרדענען סיי א סאָדעוואַסער פאַבריקל און סיי א וואַטע פאַבריקל. ווי אַזוי ער האָט עס געמאַכט, ווייס איך נישט. אָבער ביי אים אין שטוב איז שטענדיק „געגאַנגען". זומער איז געגאַנגען די מאַשין, וואָס האָט געמאַכט און געצאַפּט סאָדע־וואַסער אין די קליינע קופּערנע באַלאָנען אָדער אין די גלעזערנע סיפאָנען, און ווינטער איז געגאַנגען די מאַשין וואָס האָט געדריבלט און געבויגן גאַנצע פּלאַכטעס ווייכע, ווייסע וואַטע.

קיין גביר איז רב אבא הפּנים פון ביידע פּרנסות נישט געווען. דאָס האָט מען געקאָנט זען סיי לויט דעם הילוך פון זיין הויזגעזינט, און סיי לויט דעם, וואָס ער האָט קיין העלפערס נישט געהאַט און אליין געטון אַלע מלאכות. ווו ס'איז ווינטער אהינגעקומען די סאָדעוואַסער מאַשין, אָדער ווו ס'איז זומער אהינגעקומען די וואַטע מאַשין, האָט קיינער נישט גע־וווּסט. רב אבא האָט זעלטן געלאָזט אימיצן צוטרעטן צו זיין פאַבריקל. און ביי אונדז קינדער איז געווען א גאַנצע געשעעניש, ווען מען האָט זיך אַמאָל געקאָנט אריינכאַפּן און צוקוקן ווי די מאַשינען „גייען", דורכדעם וואָס מען האָט צוגעהאָלפן ארויף אָדער אראָפּטראָגן די סיפאָנען סאָדע־וואַסער אָדער די פּעקלעך וואַטע.

גאָר א באַזונדער אָרט צווישן אַלע שכנים אויפן הויף האָט פאַר־נומען די שטוב פון די „ליטוואַקעס", ווי זיי האָבן געהייסן. אָבער מיט וואָס זיי האָבן זיך פאַרנומען, האָט דוכט זיך קיינער נישט געוווּסט. מ'האָט זיי גערופן ביי דעם צונאָמען, וואָס האָט באַדאַרפט סיי אָנווייזן אויף זייער אויסטערלישער אַנדערשקייט, און סיי זיך נוקם זיין אין זיי כאָטש מיט א ביסל חוזק. צו זיי איז כמעט קיינער קיינמאָל נישט געגאַנגען. איבער־הויפּט האָבן מיר קליינוואַרג אהין קיין שליטה נישט געהאַט, כאָטש גע־צויגן אהין האָט מיט סכנות נפשות. זייער שטוב איז געווען ארומגערינגלט מיט סודות. איינע פון די סודות איז געווען, אַז ביי זיי זענען נישטאָ, ווי אין יעדער פון אונדזערע שטובן, קיין צוויי באַזונדערע בעטן פאַר טאַטע מאַמע, נאָר איין בשותּפותדיק בעט. ווי אַזוי אַזאַ זאַך קאָן גאָר מעגלעך

זיין, האָבן מיר זיך אין אונדזערע יונגע מוחעלעך גאָרנישט געקאָנט פאָר־שטעלן. און איך געדענק מיט וויפל שרעק און אומגלויבלעכער דערוואַר־טונג מען האָט אונדז, א גרופע קינדער, שטילערהייט, אויף די שפּיץ פינ־גער, עפּעס א יום טוב נאָכמיטאָג ארויפגעפירט צו די ליטוואקעס אין שטוב אריין, און אריינגעלאָזט דורך דער שטיל אויפגעמאכטער טיר. ס'איז געווען ריין אויפגערוימט, די פּאָדלאָגע מיט פרישן זאמד אויסגעשפּרייט, דאָס מעבל צעשטעלט אין א שטילער ציכטיקייט, און — יאָ, אין גרויסן, ווייס געבעטן בעט זענען געלעגן און געשמאַק געשלאָפן זייער יום טוב נאָכמי־טאָג שלאָף דער ליטוואַק מיט דער ליטוואטשקע... מיר קינדער זענען מיט שרעק און פארשעמטקייט אנטלאָפן, און מיט גרויס געפילדער און גע־וואלדן זיך געלאָזט ארונטער פון די שטיגן. אָבער מיר האָבן לאנגע וואָכן דערפאר געהאט אָפּגעשניטענע יאָרן פון דעם ליטוואקס טעכטערל, די צוועלף יאָריקע צירל די ציגיינערטע.

צירל האָט זיך אָפּגעשיידט פון אַלע קינדער פון הויף מיט איר אומ־געצוימטער ווילדקייט. דאָס איז געווען א משונהדיק מיידל, שווארץ, מיאוס, מיט א פּאָר פינקלענדיקע, כשופדיקע אייגעלעך און פעסט צוזאמענגעדריקטע ליפּעלעך. אלע אירע באוועגונגען, פון קאָפּ, פון די אקסלען און די הענט, זענען געווען ווי אויף ספּרוזשינעס. עס איז געזעסן אין איר א שד. זי האָט זיך זעלטן געשפּילט צוזאמען מיט אלע קינדער. זי פלעגט מערסטנס שטיין פונדערווייטנס און זיך צוקוקן, מיט אמאָל אָבער פלעגט זי זיך געבן א לאָז־צו צו איינער פון די שפּילנדיקע מיידלעך, און מיטן גאנצן כוח זיך איינפלעכטן אין יענערס האָר און רייסן פון זיי גאנצע זשמענעס. זי פלעגט זיך נישט אָפּהאלטן צוצופּאלן אפילו צו איינעם פון די יינגלעך, אים צעקרעלן דאָס פּנים, אָדער אונטערהאקן די זייטן. געוועגלעך פלעגט ווערן א געוואלד און אלע קינדער זענען געקומען צוהילף. אָבער איידער מען האָט צייט געהאט א האנט צו ליגן אויף צירלען, איז זי שוין געהאט אנטלאָפן מיט די באָרוועסע פיס און פארהויבענעם קלײדל. אין א מינוט שפּעטער איז זי אָבער שוין ווידער געשטאנען פון ווייטנס און זיך צולהכעיס־דיק געריצט, פינקלענדיק מיט די סמבטיונדיקע אייגעלעך.

וואָס איז געווען דער גרעסטער חידוש איז, אז מיר קינדער האָבן צירלען נישט פיינט געהאט. אין איר שווארצער מיאוסקייט האָט זי געהאט

טויזנט חנען מיט די קוטשערוואווע, צעפּאַטלטע האָר און בליצנדיקע אויי־געלעך. עפּעס אַזוינס איז געווען אין אירע שטורמישע אויסברוכן, אין איר ציגיינערישקייט, וואָס האָט אונדז צוגעצויגן. פאַרקערט, מ'האָט עס גע־האַלטן פאַר אַ גליק, אויב צירל האָט זיך געוואָלט חברן אָדער שפּילן מיט עמעצן. מערסטנס אָבער פלעגט זי זיך האַלטן נעבן ברודערל אירן, וואָס איז געווען מיט אַ יאָר צוויי עלטער פון איר, אָבער ווען זי פלעגט נישט לאָזן קיין קאָפּ אויפהייבן, און פלעגט אים גאַנץ אָפט אָנברעכן די ביינער. ס'איז אפילו געקומען צו דעם אומגלויבלעכן פאַל, ווען דער גאַנצער הויף איז אַן אינדערפרי זיך צוזאַמענגעלאָפן — צירל האָט דעם ברודער גע־שטאָכן מיט אַ מעסער, אַזוי אַז מען האָט געמוזט ברענגען אַ דאָקטאָר...

אפשר דעם אויבן אָן פון הויף האָט פאַרנומען אונדזער שטוב. און נישט בלויז דערפאַר ווייל די מאַמע ע"ה, רחלע די געלערנטע (איר מיידל־שער פאַמיליען נאָמען איז טאַקע געווען געלערנטער) איז געווען פאַר־רעכנט פאַר דער אשת חיל און קלוגסטער, צו וועמען אלע שכנטעס פלעגן קומען אָדער זיך אָן עצה האַלטן, אָדער אויסרעדן דאָס ביטער האַרץ. זי איז טאַקע געווען דער ווונדער פאַר אַלעמען. נישט געקוקט וואָס זי האָט אַזוי שווער געהאָרעוועט אלס די פרנסה געבעריין פון שטוב — דער טאַטע ע"ה איז געווען אַ שטאַרקער חסיד, וואָס האָט וואָכן און חדשים פאַר־בראַכט ביים רבין און אין דער פרנסה זיך נישט געמישט — האָט זי, די מאַמע, פונדעסטוועגן צייט געהאַט צו זיין די פאַרלעזערין פאַר אלע ווייי־בער פון הויף. יעדן שבת נאָכמיטאָג פלעגן די שכנות זיך צוזאַמענעמען אויסהערן ווי רחלע לייענט פאַר די צאינה וראינה. תשעה באב פלעגן זיי זיך ארומזעצן אויף דער ערד און זיך באַגיסן מיט ביטערע טרערן, ווען די מאַמע האָט געלייענט וועגן חורבן בית המקדש. און נישט בלויז דאָס: צום גרויסן חידוש פלעגט זי נאָך באַווייזן פון צייט צו צייט פאַרצולייענען אַ קאַפּיטל פון דער „אומגליקלעכער אמאַליא", דעם „בלוטיקן אדיע", אָדער „קאַפּי־טאַן דרייפוס". ווייל נישט געקוקט אויף איר גאַנצער אָפּגעהיטענער רע־ליגיעזקייט, האָט זי אָבער שטאַרק ליב געהאַט צו לייענען אויך „וועלט־לעכע" ביכער, און איז געווען די בעסטע קונהטע פון די דעמאָלט פאַר־שפּרייטע העפטן־אויסגאַבן פון די ראָמאַנען, וואָס דער פּאַקן־טרעגער האָט יעדע וואָך צוגעשטעלט. שפּעטער אביסל, ווען ס'האָט זיך באַוויזן דער

„שווארצער יונגערמאנטשיק״, פלעג איך אַפּט זען די מאַמען פאַרגיסן פּונקט אזוי פיל טרערן איבער דעם גורל פון דינעזאָנס העלדן ווי איבער די הארצרייסנדיקע חומש־מעשיות וועגן יעקבס באַקלאָגן יוספן, אָדער רחלס באוויינען דעם גורל פון אירע פארטריבענע קינדער.

אונדזער שטוב איז נישט געווען אינגאנצן קיין פּריוואַטע דירה. מיר האָבן געהאַלטן א גאָרקיך, א היימישע רעסטאָראַציע, וווּהין עס פלעגן אריינקומען די פאַרשידנסטע מענטשן, סיי פון די וואָס האָבן געהאנדלט אין דרויסן אויפן מארק, און נאָך מער אנדערע, געקליבענע געסט, וואָס זענען צוגעצויגן געוואָרן דורך דעם שם פון דער מאַמעס אָרנטלעכער באַהאַנדלונג. און באמת, וויפל איך געדענק, האָט צווישן די געסט געהערשט דאָס געפיל פון אייגענער משפּחהדיקייט. איבערהויפּט האָבן זיך געפילט ווי ביי זיך אין דער היים די „ליטוואַקעס״. אויף וויפל מיר איז געבליבן אין זכרון, פלעגט מען זיי רופן די קאַברינער; זיי זענען טאַקע געקומען פון קאַברין. דאָס איז געווען א גרופּע, וואָס פלעגט פארברענגען צו עטלעכע חדשים פון יאָר אין וואַרשע. זיי זענען געווען הייזער־בויער. זיי פלעגן אָננעמען א פּאָדריאַד צו בויען עטלעכע הייזער מיטאַמאָל. אין דער גרויסער גרופּע זענען געווען סיי דער אונטערנעמער, סיי דער אויפזעער, סיי די מויערער, אָדער מולאַזשעס, ווי מען פלעגט זיי רופן, און סיי די סטאָליאַרעס. זיי זענען געווען מערסטנס מיטליאָריקע מענטשן, עטלעכע מיט בערד און עטלעכע געגאָלטע (דערויף זענען זיי דאָך „צלם־קעפּ״). זיי האָבן זיך אויפגעפירט זייער בכבודיק. מ'האָט שטאַרק געהאַלטן פון זיי צוליב זייער ניכטערער קלוגשאַפט און פריילעכער אויפגעלייגטקייט. אָבער דאָס בעסטע אין זיי פלעגט זיין דאָס, וואָס זיי זענען געווען שטאַרקע מנגנים און האָבן ליב געהאַט צו זינגען. יעדן אָוונט, ווען די אָפּיציעלע וועטשערע האָט זיך געענדיקט און די זייטיקע געסט זענען זיך צעגאַנגען, פלעגן די ליטוואַקעס איבערבלייבן פאַרברענגען ווי ביי זיך אין דער היים. און דערביי האָט מען אויסגעזונגען אַלע לידער, וואָס זענען צו יענער צייט געווען פּאָפּולער ביים פּשוטן עולם. ארום דער הייסער טיי, וואָס די מאַמע פלעגט שוין שטעלן אַלס כבוד, איז מען געזעסן און געזונגען אליקום צונזערס, אברהם גאָלדפאַדענס, און סתם פאָלקס־לידער. די שטוב איז געווען ליכטיק, און א סך פון די שכנטעס פלעגן ארומגעוואַשענע אריינקומען זיך אוועקזעצן, זיך

צוהערן און הנאה האָבן, און דערביי פלעגן אויך נישט פעלן די קינדער פון הויף, ווען די מאמע פלעגט שוין אין אײנוועגס געבן ארבעט — זיצן צוזאמען און איבערקלייבן ארבעס אָדער בעבלעך, כדי אויסצוריי־ניקן די ווערעמדיקע. זי אליין האָט אין דער זעלבער צייט אָדער כשר גע־מאכט דאָס פלייש אָדער פארקנעטן דאָס טייג, וואָס מ׳האָט אויף צומאָרגנס גאַנץ פרי געדארפט קאָכן.

אויסערגעוועגלעך פריילעך פלעגן אין יענער צייט זיין די פרייטיק־צונאכטסן, אָדער יום טוב, אין אונדזער שטוב. די „ליטוואקעס" (אין דעם פאַל האָט דער צונאָמען געהאט דעם בייקלאנג פון ליבלעכקייט און אייגנ־קייט) האָבן תמיד אָפּגעהאלטן שבת ביי אונדז. פרייטיקצונאכטס פלעגן זיי מערסטנטיילס אויף א לייכט־ערנסטן אופן מקבל שבת זיין אין שטוב, נישט ווי אלע שכנים, וואָס זענען געגאנגען אין שול אריין דאווענען, און דערנאָך זיך אוועקזעצן עסן. דערביי איז דער גאנצער הויף אָנגעפילט גע־וואָרן מיט דעם פריילעכן געזאנג פון זייער זמירות, און נאָכן עסן, פון די הארציקע ליטווישע נגונים. זיי זענען געווען א ליבלעכע חברה, די „ליט־וואקעס", האָבן ליב געהאט צו דערציילן מעשיות און טרייבן לצנות. דער־ביי, פארשטייט זיך, האָט זיך די הויפּט לצנות געטריבן ארום דער אייבי־קער גוטמוטיקער מלחמה צווישן די ליטוואקעס און די „פּוילישע", ווי זיי פלעגן עס חוזקדיק אויסרעדן.

דערפאר טאקע, ווייל אונדזער שטוב איז געווען תמיד אן אָפענע און פריילעכע, איז זי פארעכנט געוואָרן פארן צענטער פון הויף. און דעריבער טאקע זענען מיר, איך, דער אכט יאָריקער חדר־יינגל, און מיין צוועלף יאָריקע שוועסטער רבקהלע, וואָס האָט געהאָלפן דער מאמען אין שטוב, געווען צווישן די אָנגעלייגטסטע. דער יחוס פון אונדזער מאמען, רחלע דער געלערנטער, איז אונדז בייגעשטאנען. די אנדערע צוויי שוועס־טער מיינע, די זיבעצן יאָריקע עטל און די אכצן יאָריקע פּערלע, האָבן זיך שוין מיטן הויף כמעט נישט אָנגעקערט. זיי זענען שוין געווען „פּאַ־ניענקעס", זיי פלעגן שוין גיין אין „טעאטער" און האָבן זיך שוין געפילט אומבאקוועם, וואָס מיר וווינען אויפן „מוראנאָוו". עס האָט זיי שוין אוועק־געצויגן צו עפּעס אנדערש. עטקע, וואָס איז געווען א בריה און אויסנייען און אויסהעפטן, האָט זיך פארנומען מיט הויזפּוצעריי, און פּערלע איז

[stamp]

געווען א פארקויפערין אין א גרויסן געשעפט. זיי פלעגן זיך שוין אין א שבת אָדער א יום טוב ליב האָבן אויסצופוצן און אוועקגיין שפאצירן, באגלייט פון די באוואונדערנדיקע אויגן פון גאנצן הויף.

פאר א שטיקל צייט איז אונדזער שטוב געוואָרן בארימט צוליב דעם מאָדנעם פאל, ווען ביי אונדז זענען געגעבן געוואָרן אומגעריכטע אָפּערע־קאָנצערטן, וואָס זענען פאר דער מאמען געווען א שטארקע אָפּקומעניש... דער קאָנצערט־געבער איז געווען דער זון פון דעם דעמאָלט באקאנטן פּראַ־גער חזן שמעון פּאָגעלנעסט. דאָס איז געווען א יונגער, זעלטן שיינער בחור פון א יאָר צוואנציק. ער האָט געהאט אן אויסערגעוויינלעכע טענאָר־שטימע און האָט זיך געריסן צו ווערן אן אָפּערע זינגער. ער איז טאקע שפּעטער אוועקגעשיקט געוואָרן קיין איטאליע שטודירן, האָט זיך געשמדט און געוואָרן אן ערשטער זינגער אין דעם בארימטן סקאלא־טעאטער אין מילאן. אָבער אין יענער צייט נאָך אין ווארשע האָט ער שוין געקענט פון אויסנ־ווייניק די אריעס פון אלע אָפּערעס, און פלעגט זיי זינגען ווו ער איז גע־גאנגען און געשטאנען. ער האָט שוין דעמאָלט פארמאָגט אלע גענג און אויפפירונגען פון די באָהעמישע אָפּערא־זינגערס. ער פלעגט גיין אָנגעטון אין סאמעטענע קורצע הויזן מיט א העמד איבערגעלייגט איבערן רעקל, און מיט א ברייטן הוט איבער די צעפּאטלטע האָר. ער האָט זיך דעמאָלט געשדכנט צו מיין שוועסטער עטלען. אין שבת פארנאכטן פלעגט ער זיך אראָפּלאָזן אויפן מוראנאָוו צו אונדז אין שטוב אריין מיט א גרויסן בוקעט בלומען ווארטן אויף עטלען. שוין זיין משונהדיק אויסזען פלעגט ארויס־רופן א טומל איבער דער גאס, און מענטשן פלעגן אים נאָכלויפן אין הויף אריין. און אז ער האָט זיך נאָכדעם אוועקגעשטעלט זינגען מיט זיין נאָל־דענער שטימע ביי די אָפענע פענסטער, פלעגט דער „גאנצער מוראנאָוו" זיך צוזאמענלויפן אויף דעם גרויסן ווונדער. די מאמע פלעגט זיך נעמען דאָס לעבן און נישט וויסן זיך ווו אהינצוטון פאר פארלעגנהייט און בושה. פארוועדן אים צו קומען האָט זי צוליב איר גוטסקייט נישט געוווסט ווי אזוי, און די פרייע קאָנצערטן פלעגן זיך איבערחזרן צו איר גרויסן ווייטיק. ווי אזוי מען איז פון דעם סערענאדע־זינגער פּטור געוואָרן, ווייס איך נאָך ביז היינט נישט.

דאָס לעצטע מאָל וואָס איך האָב דעם סערענאדן־זינגער געהערט

זינגען איז געווען אויף מיין שוועסטער פּערעלעס חתונה. אָבער ביי דער געלעגנהייט האָב איך אויך געהערט זיין פאָטער, שמעון פאַגעלנעסט, דעם פּראַגער חזן, וואָס האָט באַשיינט די שמחה מיט זיין זינגען עטלעכע שטיקלעך פּיוט. די סיבה איז געווען, וואָס מיין פּערעלעס מאַן, נחום, איז געווען אַ פּראַגער רייך געוואָרענער באַלעבאָס, וואָס האָט זיך געלאָזט קאָסטן אַ סך פאַר דער גרויסער פּראַגער שול.

בכלל, געדענק איך, האָט יענע חתונה ביי אונדז אין הויף אַרויסגערופן אַ סך אויפרודער. ס'איז געווען אַ רייכער שדוך, און מען האָט געשמועסט, אַז דער חתן וועט פּערעלען „גליקלעך מאַכן". ס'איז אָבער אויך געווען פאַרבונדן מיט אַביסל באַהאַלטענעם פאַרדרוס. די חתונה איז כמעט געווען אַ „דייטשישע". חתנס צד איז דורכאויס באַשטאַנען, אַז זיי זאָלן מאַכן די חתונה אויף זייער גרויסן אופן, און נישט די אָרימערע כלהס צד. ס'האָט געפעלט ביי אונז אין שטוב דער גאַנצער טאַראַראַם, וואָס איז געווענלעך פאַרבונדן מיט קאָכן, באַקן, בראָטן און גרייטן זיך פאַר אַ חתונה. מיר זענען געקומען אין חתונה־זאַל אַריין אויסגעפּוצטע ווי עפּעס איינגעלאַדענע געסט. און איך געדענק, אַז אין גרויסן חתונה־טומל האָב איך זיך אַרומגעדרייט ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער צווישן די פרעמדע רייכע „דייטשן".

פאַרגעקומען איז די חתונה אין דער אויסגעפּוצטער ריזיקער סאַליע אויף דער נאָוואַליפּקעס גאַס. ... אין אַ וויניאַרסקע גאַס. און איינע פון די הויפּטזאַכן, מיט וועלכע זי האָט זיך אויסגעצייכנט, איז געווען, וואָס עס האָט געשפּילט דער באַרימטער „יאַנטעל" מיט זיין כליזמרישער קאַפּעליע. יאַנטעל איז אין וואַרשע אין יענער צייט געווען אַ שם דבר. און נישט יעדער האָט געהאַט די זכיה, ער זאָל שפּילן ביי זיין חתונה. וועגן יאַנטלען האָט מען דערציילט אַ סך כמעט לעגענדאַרישע מעשיות. ער איז געווען פון די אמאָליקע פידלערס, וואָס האָט נאָך געשפּילט אין דער וואַרשעווער אָפּערע ביי דער ערשטער אויפפירונג פון מאָניושקאָס „האַלקאַ". און ווען מען האָט שפּעטער צום ערשטן מאָל געעפנט דאָס באַרימטע וואַרשעווער קאָנצערט־הויז, די „פילהאַרמאָניע", זענען לכבוד דער דערעפענונג איינגעלאַדן געוואָרן אַלע אַרטיסטן און מוזיקער, וואָס האָבן געהאַט זיך באַטייליקט אין דער פּרעמיערע פון „האַלקאַ". צווישן זיי איז געווען יאַנטעל, צוזאַמען מיט

די יידישע מוזיקער שולץ, זאַנענפעלד (וואָס איז נאָכדעם געוואָרן דער דירינענט אין פוילישן טעאַטער לודאָווי) און אויך דער יידישער זינגער ראַטמיל.

מען האָט אויך נאָכדערציילט, אַז ביי דער „קאָראָנאַציע", ווען מען האָט געקרוינט דעם קיסר אַלעקסאַנדער דער דריטער, און אויפן גזשיבאָוו־פּלאַץ זענען אונטערן פרייען הימל געשטאַנען אויסגעשטעלט טישן מיט עסן און טרינקען פריי פאַר יעדן איינעם, האָט יאַנטעל דאָרט אָנגעפירט מיט זיין באַרימטער קאַפּעלע יידישע מוזיקאַנטן. אלס באַלוינונג האָט ער געקראָגן א צעשפּאָלטענעם קאָפּ פון די שטיינער וואָס מען האָט אויף אים געוואָרפן פון דעם קאַשטשאָל אַרויס. דאָס איז געווען די אַרבעט פון די באָליאַקן, וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט באַטייליקן אין דער פייערונג ביי דער קרוינונג פון דעם פאַרהאַסטן רוסישן צאַר.

מ'האָט אויך דערציילט, אַז יאַנטעל פלעגט מיט זיין קאַפּעליע פאַרבעטן ווערן צו שפּילן ביי געוויסע געלעגנהייטן ביים אמאָליקן גענעראַל גובערנאַטאָר גורקין.

ביי מיין שוועסטער פערעלעס חתונה, ווען כ'האָב אים געזען, איז יאַנטעל שוין געווען א זקן, מיט א ווייס בערדעלע און רויטלעכע בעקעלעך. געקליידט אין האַלב דייטשע קליידער, אָבער מיט א קאַפּעלע אויפן קאָפּ. ער האָט געשפּילט די טענץ־מוזיק ווי אן אמתער אַרטיסט, מיט פאָזע, מיט אָנשטעל, אכטונג געבנדיק בשעת מעשה, אַז די טענץ — א „לאַנסע", א „טשאַרדאַש", א „קאָנטער־טאַנץ" און „קראַקאָוויאַק" — זאָלן דורך דעם „אָנפירער" דורכגעפירט ווערן לויט אַלע כללים. און כ'געדענק ווי פרעמד מיר האָבן געקלונגען די באַפעלן אין פויליש פון דעם יונגן, צעהיצטן „פאַצעטל", וואָס האָט געפירט די טענץ: „זמיאַנאַ דאַם!" (זיך בייטן מיט די דאַמען), „פּאַנאָוויע דאָ שראָדקאַ!" (מענער אין מיטן אַריין), „פּאַראַ וו'לעוואָ, פּאַראַ וו'פּראַוואָ!" (א פּאָרל לינקס, א פּאָרל רעכטס).

א סך מער צום האַרצן איז שוין געווען דער האַלב חסידישער „מאַרשאַליק". אויב איך מאַך נישט קיין טעות, איז עס געווען דער באַרימטער שמואל מאַטשעוויצער. א הויכער, ברייטפּלייציק, מיט א רויטלעכער באָרד. ער האָט אפילו די דייטשע געסט צעגומען מיט זיין „כלה באַדעקענס", ווען ער האָט אין מיטן זאָל זיך צעקלונגען דאָ מיט די „מאָראַלישע" אויס־

געזונגענע גראַמען װעגן דער כּלה, װאָס שטײט אָנגעצײכנט אין „פּאַרן יום הדין“, פון װאָס די װײבער האָבן געװישט די אױגן און געשנײצט די נעזער. און באַלד מיט זײנע קאָמיש בדחנישע שפּרוך װערטלעך, אין װעלכע ער האָט אַרײַנגעפלאָכטן די נעמען פון אַלע מחותנים, פון װאָס דער עולם האָט זיך געקאַטשעט פון געלעכטער.

אָבער דער הױפּט מאָמענט פון דער חתונה איז געװען, װען נאָך דער װעטשערע האָבן די פּאָגעלנעסטס, טאַטע און זון, משמח געװען. דער אָפּערן־זינגער האָט זיך דאָ געפונען אין זײן ריכטיקן עלעמענט. ער האָט דאָ אפשר צום ערשטן מאָל געהאַט פאַר זיך אַזאַ גרױסן עולם. ער האָט געזונגען אײן אָפּערן־אַריע נאָך דער צװײטער. און בײ מיר איז געבליבן אין זכּרון װי בײ יעדן אױסלאָז פון אַן אַריע, בײ יעדן פינאַל, איז ער אַרומגעגאַנגען בראַװוריש פון אײן עק זאַל צום צװײטן, ציענדיק דעם טאָן פון זײן גאָלדענער שטימע אַזױ לאַנג װי דער אָטעם האָט נאָר דערלױבט. מיט זײן צעפלאַמט פּנים אַרומגערינגלט פון די צעשױבערטע לאָקן, און מיט די הענט שאַרף אױסגעשפּרײט אין דער הױך, האָט ער װי אָנגעצונדן דעם גאַנצן חתונה־זאַל און אַרױסגערופן די שטאַרקסטע באַגײסטערונג פונעם עולם, װאָס האָט אים נישט געװאָלט אָפּלאָזן.

דערפאַר אָבער האָט זיך שױן אַ סך צוריקגעהאַלטענער באַנומען דער פאָטער זײנער, רב שמעון. ער איז די גאַנצע צײט געזעסן אױף זײן בכּבודיק אָרט אױבנאָן בײם חתן־טיש, אַ בלאָנדער, דיקלעכער, מיט אַ בכּבודיק פאַרקעמטער באָרד, און בײ דער שטילער אױפמערקזאַמקײט פון די געסט האָט ער געזונגען זײנע ײדישע תּפילות. ביזן הײנטיקן טאָג איז מיר פאַרבליבן דער ניגון פון זײן „אשכּול—אױ תּאַות, תּאַות, תּאַות“...

אָבער װאָס מיר איז אַממערסטן פאַרבליבן פון יענער חתונה איז געװען: איך האָב די מאַמען אונזערע כּמעט נישט דערקענט. צום ערשטן מאָל אפשר האָב איך זי געהאַט געזען אַזױ אױסגעפּוצטע, אין אַ נײ קלײד, מיט אַ פרישן קאַרבירט יום טובדיק שײטל, און אַ גאָלדענע קײט אַראָפּגעהאַנגען פונעם האַלדז. זי איז געװען יום טובדיק שײן, אָבער עפּעס אַזױ פרעמד אַנדערש פון דער פאַרהאָרעװעטער, אײלנדיקער, אָבער אַזױ הײמיש אײגענער מאַמען פון אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר. און אין מײן קינדיש הערצל האָב איך דאַכט זיך געהאַט דאָס געפיל, אַז אױך זי, די מאַמע, האָט

זיך געפונען ווי עפּעס פרעמדלעך אויף דער גבירישער, האלב דייטשער חתונה...

נאָך א צוציאונג פאר די הויף־מענטשן האָט אונדזער שטוב געהאַט דערמיט, וואָס מען האָט שטילערהייט גערעדט, אז ביי אונדז „מאַכן פּראָבע" די פּריילעכע קאָמעדיאַנשטשיקעס, די „פאַרשטעלערס". דאָס איז געווען א קליינע גרופּע אמאַטאָרן, פּשוטע בעלי מלאכות, וואָס פּלעגן זיך פאַרנעמען מיט „שפּילן טריאַטער", אָדער „מאַכן די העצע", ערגעץ אין פּריוואַטע שטיבער, ביי א פאַרהאַנגען ליילעך און א טישל מיט צוויי בענקלעך. ווייל קיין עפנטלעך יידיש טעאַטער איז דעמאָלט אין ווארשע נישט דערלויבט געווען. א צוויי דריי פון זיי פּלעגן זיין אונדזערע שטענדיקע געסט און זענען יעדן טאָג געקומען עסן צו אונדז. צוויי זענען געווען קאָמאַשן־שטעפּערס, מעבל און פישל. דער דריטער, „לייבעלע קאָמיק", האָט דוכט זיך נישט געהאַט קיין באַשטימט פאַך. דאָס איז געווען א גאָר טשיקאַווע גרופּע, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט פון אלע אנדערע געסט. זיי פּלעגן זיך האלטן באַזונדער, רעדן צווישן זיך אזוי, אז די איבעריקע האָבן כמעט נישט געקאָנט כאַפּן, וועגן וואָס עס גייט. בלויז נאָר פון זייערע בליציקע אויגן, און פון די אָפטע געלעכטער־אויסברוכן, מיט וועלכע זיי האָבן באַגלייט אימיצנס פון זיי אן ארויסגעזאָגטע פראַזע, אָדער ווען זיי האָבן זיך שטומערהייט איבערגעוואונקען וועגן אימיצן פון די איבעריקע געסט, איז געווען קלאָר, אז די חברה האָבן זיך אן אייגן טשיקאַווע וועלטל.

כ'ווייס נישט ווי אזוי זיי האָבן אויסגעפּועלט ביי דער מאמען, אז געוויסע טעג, אין די אָוונט־שעהן, ווען ס'זענען קיין אנדערע געסט נישט געווען, זאָלן זיי קאָנען קומען און איינשטודירן זייער „טריאַטער־שפּיל". די דריי פּלעגן צייטנווייז מיטברענגען נאָך אנדערע „פאַרשטעלערס" און מען פּלעגט זיך אָדער אוועקזעצן איבערזינגען זייערע לידער, אָדער אוועקשטעלן זיך איינחזרן גאנצע שטיקער פון זייערע שפּילן. און פאר מיינע קינדערשע אויגן פּלעגט פאָרקומען עפּעס אזעלכעס, וואָס איך האָב בשום אופן נישט געקאָנט באַגרייפן. אָט איז דאכט זיך דער אייגענער מעבעלע, דער דארער פראַנטל מיט די שווארצע לויפנדיקע אויגן, וועמען איך האָב געקענט פון ביי טאָג. איצט אָבער האָט ער גערעדט אויף א פרויען־קולעכל, מ'האָט אים גערופן „מירעלע" און געווען א יתומה. פישל, דער גוטמוטי־

קער בחור מיט די תמיד פארשוואַרצטע פינגער, פלעגט איצט לויפן איבער דער שטוב, רעדן אַזעלכע גיכע, משונהדיקע ווערטער, און אַלע איבעריקע האָבן אים גערופן „האָצמאַך". אָדער גאָר דער בלאָנדלעכער לייבעלע קאַ־מיק, מיט דעם האַלב וויינענדיקן האַלב לאַכנדיקן פּנים, האָט איצט גע־רעדט און אויסגעזען ווי אַן אַלטע באָבע און מ'האָט געקאָנט שווערן, אַז ער טראָגט אַ טשיפּעק אויפן קאָפּ, אַ פּאַטשיילע אויף די אַקסלען, און לענט זיך אָן אויף אַ גראָבן שטעקן. דאָס איינענע אויך די איבעריקע „פאָרשטעלערס".

און דאָס וואָס ס'האָט זיך אָפּגעטון ביי זיי, איז געווען עפּעס אַזוי מעשה־נוראָדיק. אַ טייל פון זייערע לידער זענען מיר פאָרגעקומען אַזוי אויסטערליש. אַזוי געדענק איך ווי יאָרן לאַנג האָט מיר געקלונגען אין די אויערן איינס אַזאַ ליד, וואָס זיי האָבן געזונגען צו פּישעלע—האָצמאַכן:

„דילקאַ קאָבדיל ניש
מעדאַרפּניש מעווילניש
מיאָווילמאָ באַדיאָניש קויפּן".

ערשט יאָרן שפּעטער האָב איך געקאָנט דעשיפרירן אָט דעם קוי־דעריש און געפינען, אַז עס איז אַברהם גאָלדפאַדענס קאָר־ליד אין „דער כשוף מאַכערין" („באָבע יאַכנע"):

דיל קיין קאָפּ, דיל נישט
מען דאַרף נישט, מען וויל נישט,
מיר ווילן ביי דיר נישט קויפן.

אָבער נישט אַלע לידער האָבן דעמאָלט געקלונגען אַזוי משונהדיק. דאָס ליד וואָס מעכעלע, די יתומה, האָט געזונגען:

„אוי ווי, יידן בני רחמנים,
אַ גוט האַרץ איז דאָ ביי אייך"

און איבערהויפּט:

„אַ היים גיין זאָלט איר מיך ניט נייטן,
די שטיפמאַמע זי וועט דאָך מיך טייטן".

איז געווען אזוי הארצרייסנדיק, און ארויסגערופן אזוי פיל באַנגשאפט, אז סיי איך אליין, ערגעץ אין א ווינקל, און סיי די מאמע, האָבן זיך קוים געקאָנט איינהאלטן פון וויינען אויף דעם מזל פון א יידישער יתומה, פאַר־געסנדיק דערביי, אז דאָס זינגט בלויז דער „פאַרשטעלער" מעכעלע מיט א פארענדערט קול. ווייל סיי ווי סיי זענען מיר, זייטיקע צוקוקערס, אין דער שעה אריבערגעטראָגן געוואָרן אין אן אנדער וועלט.

איך האָב אונדזער היים נישט דערקענט. אונדזער שטוב מיט די בלוי געקאלעכטע ווענט האָט אָנגענומען עפּעס אן אומגלויבלעכן אויסזען. מיר האָבן אפילו נישט באמערקט ווי די טיר פלעגט זיך שטילערהייט עפענען און דאָ האָט זיך איינע, דאָ א צווייטע פון די שכנות אריינגערוקט, און זיך ערגעץ צוגעטוליעט אין א ווינקל, כדי מיט א פארפלאמט פנים זיך איינהערן אינעם געזאַנג און די רייד פון די „פאַרשטעלערס". אָדער ווי די טונקעלע פענסטער־שויבן פלעגן ווי פארקלעפּט ווערן מיט די קינדע־רישע קעפּלעך מיט זייערע פארוואונדערטע אייגעלעך און אויפגעריסענע מיילער.

טעג נאָכדעם פלעגן די קינדער פון הויף מיך ארומרינגלען, כדי כ'זאָל זיי נאָכדערציילן וועגן די אויסטערלישע זאכן, וואָס עס טוען אָפּ די „פאַר־שטעלערס", און זיי אויסלערנען דאָס אזוי משונהדיקע לידל:

„דילקא קאָבדיל נישט
מעדארפּניש מעווילניש
מעווילמאָ באַדיאָניש קויפּן"...

ביי מיר איז פון יענער צייט געבליבן אין זכרון א קליינער עפּיזאָד. דער עפּיזאָד האָט געהאט צו טון מיט דעם שיינעם יידישן מנהג פון „חומש אָנהייבן", און מיט דעם ערשטן מאָל וואָס איך בין באַגזלט געוואָרן אין לעבן.

איינער פון די ייִנגערע ייִנגלעך אין אונדזער חדר האָט אָנגעהויבן צו לערנען חומש, און ווי דער שטייגער איז געווען, האָבן די עלטערן לכבוד דעם גרויסן געשעעניש געמאכט א שבת נאָכמיטאָג א סעודה, צו וועלכער ס'זענען פארבעטן געוואָרן אלע חדר־ייִנגלעך. וואָס דאָס האָט געמיינט אין

לעבן פון אונדז קלײנוואַרג, איז שווער איבערצוגעבן. דאָס פלעגט זײן א געשעעניש, אויף וועלכער מיר האָבן געוואַרט ווי אויף א גרויסן יום טוב. עפּעס א קלײניקייט, גײן צו א סעודה וווּ מען טײלט לעקעך און בראָנפן און אַלע גוטע זאַכן. אָבער די הויפּט געשעעניש בײ אַזאַ שמחה פלעגט זײן, וואָס צום אַהײם גײן פלעגט מען די פאַרבעטענע ײנגלעך אויסטײלן „פּידלעס", א קאַרטאָנען שאַכטל אָנגעפילט מיט כּלערלײ גוטס: ראָזשינקעס, מאַנדלען, פײגן, טײטלען און צוקערקעס. דאָס פלעגט זײן דער קרוין־מאָמענט אין דער גאַנצער שמחה. דעם באַטרעפנדן שבת בין איך צוזאַמען מיט אַלע ײנגלעך, אָן אויסגעוואַשענער און אויסגעפּוצטער געווען בײם „חומש־אָנהייבן". די סעודה איז דורכגעגאַנגען זײער געהויבן. דער רבי האָט געהאַלטן א דרשה, פאַרהערט דעם חומש־אָנהייבער. די עלטערן זענען געווען העכסט גליקלעך און מיט דער ברײטער האַנט אויסגעטײלט אַלדאָס גוטס אונדז ײנגלעך, וואָס זענען געווען אויסגעזעצט אַרום טיש. און ענדלעך איז געקומען דער גרויסער מאָמענט פון פאַרן אַהײם גײן, ווען מען האָט יעדן אויסגעטײלט זײן „פּידלע". ווער עס האָט נישט געזען די פּינקלענדיקע אויגן פון די קלײנע חברה, ווען מען האָט אויסגעשטרעקט די הענטלעך און געוואַרט אויף דער גרויסער געשעעניש שוין צו האַלטן די פּידלע אין די אײגענע הענט! מ'האָט ממש געקאָנט הערן ווי די הערצלעך קלאַפּן... און אָט האָבן מיר שוין אָט דאָס פּירקאַנטיקע שאַכטעלע, אין וועלכן מען האָפט צו געפינען די אַלע נאַשערײען, מיט וועלכע מען וועט זיך קוויקן א גאַנצע וואָך. מען ווינטשט אָן די בעלי שמחה צו דערלעבן נחת און פרײדן, ווי די מאַמעס האָבן אונדז אויסגעלערנט, און מען לאָזט זיך געשווינד אַרויס פון שטוב און אַראָפּ פון די טרעפּ. אָבער דאָ איז א גרויס אומגליק געשען, אָן איבערפאַל... א חברה ײדישע לאָבוסלעך האָבן אונדז אָפּגעוואַרט אויף די טונקעלע שטיגן, פאַרפירט א געשלעג, און אין טומל צוגערויבט בײ א גרויסן טײל ײנגלעך זײערע טײערע פּידלעס. געשרייען, געוואַלדן, געווײנען פון די איבערגעפאַלענע, אָבער די יונגע „האָלדאַפּניקעס" זענען אין דער סומאַטאָכע אַנטלאָפן מיט זײער רויב. צווישן די באַפאַלענע בין איך אויך געווען. איז דען נויטיק צו זאָגן, מיט וואָס פאַר א צעבראָכן הערצל איך בין געגאַנגען פון יענעם הויף אַהײם צו אונדז אויפן מוראַנאָוו אָן דער געגאַרטער מתנה, אָן א „פּידלע"? אָבער ווי גרויס

איז געװען מײן קינדישע איבערראַשונג, װען איך בין צוגעקומען צום טויער פון אונדזער הויף און געטראָפן שטײן מײן מאַמען װאַרטן אויף מיר. און אײדער איך האָב נאָך צײט געהאַט אַרויסצולאָזן מײן קלאָג אויף דעם, װאָס ס'איז געשען, האָט זי מיר מיט איר שטילן טאָן געזאָגט:

„שאַ, װײן נישט, אַט איז דײן פידלע".

אונדזער הויף, נאַטירלעך, איז געװען שטאַרק אויפגעקאָכט צוליב דער גװאַלדיקער רציחה, װאָס איז באַגאַנגען געװאָרן. די קלײנע „קאַ לעיקע" אונדזערע, די מוטיקערע ייִנגלעך, האָבן זיך אװעקגעלאָזט אין יענעם הויף כדי צו נעמען נקמה פאַר זײער חבר. אָבער קײנער האָט נישט געװוּסט, װער די אָנפאַלערס זענען געװען. קײנער האָט זײ אין דער טונקל נישט געקאָנט זען, און דער אָנפאַל אויף מיר איז געבליבן נישט אָפּגעצאָלט.

אין זכרון איז מיר אויך פאַרבליבן אַן אָװנט בײ אונדז אין שטוב, װאָס האָט זיך שיעור נישט געענדיקט גאַנץ טראַגיש.

דאָס איז געװען אײנער פון די גאָר זעלטענע אָװנטן, װען קײן פרעמ־דע געסט זענען נישט געװען, און אונדזער שטוב האָט געהערט בלויז אונדז אַלײן. װען די מאַמע האָט אָװעקגעלײגט אַלע געשעפטן, האָט נישט גע־קאָכט און נישט צוגעגרײט פאַר מאָרגן. װאָס פאַר אַ געלעגנהײט עס האָט געקאָנט זײן, איז מיר הײנט אַלײן נישט קלאָר. איך געדענק נאָר, אַז אונדזער שטוב האָט יענע נאַכט אויסגעזען אַזױ מאָדנע אַנדערש פון אַלע אַנדערע אָװנטן. ס'איז געװען אַזױ געמיטלעך װאַרעם פון דעם אײנגע־הײצטן אויװן. די מאַמע איז געזעסן אין אַ באַקװעמער שטול בײם טיש. באַלויכטן, צי מיט דעם העלן ליכט פון דעם הענגענדיקן בליץ־לאָמפּ, צי אפשר מיט דער ליכטיקײט, װאָס מיר האָבן אין אונדזער ליבשאַפט אין איר געזען. דער טיש איז געװען אָנגעלײגט מיט װײסער װעש, װעלכע די מאַמע האָט איבערגעקוקט און פאַרריכט, נײענדיק געמיטלעך און שטיל. איך און מײן שװעסטער רבקהלע זענען געזעסן בײ איר שוים און איר געקוקט אין די גוטע אויגן.

ס'איז געװען אַזאַ חידוש און אַזאַ גליק צו זען די תמיד פאַרהאָרע־װעטע מאַמע זיצן אַזאַ רואיקע און באַזאַכטע, און הערן װי זי דערצײלט שטילערהײט אירע האַרציקע מעשהלעך, אָדער פון די ביכלעך, װאָס זי האָט תמיד געלײענט, אָדער פון זאַכן װאָס האָבן פּאַסירט מיט איר אין

דער יוגנט אין יוזעפאָוו, אין דעם קליינעם שטעטל, פון וואַנען זי האָט געשטאַמט. אָדער גאָר פון די אַלע איבערלעבונגען, וואָס זי האָט געהאַט מיטגעמאַכט זייט נאָך איר חתונה, ווען זי האָט באַדאַרפט אויסהאָדעווען סיי אונדז, און סיי די עטלעכע קינדערלעך, וואָס זענען איר געשטאָרבן אין זייער קינדהייט. יעדעס קינד האָט מיטגעמאַכט אַן אַנדער שלאַפקייט. ביי יעדן קינד האָט געהאַט געטראָפן עפּעס אַן אַנדער צופאַל מיט אַ שיעור נישט פאַרטוישטער סמיקער מעדיצין. ביי יעדן קינד האָט מען באַדאַרפט אויפזיין נעכט, איינשטילן די היץ, פאַרהיטן פון אַ קרופּ, איבערוואַרטן אַ קריזיס. און אַ געניטע איז זי שוין געווען, די מאַמע, אין די אַלע אויס־שטייענישן. און אַ בריה איז זי געווען איבערצוגעבן די זאָרג און צער פון יענע דערוואַרטונגפולע, שלאָפלאָזע נעכט, וואָס האָבן זיך ביי איר אויסגעדרוקט אין אַ, כ'וויים נישט צי אַן אייגן פאַרפאַסט, אָדער איבער־גענומען לידל:

„אוי, פאַקעלעך,
אוי, מאָזעלעך.
אוי אוי, און אוי אוי״ . . .

זי האָט עס געזונגען מיט אַזאַ שטילן שמייכלענדיקן טרויער, אַז מיר, קינדער, האָבן געהאַט רחמנות — טרערן אין די אייגעלעך.

אָבער וואָס איז דאָס געווען? צי צוליב אונדזערע טרערן פאַרלאָפענע אויגן האָט זיך עס אָנגעהויבן אויסצווייזן, אַז דאָס גוטע מאַמעשע פּנים צעשווימט עפּעס און שוועבט אָט ווייטער אַוועק, אָט נענטער צו אונדז? איז עס דער מאַמעס קול, וואָס זינגט און דערציילט, קומענדיק פון ערגעץ אַזוי ווייט? אָט זיצט זי, די מאַמע, נייט, נייט, און וויגט זיך אַזוי אויס־טערליש, ביז איר קאָפּ וואַנקט און לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער ברוסט. מיר ווילן זי פרעגן, זי אונטערשפּאַרן, זי אויפוועקן. אָבער פאַר וואָס ווילט זיך אַזוי שטאַרק שלאָפן? פאַר וואָס קאָן מען קיין האַנט נישט אויפהייבן? פאַר וואָס פאַרוואַרפט מען אַליין מיט די קעפּלעך? — — —

אַ גליק וואָס אימיצער, אַ פרעמדער, איז פונקט אָנגעקומען אין צייט, געעפנט די טיר, און אונדז אַלעמען געפונען פאַרחלשטע — „פאַר־סוואָנדזשעיעט״, פאַרטשאַדעט פונעם איינגעהייצטן אויוון, וואָס איז, ווייזט

אוים, געווען צופרי פארמאכט, איידער די קוילן האָבן זיך נאָך געהאַט ריכטיק אויסגעברענט. די צוזאַמענגערופענע שכנים האָבן אונדז אַלעמען אָפּגעמונטערט, און פאַרהיטן דאָס אומגליק וואָס האָט געקאָנט טרעפן אין איינעם פון די זעלטענע אָוונטן ביי אונדז, ווען אונדזער שטוב האָט געהערט בלויז אונדז אַליין...

נישט קיין קליינע געשעעניש ביי אונדז אין שטוב איז געווען, ווען ס'פלעגט קומען צו גאַסט פון יוזעפאָוו די מומע מלכהלע, דער מאַמעס יינגערע שוועסטער. די מומע מלכהלע איז געווען א הויקערל. איר פיין געפורעמטער קאָפּ איז געזעסן אויף א קליין קערפּערל מיט א האָרבעלע אויפן קליינעם פּלייצעלע. דאָס פּנים ביי איר איז געווען בלאַס, צאַרט. אָבער דאָס מערקווירדיקסטע אין דעם זענען געווען די אויגן און דאָס מויל. די אויגן זענען געווען אזוי קלוג וויסנדיק און דאָס מויל אזוי פאַר־געבלעך שמייכלענדיק. זי איז געווען א חכמת, די מומע מלכהלע, און א ווויל געלערנטע. מ'האָט אויף איר געזאָגט, אז זי קאָן בעסער לערנען פון װעלכן ס'איז מאַנסביל. זי איז געווען דעם זיידנס, רב עזריאל געלערנטער — ער איז מיט עטלעכע יאָר פריער געהאַט געשטאָרבן— יינגסטע און באַ־ליבטסטע טאָכטער, און ער האָט זי אָנגעשטאָפּט מיט תורה און חכמה. דער זיידע איז געווען א וואַלד־שרייבער אין איינעם פון די וועלדער ערגעץ ארום יוזעפאָוו, אָדער אָפּאָלע, אין לובלינער גובערניע. און דאָס האָט טאָקע געהאַט צו טון מיט דער מומע מלכהלעס הויקערל. ווען זי איז געווען א קליין מיידעלע, האָט זי די באָבע געהאַט מיטגענומען צום זיידן אין וואַלד אריין בשעת מ'האָט דאָרט געהאַקט דיביימער, און —אזוי פלעגט די מאַמע דערציילן— מעשה אומגליק איז א בוים אויף איר אַרויפגעפאַלן און זי געמאַכט פאַר אַן אייביקע קאַליקע.

מיר האָט זיך תמיד אויסגעוויזן, אז די מומע מלכהלע טראָגט זיך ארום מיט עפּעס אַן אייביקן צער, כאָטש זי האָט עס אויסערלעך נישט ארויסגעוויזן. זי איז געווען זייער א גוטע אָבער א צוריקגעצויגענע. ביי טאָג, ווען אין דער מאַמעס גאָרקיך זענען געווען געסט, פלעגט זי אָדער שטי־לערהייט מיט עפּעס צוהעלפן דער מאַמען, אָדער זיצן ערגעץ אין א זייט און זיך איינקוקן אין די פּשוטע מענטשן, וואָס האָבן געגעסן זייערע מאָל־ציַיטן. פון צייט צו צייט נאָר פלעגט זי געבן א זאָג איין וואָרט אין דער

שטיל, און אירע אויגן פלעגן דערביי גלאַנצן אַזוי קלוג שמייכלענדיק. זי האָט מיט איין מאָל זען געקאָנט אַפּשאַצן אַ מענטשן דורך און דורך. און אין אָוונט, ווען קיין זייטיקע זענען נישט געווען, פלעגט זי בלויז מיט אַ קליינער באַמערקונג קאָנען אַרויסברענגען דאָס קאָמישסטע אָדער כאַראַקטעריסטישסטע אין דעם, וואָס האָט דורכן טאָג פּאַסירט מיט דעם אָדער יענעם גאַסט. און דערביי האָט דאָס צאַרטע מיידלישע מויל אַזוי חכמהדיק שפּאַסיק געשמייכלט.

איך האָב שטאַרק ליב געהאַט די מומע מלכהלע, און אויף מיין קינדישן אופן בין איך געווען שטאָלץ מיט איר. מיך פלעגט אפילו נישט אַרן ווען זי האָט זיך, אויף איר גוטן אופן, גענומען מיך פאַרהערן וואָס כ'האָב געלערנט. ס'איז געווען אַזוי פיל שפּאַס, ווען דאָס קליינע מומעלע מיט די לאַכנדיקע אויגן האָט, גלייך ווי זי וואָלט געווען אַ מאַנסביל, מיך אוועקגעזעצט נעבן זיך און געוואָלט, איך זאָל איר איבערזאָגן דאָס ניגונדיקע „אויסריידעכץ" פון „ואני בבאי מפדן מתה עלי רחל בארץ כנען, בדרך בעוד כברת ארץ לבא אפרתה"... אָבער אין דער אייגענער צייט האָט זי אַרויסגערופן אַזוי פיל צוטרויען צו איר וויסן, אַז איך האָב טאַקע אויף אַן אמת איבערגעחזרט דאָס אויסריידעכץ, וואָס כ'האָב געלערנט אין חדר.

מיין דרך ארץ צו דער מומע מלכהלען איז געווען אַזוי גרויס, אַז איך פלעג זיך נישט פילן אומבאַקוועם, ווען זי האָט מיך אָנגענומען פאַר דער האַנט, און מיט מיר זיך געלאָזט גיין איבערן הויף אין גאַס אַרויס שפּאַצירן. ווייל נישט נאָר איך, נאָר די אַנדערע קינדער פון הויף האָבן אויף זייער קינדערישן אופן געפילט דעם זעלבן דרך ארץ. קיין איינער פון זיי האָט זיך נישט דערוועגט חוזק צו מאַכן, אָדער חלילה נאָכשרייען „הויקערל", ווי זיי וואָלטן עס געטון אין אַנדערע פאַלן.

פון צייט צו צייט פלעגט זיך די מומע מלכהלע אויספּוצן אין אירע שטאַרק זייבערע פּראָווינצער קליידלעך, און זיך אַוועקלאָזן שפּאַצירן ערגעץ איבער די וואַרשעווער גאַסן. זי פלעגט דעמאָלט צוריקקומען אַן אביסל אינערלעך באַוועגטע, אָבער אויסערלעך אַלץ אַ שמייכלענדיקע מיט די קלוגע אויגן, און בלויז אַמאָל אַ זאָג טון — „וואַרשעווער פּאַניענקעס"...

נישט נאָר מיר, קינדער, האָבן אָפּגעלעבט די עטלעכע וואָכן, וואָס זי פלעגט זיין צו גאַסט ביי אונדז, נאָר די מאַמע, וואָס איז געווען שטאַרק

צוגעבונדן צו מלכהלען, האָט אויך אויסגעזען גרינגער אריבערצוטראָגן דעם יאָך פון דער שווערער טאָג טעגלעכער ארבעט. און האָט זי נאָר געהאַט א פרייע מינוט, פלעגט זי זיך צוכאַפּן און פארפירן שטילע שמועסן מיט איר. און לאַנגע טעג נאָכדעם ווי די מומע מלכהלע האָט זיך געזעגנט און צוריקגעפאָרן אין איר היימישן יוזעפאָוו אזוי שטיל און גוטמוטיק ווי זי איז געקומען, האָט זיך געפילט אזא בענקשאַפט נאָך דעם קליינעם מומעלע מיטן קליינעם האָרבעלע און קלוג גלאַנצנדיקע, גוטע אויגן.

א שטיק אייגנטום פון הויף איז געווען „ארעלע נאר". ער איז געווען דער אָפיציעלער וואסער טרעגער פאר די שכנים. דאָס קליינע פלומפּל האָט נישט געקאָנט צושטעלן גענוג וואסער און אין צייט פאר אלע שכנים, האָט מען זיך געמוזט לאָזן באדינען פון ארעלען, וואָס פלעגט פון ערגעץ ברענגען זיינע עמערס וואסער און אָנפילן די פאַס אין קיך. ארעלע, א תמעוואטער, גוטמוטיקער יונגערמאן מיט צעריסענע קליידער, פון וועלכע ס'האָט ברייט ארויסגעהאנגען דער טלית־קטן מיט די ציצית, פלעגט קיין געלט נישט ווילן נעמען פארן וואסער טראָגן. „וואָס דאַרף איך געלט? — פלעגט ער טענהן — איך בין דאָך א נאר. דו גיב מיר בעסער עסן". און עסן האָט ער געקאָנט אָן א שיעור. ער פלעגט עסן אין יעדער שטוב, ס'איז אים קיינמאָל נישט געווען גענוג. ווען מען זאָל אים נישט אָפּשטעלן, וואָלט ער פון קיין סוף נישט געוווּסט, פּונקט ווי ער האָט נישט געוווּסט ווען זיך אָפּצושטעלן מיטן גיסן וואסער אין פאס אריין. האָט מען נישט אכ־טונג געגעבן, האָט ער געקאָנט גיסן דאָס וואסער אין דער איבערפולטער פאס אריין און פארפליצן די גאנצע שטוב.

מיר קינדער האָבן ארעלען נישט באלעסטיקט. פארקערט, מען האָט מיט אים גוטמוטיק געשפּאַסט ווי מיט אן אייגענעם, און גערן האָט מען אים איבערגעגעבן דאָס אלטע העמד, אָדער פארלאטעטע הויזן, וואָס אי־מיצער פון די מאמעס האָבן פאר אים צוגעגרייט.

די בשותפותדיקע משפחהדיקייט ביי די דערוואקסענע שכנים פונעם הויף פלעגט זיך אויפוועקן און ארויסווייזן דער עיקר, ווען אימיצער פון די שכנים איז חלילה געווען אין א נויט און האָט זיך גענויטיקט אין הילף. אזוי איז מיר געבליבן אין זכרון מיט וויפל איבערגעגעבנעם פליים און פּאַרטיקייט יעדע פון די שכנטעס האָט זיך באַמיט ארויסצוהעלפן דער

„גענזלערין", דער אָרימער עופות־הענדלערין, בשעת איר טאָכטער האָט באַדאַרפט א כלה ווערן. עס האָט יענעם אָוונט באַדאַרפט קומען צו איר אהיים צום ערשטן מאָל דער חתן „אָנקוקן די כלה". דער גענזלערינס שטוב איז געווען זייער אָן אָרימע און אָפּגעלאָזטע, און די שכנטעס האָבן זיך דאָס זייער גענומען צום הארצן: טאָמער חלילה וועט דעם חתן נישט געפעלן. און נישט אָפּגערעדטערהייט, פון זיך אליין, האָבן זיי פאַרקאַשערט די קליידער, און איינע האָט געוואַשן די פּאָדלאָגע, אַן אנדערע האָט געווישט די שויבן, א דריטע האָט אויף גיך אריינגעבראַכט א פּאָר ריינע פוירהענגלעך, א פערטע האָט שטילערהייט געבראַכט צוטראָגן א פּאָר אָפּגעפּוצטע לייכטער און אוועקגעשטעלט, ווו זיי האָבן זיך געקאָנט אָנזען. אנדערע האָבן אויסגעבאָרגט ווער א שטייענדיקן זייגער, ווער א טאַץ, ווער א וואַזאָנע, און אין גאָר א קורצער צייט האָט דער גענזלערינס דירה געבלישטשעט מיט אזא נייקייט, וואָס האָט געמוזט געפעלן אפילו דעם הארט־הארציקסטן חתן.

איך דערמאָן זיך אויך דעם נארישן פאַל, ווען איך האָב אָפּגעוויינט א גאַנצע נאַכט דערפאַר, וואָס מען האָט מיך געלייגט שלאָפן ביי א פרעמדן שכן אין שטוב, און מיך צעשיידט פון דער מאַמען און שוועסטער. אונדזער שלאָף־חדר האָט די מאַמע געהאַט אָפּגעטראָטן פאַר א פריש חתונה געהאַט פּאָרפאָלק פון הויף אויף דער גרויסער מצווה, אז מען זאָל זיי ביי אונדז „לייגן פירן", ווייל אין דער כלהס היים איז קיין אייגן באַזונדער שלאָפצימער נישט געווען. דאָס „לייגן פירן", פּונקט ווי די גאַנצע חתונה, איז געווען עפּעס, אין וואָס דער גאַנצער הויף איז געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט און אָנטייל גענומען מיטן גאַנצן הארצן.

די איינמשפּחהדיקייט פון דעם הויף פלעגט זיך אויף א זייער פּשוטן אופן ארויסווייזן אין די הייסע זומער־נעכט, ווען כמעט אלע שכנים פלעגן שלאָפן אינדרויסן אונטערן פרייען הימל. פאַרשטייט זיך, אז אויך דאָ האָט דאָס קליינוואַרג פון הויף געמאַכט די ערשטע טריט און אָנגעפירט מיטן גאַנצן פּאַראַד. ווי נאָר ס'פלעגן זיך אָנהייבן די הייסע נעכט, ווען די לופט האָט געשטיקט, און ס'איז נישט געווען מיט וואָס צו אָטעמען אין די ענגע צימערן, פלעגן חברה, ווי אָפּגערעדט צווישן זיך, אָנהייבן ארויסטראָגן פון שטוב די שטרויענע שעניקעס, מיט א קישן אָדער צוויי און

א קאַלדרע, און אויסבעטן זיך אויף דער ערד אין הויף. צום ערשטן האָבן די עלטערע זיך געקווענקלט, נישט געוואָלט נאָכגעבן, און מכלומרשט גע־שריגן: „וואָס טוט איר? ס׳איז נישט שיין, ס׳א חרפּה פאַר לייטן״. חברה האָבן אָבער געפילט, אַז טאַטע־מאַמע מיינען עס נישט; אַז מען מעג נישט פאָלגן. און ביסלעכווייז האָבן זיך די עלטערע שטילערהייט אויך ארויס־געשארט פון שטוב און זיך צוגעלייגט צום קליינוואַרג אויף די אויסגע־בעטע שטרוי־שעניקעס. אזוי איז דער גאַנצער הויף פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין גרויסן שלאָף־זאַל, וווּ ס׳זענען געלעגן און געשמאַק געשלאָפן שכן נעבן שכן, שכנה נעבן שכנה און קינדער נעבן קינדער אין איין משפּחהדיקער נאָענטקייט.

פאַר אונדז קינדער פלעגט אָט דאָס שלאָפן אין דרויסן זיין א גרויסע פרייד, פאַרבונדן מיט א סך שטיפעריי. א סך פריילעכע געלעכטערס פלעגן אָפּקלינגען אין הויף ביז מען האָט זיך איינגעלייגט יעדער אויף זיין אָרט. און נישט איין ייִנגל אָדער מיידל האָט געקראָגן פּעטש פון טאַטן אָדער מאַמען פאַר וואָס מען וואַיעוועט ארום און מען לאָזט נישט שלאָפן, ביז די אַלגעמיינע מידקייט האָט גענומען די אויבערהאַנט און דער זיסער שלאָף האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דעם משונהדיק אויסזעענדיקן הויף מיט די ווייסע אויסגעבעטע געלעגערס, מיט די אין די ווייסע העמדער שלאָפנדיקע מענער, ווייבער און קינדער. ערשט אין די פריע פרימאָרגנס, ווען דאָס שטיקעניש האָט אביסל נאָכגעלאָזן און א קיל ווינטל האָט פון ערגעץ אָנ־געבלאָזן, פלעגן זיך די עלטערע אויפכאַפּן און אויף גיך זיך אָפּטראָגן צוריק אין די שטיבער אריין, לאָזנדיק די יונגע חברה נאָך געניסן פון דעם פרייען פאַרגעניגן.

גרויס פלעגט זיין די קינדערשע פרייד און אויפרעגונג, אויב בשעתן שלאָפן אין דרויסן האָט זיך אין מיטן דער נאַכט אַראָפּגעלאָזט אַן אומ־געריכטער רעגן. דער טומל און די געשרייען פלעגן דעמאָלט זיין „ביז אונטערן הימל״. יעדער האָט פּרובירט כאַפּן זיין געלעגער און עוקר זיין אין שטוב אריין. אָבער ווי אומיסטן פלעגן די קינדער זיך אריינפּלאָנטערן איינער אין צווייטנס קאָלדרעס אָדער בעטגעוואַנט, פאַלן איינער איבערן אנדערן און בילדן איין קנויל פון דער אין בלויזע העמדער אָנגעטאָנענער, דורכגעווייקטער כאַליאַסטרע. ערשט אַז מען איז אליין געווען „פּיטש

נאס״ און די געלעגערס זענען געווען איין צעטראָטענע קופּע, האָט מען, אונטער די געשרייען און געוואלדן פון טאטע־מאמע, זיך אָפּגעטראָגן צוריק אין שטוב אריין, איבערלאָזנדיק דעם הויף ווי נאָך א מלחמה.

א סך אויפרעגונג פלעגט ביי אונדז קינדער ארויסרופן דאָס באווייזן זיך אין הויף פון די פארשידענע מייסטערס מיט זייערע וואנדערנדיקע ווערקשטאטן צו באדינען אלע שכנים מיט איין מאָל, ווי למשל דער „בעד־נאזש״, דער „ווייסער״, דער „שלייפער״ אָדער „דרוטשאזש״. דער באַנדער פלעגט קומען מיט זיין פעקל רייפן און היבעלס. פון אלע שטובן פלעגט מען אים ארונטערטראָגן צעשאָטענע באליעס, רינענדיקע שאפן, אָדער אויסגעטריקנטע פעסלעך. פאר אונדז קינדער איז עס געווען דער גרעסטער חדוש ווי אזוי דער בעדנאזש פלעגט נעמען די פונאנדערגעפאלענע באַזונדערע קלעפּקעס פון א באליע, שאף אָדער פעסל, זיי קונציק צוזאמענשטעלן אין דער לויזער רייף, צופּאסן איין קלעפּקע צו דער אנדערער, אָנטון איבער זיי א צווייטע און א דריטע רייף און נאָכדעם מיט א האמער און א דלאָט ארומשלאָגן די רייפן איבער די קלעפּקעס, ביז זיי האָבן זיך אלע ענגער צוזאמענגעצויגן, און די צעפאלענע באליע אָדער פעסל זענען אויפגעשטאנען תחית המתים און געוואָרן „ווי ניי״...

פּונקט אזא נס פלעגט אויך באווייזן דער „ווייסער״, ווען מען האָט אים אראָפּגעבראכט פארשווארצטע פאטעלניעס, אָפּגעברענטע ראָנדליעס און פארסמאליעטע טעפּ. דער „ווייסער״ פלעגט צעפּעכערן זיין קליין אייזעלע מיט די גליענדיקע קאָקס־קוילן, וואָס ער האָט מיט זיך מיטגעטראָגן, איבער דעם אויפגעפלאמטן פייער פלעגט ער צעלאָזן א קעסעלע מיט צעשמאָלצענעם בליי, און ווען דער הייסער בליי איז שוין געווען פליסיק, פלעגט ער פלינק ארייננגיסן א ביסל אין דעם געהעריקן שווארצן טאָפּ אָדער פאטעלניע און ווי א פאָקוסניק געבן א וויש אהין, א וויש אהער מיט אזא ספּעציעלן טוך, און דער אלטער טאָפּ אָדער ראָנדל פלעגן זיך באציען מיט אזא פריש שיינעם שיינענדיקן דעק פון אויסגעווייסטן בליי אָדער צין און דערשיינען פּונקט ווי ניי געקויפט, ערשט פון געוועלב ארויס.

דאָס אייגענע איז אויך געווען, ווען דער געווענלעך עלטערער „שלייפער״ פלעגט זיך אוועקשטעלן ביי זיין שלייפשטיין, וואָס ער האָט געדרייט טרעטנדיק מיט די פיס און ציענדיק דעם לעדערנעם פאס און איבער דעם

איינגענעצטן זיך דרייענדיקן שטיין שליפן די פלייש מעסערס און האק־מעסער, וואָס די ווייבער האָבן אים אראָפּגעבראַכט. מיר קינדער פלעגן זיך ארומזאמלען און מיט ארויסגעשטעקטע צינגלעך זיך צוקוקן צום וווּנ־דער, ווי אזוי די טעמפּע פארזשאווערטע מעסערס פלעגן קריצן איבער דעם נאסן שטיין: ד־ז־ד־ז־ז... אזש פונקען זענען געפלויגן. און ביסלעכווייז, ביסלעכווייז, א שלייף אהין, א גלעט אהער, און פאר אונדזערע אויגן זענען אויסגעוואקסן בלאנקענדיקע, אויסגעשארפטע מעסערס און האקמעסער, ווי קיינמאָל אלט נישט געווען.

ווער שמועסט ווען ס'זענען געקומען די האָלץ־העקערס, וואָס האָבן באדארפט צעהאקן דעם קלאפטער האָלץ, וואָס פלעגט שטענדיק זיין הויך אָנגעלייגט ביי דער וואנט פאר דער בעקעריי. דאָ פלעגט אונדז קינדער שוין נעפעלן נישט נאָר די געשיקטקייט, נאָר אויך די גבורה פון די יידישע בעלי מלאכות. ס'איז געווען שטארק אינטערעסאנט צו זען, ווי דער העקער האָט פלינק א הייב געטון די אָנגעשארפטע, בלאנקענדיקע האק מיטן לאנגן הענטל און מיטן גאנצן אימפעט זי אראָפּגעלאָזט איבער דעם דיקן שפּרייז האָלץ, וואָס איז אויגנבליקלעך צעשפּאלטן געוואָרן אין צוויי פונקט גלייכע חלקים. די חלקים זענען פונקט אזוי פלינק צעשפּאָלטן געוואָרן אין נאָך קלענערע חלקים, וואָס אמאָל דינער, ביז דער גאנצער קלאפטער מיט שפּרייז־לעך איז פארוואנדלט געוואָרן אין דינע, לאנגע האָלץ־שייטלעך, גרייט פארן בעקערס פלאמענדיקן אויוון.

ווּנדער מייסטער זענען זיי געווען אין אונדזערע קינדערשע אויגן, אָט די יידישע וואנדערנדיקע בעלי מלאכות, און מיר האָבן זיי באוווּנט מיטן גאנצן געהעריקן דרך־ארץ. א גאנץ אנדער באציאונג איז ביי אונדז אָבער געווען צו דעם „דרוטשאזש", דער וואָס פלעגט פארדרוטעווען און פאררעכטן צעבראָכענע ליימענע טעפּ אָדער שיסלען. איך ווייס נישט פאר־וואָס, אָבער דער דרוטשאזש איז אלע מאָל געווען א גוי, א ציגיינער. אויף א גאנץ אנדערן, נישט יידישן אופן פלעגט ער אויסזינגען אין הויף זיין „גארקי דרוטאָוואטש!" (טעפּ צו פאררעכטן). להיפוך צו די יידישע בעלי מלאכות פלעגט ער זיך נעמען צייט און ארבעטן פּאַוואָליע. ער פלעגט זיך אוועקזעצן אויף דער ערד, די פיס פארלייגן אונטער זיך, און ארויסלייגן ארום זיך זיינע בייגעלעך דראָט און צווענגלעך. ער פלעגט פריער באטראכטן

די שערבעלעך פון די צעבראָכענע טעפּ, פּלאַנירן ווי אַזוי זיי צוזאַמענצו־שטעלן און נאָכדעם ערשט, מיט דער הילף פון זיין צוועגגל, זיך נעמען ארומפּלעכטן די צוזאַמענגעשטעלטע כלי מיט די קונציקע דראָטענע נעצן. מיר פלעגן ארומשטיין אָדער ארומזיצן, און נישט וויסן וואָס פריער צו באוואונדערן, צי דעם ציגיינער אליין מיט זיינע געקרייזלטע האָר און טונ־קעלן פּנים, צי דעם אופן ווי אזוי פון אונטער זיינע הענט וואַקסט אויס כמעט א נייע, נאָך טשיקאַווערע כלי, ארומגעדראָטעוועט מיט אַן אָנגע־פּלאָכטענער נעץ.

אחוץ די פּשוטע וואָכנדיקע טעג, וואָס זענען פונדעסטוועגן געווען פול מיט טומלדיקער לעבעדיקייט, זענען אויך געווען טעג באַזונדערע, הייטערע, פאר אונדז קינדער פול מיט דערוואַרטונג און ווונדער. אָבער דאָס האָט שוין געהאַט צו טון נישט מיטן הויף אליין. דאָס איז שוין געקומען פון דרויסן, אזוי צו זאָגן. אזעלכע טעג זענען געווען, למשל, די „גאַלוור־קעס", די גאַלאַ־טעג, דעם קיסרס אָדער קייזערינעס געבורטסטאָג, וכדומה. ס'איז נישט געווען בלויז וואָס מען איז נישט געגאַנגען אין חדר אריין לערנען אין אזעלכע טעג; וואָס די מערסטע געשעפטן זענען געווען צוגע־שלאָסן און די טויערן פון די הייזער זענען געווען באַהאָנגען מיט די גרויסע דויט־ווייס־בלויע פענער, וואָס האָבן געפלאַטערט אין ווינט. דאָס אליין איז נישט געווען אזוי שטאַרק וויכטיק. דאָס האָט געשמעקט מיט עפּעס א וואָכנדיקער יומטובדיקייט. דער אמתער ווונדער איז ערשט געקומען, ווען דער אָוונט איז צוגעפאַלן און עס האָט זיך אָנגעהויבן די „אילומי־נאַציע". ווען די אונדז אזוי באַקאַנטע גאַסן האָבן אָנגענומען אזא אַנ־דערשדיקן, פאַנטאַסטישן אויסזען.

די אילומינאַציע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די סטרוזשעס האָבן באַצירט די ברעגן פון די טראָטוארן, נעבן די רינשטאָקן, מיט ערדענע בלומען־טעפּלעך. אָבער אָנשטאַט בלומען און ערד זענען די טעפּלעך געווען אָנגעפילט מיט פאַרהאַרטעוועטן חלב, אין וועלכן ס'האָט געשטעקט א דיקע קנויט. אויף יעדע צוויי דריי טריט איז געשטאַנען אַזא בלומען־טעפּל מיט אַן אָנגעצונדענער קנויט. אזוי אז די גאַסן ברעגן זענען באַצירט געוואָרן ווי מיט בלינצלענדיקע, לאַנגע פייער־שנורן. די פייערלעך האָבן זיך גע־טוקט, געפלעמלט אין דער נאַכט טונקלקייט און צוגעגעבן דעם גאַנצן מו־

ראנאָוו ארום עפּעס אזא אומרעאלן, רייצנדיק מוראדיקן אָנבליק. אלע שיינע לעגענדארישע מעשיות וועגן ווייטע לענדער און כשופדיקע שטעט, וואָס מ׳האָט זיך געהאט אָנגעהערט, זענען ווי לעבעדיק געוואָרן אין דער קינדערישער פאנטאזיע. קליינוואַרג איז מיט אויפגעברויזטע הערצלעך און צעשטראַלטע אייגעלעך געלאָפן א קוק טון אויף די נאַלעווקעס: דאָרט אויך? יאָ! די גאנצע לענג פון דער נאַלעווקעס, ווי ווייט דאָס קינדישע אויג האָט געקאָנט גרייכן, איז געווען באַזוימט מיט אָט די ווונדערלעכע פלעמ־לעך־שנורן, וואָס האָבן געוווּנקען, געציטערט און געוואָרפן קרומע שאָטנס. אזוי אז ס׳האָט זיך אויסגעוויזן די גאנצע גאס, אלע הייזער זענען אין באַ־וועגונג... און ווי זעען אוים די שמאָלע מילע און די ברייטע מילע? פּי־בערהאפטיק איז מען געלאָפן א קוק טון — יאָ, אויך דאָ האָבן שימערירט די באַפּלעמלטע רינשטאָק־ברעגן און אונטערגעהאלטן דעם מאָדנעם שפּיל פון ליכטיקייט און שאָטנס.

און ווי זעט אוים די פּאַקאָרנע גאס? די יונגע אייגעלעך האָבן זיך נישט געקאָנט זאט אָנקוקן לויפנדיק פון גאס צו גאס. אומעטום די אילו־מינאציע, אומעטום די ברענענדיקע בלומען־טעפּלעך; אומעטום אָט דער לויכטענדיקער שאָסיי, איבער וועלכן מען וואָלט געקאָנט מיט גאָלדענע קאַרעטעס זיך אוועקלאָזן העט ווייט, ווייט... און אפשר דורכשפּאַלטן די פינסטערניש און ארויף אין הימל אריין...

פארבליפטע איז מען צוריקגעקומען צו אונדזער מוראנאָוו, צו אונ־דזער הויז. אוועקגעזעצט זיך רייטנדיק אויף די איינגעבויגענע קניען און אָנגעשפּארטע הענטלעך, און איינשפּיזנדיק די אייגעלעך אין די זיך טור־קענדיקע פייערן, וואָס האָבן זיך אראָפּגעלאָזט וואָס אמאָל טיפער אין די טעפּלעך מיטן אויסברענענדיקן חלב. מ׳האָט נישט באַמערקט ווי ס׳האָבן זיך גערוקט די שעהן אין יענע נעכט פון כשוף און ווונדער. ביז ס׳האָט זיך אָנגערוקט די צייט פון שליסן די טויערן און די סטרוזשעס האָבן אָנ־געהויבן צו פארלעשן די „אילומינאציע״, אויסלעשנדיק אין דער זעלבער צייט די שארפע בענקשאפטן און צאַפּלענישן אין די קינדערישע הערצלעך.

עטלעכע יאָר שפּעטער האָט די „אילומינאציע״ אָנגענומען אן אנדער פאָרם. אָנשטאט די ברענענדיקע בלומען־טעפּלעך ארום די רינשטאָקן, האָט די פּאָליציי באַפוילן צו ציען דראָטן ארום די הייזער, און ארומהענגען

מיט פאַרשידענע קאָלירטע גלעזערנע לאַמטערנדלעך. אין אָנהויב האָט דער נייער איינפיר פאַר אונדז קינדער געשאַפן אַ נייעם אינטערעס. די גאַנץ זענען אויסגעפּוצט געוואָרן ווי מיט קאָלירנדיקע, לויכטנדיקע גירלאַנדעס. ס'איז אָבער נישט געווען דאָס אייגענע וואָס פריער. די לאַמטערנדלעך זענען געווען ווי שטום. זיי האָבן נישט געפלימערט און נישט געבלינצלט. זיי האָבן נישט געשאַפן אָט דעם שיינעם ליכט און שאָטן שפּיל. און לאַנגע יאָרן האָט מען געבענקט נאָך דער אמאָליקער „אילומינאַציע", אין וועל־כער די קינדערישע הערצער האָבן געקאָנט אריינפאַנטאַזירן אַזוי פיל...

אַנדערע טעג פול מיט דערוואַרטונג און הארצקלאַפּעניש פאַר אונדזער קליינוואַרג אין הויף זענען געווען די פאַר סכותדיקע, אָדער גיכער די פאַר פּסחדיקע, ווען מען האָט באַדאַרפט גיין אויף דער וואָלעווע גאַס קויפן אַ ניי אוּבראַניעלע אָדער נייע שיכעלעך אויף יום טוב. די „וואָלוווקע" איז געווען דער צענטער, וווּ מ'האָט געקאָנט קריגן פון כל טוב אין ביליקע נייע און איבערהויפּט אַלטע גענוצטע קליידערוואַרג, היטלוואַרג און שיכוואַרג. מ'האָט זיך געקאָנט באַקליידן און באַשיכן פון קאָפּ ביז פיס פאַר אַ שיבוש. די „וואָלוווקע" האָט געהאַט אַ שם מיט אירע גרויסע מציאות, אָבער אויך מיט איר קאָמישער אַפּנאַרעריי. פאַרשידענע מעשיות פלעגט מען נאָכדער־ציילן, ווי אַז אויב די הענדלערס דאָרט האָבן אריינגעקראָגן אַ „פּראָווינ־צער פרייער", האָט מען אים „אויסגעמאַכט אַן אויער", און אהיים געשיקט מיט די אמתע מציאות. די געוועלבער זענען דאָרט אַלע געווען ענגע, טונ־קעלע, אָנגעלייגטע מיט קופּעס סחורות. און ווען „אַזאַ איינער" איז גע־קומען קויפן אַ קאָסטיום, למשל, האָט דער באַלעבאָס פון געוועלב געגעבן אַ באַפעל צום ווייב, אָדער צום משרת:

„גיכער, גיכער, מאַך צו די טיר. די קאַץ וועט נאָך ארויסלויפן".

דאָס האָט געמיינט, אַז אין געוועלב זאָל ווערן נאָך טונקעלער. און באַלד האָט מען זיך גענומען אָנמעסטן דעם קונה אַ קאָסטיום. מ'האָט אים אויף גיך אָנגעטון עפּעס אַ מלבוש. איז עס געווען צו גרויס, האָט מען עס אים, אָנמעסטנדיק, פאַרשפּילעט פון פאָרנט און פון הינטן האָט מען צו־געהאַלטן דעם פּאָלב, וואָס מען האָט צוזאַמענגענומען. איז עס געווען צו קליין, האָט מען אומבאַמערקטערהייט אויפגעשניטן די הינטערשטע נאָט, כדי דער פאָרנט זאָל זיך קאָנען פאַרקנעפּלען ווי ס'דאַרף צו זיין. אַזוי האָט

מען דעם קונה געדרייט פארן טונקעלן שפיגל, געוויזן אים ווי גוט דער מלבוש ליגט אויף אים. געשווינד אויסגעדרונגען דעם מקח. איינגעפאקט דעם מלבוש און אהיימגעשיקט דעם קונה מיט דער מציאה.

מ׳האט אויך דערציילט, אז אויב א קונה האט נישט גוט אכטונג געגעבן, האט ער געקאנט אהיימקומען מיט איינגעקויפטע צוויי לינקע שיך, אדער צוויי רעכטע שטיוול...

אבער דאס זענען אלץ געווען וויציקע איבערטריבענע מעשיות, וואס די גרויסע האבן צווישן זיך ליב געהאט צו דערציילן. דער אמת איז געווען, אז די ענדלערם דארט זענען אלע געווען פלינקע בריות, וואס האבן גע־פירט זייערע מציאה־געשעפטן מיט ברען און געפילדער. א גילדן ארויף, א גילדן אראפ, אבי געהאנדלט, אבי געלייזט, אבי געקויפט און פארקויפט וואס דאס הארץ האט נאר געגלוסט, און וואס א מויל האט געקאנט ארויס־רעדן. אלטע זאכן, נייע, איבערגעניצעוועטע און פאררירכטע.

און נאך מער ווי די מענער, זענען געווען בריות די ווייבער הענדלער־קעס. דאס זענען געווען ספריטנע, געזונטע יידענעס, מערסטנס אין לאנגע זשאקעטן, אונטער וועלכע ס׳האבן געהאנגען לעדערנע בייטלען מיט דעם איינגעלייזטן געלט. מיט שייטלעך אויף די קעפ און שארפע לעבעדיקע אויגן, וואס האבן געקאנט דערקענען דעם ריכטיקן קונה א מייל פון דער־ווייטנס. און א מענה לשון האבן את די הענדלערקעס געהאט, אויף חידושים צו גיין. זייער שפראך איז געווען פארביק, געדיכט און קלינגענדיק. מער־סטנטיילס איז זייער ארט געווען אין גאס, נעבן די געוועלבער, ביי די אויסגעשטעלטע טישלעך, וואס זענען געווען פארלייגט מיט פאלטענעס, רעקלעך, הויזן, היטלען, העמדער, שיך, שטיוול, קאלירטע פאטשיילעס און קינדערשע אובראניעס. זיי האבן תמיד געפירט א טאפלטן געשפרעך. דא מיט די קונים, וואס האבן באטאפט די סחורות:

„פאניע לעבן, עז „געשוועלט" ענק ניש, טא לאז ליגן, און היידא, געגאנגען!"

און דא מיט די שכנישע ווייבער הענדלערקעס פון איבערן וועג. אנ־פילנדיק די גאנצע גאס מיט דעם רעש און געפילדער פון זייערע רופן און ענטפערס.

פאר אונדז קינדער איז גיין אויף דער וואלעווע געווען אן איבער־

לעבונג, אויף וועלכער מ׳האָט געוואַרט חדשים לאַנג. ארומגיין מיט דער מאמען אָדער מיט א שוועסטער פון געוועלב צו געוועלב, זוכן, אָנמעסטן, אָנטון און אויסטון, זיך איינהערן אין די איינרעדענישן, מיט וועלכע די הענדלערס האָבן געזוכט צו באווייזן וואָס פאר א טייערע סחורה, און וואָס פאר א ווילדע מציאה דאָס איז. כאָטש כמעט תמיד איז אזא גאנג געווען פארבונדן מיט א סך קינדישער הארצווייטיק און טרערן. תמיד איז אָנגע־גאַנגען דער שטענדיקער קאַמף: די מאמע האָט אָנגעזאָגט אויסצוקלייבן, אָדער האָט אליין אויסגעקליבן אלצדינג מיט צוויי מאָסן גרעסער — ס׳זאָל זיין אָרט פארן וואקסן... האָט מען אָנגעטון א קאָסטיומל, וואָס איז אָנ־שטאָט געלעגן, געהאָנגען פון די קינדערישע פּלייצעלעך. די ארבל האָבן זיך נאָכגעשלעפּט. און ס׳הארץ האָט געקלעמט: ווי אזוי וועט מען זיך באווייזן אין דעם פאר די איבעריקע קינדער אין הויף...

האָט זיך אָנגעהויבן דאָס שטילע, טרערנדיקע דינגעניש מיט דער מאמען אָדער שוועסטער, זי זאָל רחמנות האָבן און הייסן זיך געבן א קלע־נער קאָסטיומל אָדער א קלענערע פּאָר שיכעלעך. אָבער אויסגעפירט האָט תמיד די אויסרעכענונג, אז א יינגעלע שטייט נישט אויף אן אָרט. מען וואקסט און מען ווערט גרעסער. די איינציקע טרייסט איז נאָר געווען, וואָס יום טוב, ווען מען האָט זיך שוין קוים דערוואַרט אָנצוטון די נייע זאכן פון דער וואָלוועקע, און זיך באווייזן מיט זיי אין הויף, האָט מען צו דער גרויסער פרייד דערזען, אז אלע קינדער דארפן וואקסן, און אז אלע מאמעס האָבן אינזינען אָנצוגרייטן אָרט פאר דעם אין די אביסל נאָכהענגענדיקע ארבעלעך, אָדער גרעסערע שיכעלעך...

א גאָר באזונדערן, אויפגערוימטן און אויסגערוטן אויסזען פלעגט דער הויף אָננעמען אין די שבתדיקע אָדער יום טובדיקע טעג. ער איז געווען כמעט ליידיק. נישט געווען מער די שטענדיקע פיבערישע טעטיקייט פון די וואָכעדיקע טעג. די קינדער האָבן זיך נישט געטאָרט שפּילן אין דרויסן, כדי נישט אויפצוּוועקן די טאטעס, וואָס זענען איצט געשלאָפן זייער שבת־נאָך־מיטאָג־שלאָף, די איינציקע מנוחהדיקע פּאָר שעה, וואָס די פּשוטע הענדלער און בעלי מלאכות האָבן נאָך א וואָך שווערער מי און ארבעט, און נאָכדעם ווי מען האָט געהאט אָפּגעדאַוונט אין דער פרי אין שול און אָפּגעגעסן דעם שבתדיקן מאָלצייט, מיטן גאנצן הארצן זיך געקאָנט פאר־

גינען. די מאמעס האָבן זיך געקליבן אריינצוגיין ערגעץ צו א שכנטע אביסל זיך אויסרעדן דאָס הארץ, אָדער הערן פאָרלייענען פון אן עברי־טייטש ספר. האָט מען די קינדער אויף גיך צעטיילט דאָס „שבת אויבס", וואָס מ׳האָט געהאט צוגעגרייט — ווער א פּאָר קארשן, ווער עטלעכע יענגאלקעס, ווער אביסל ארץ ישראל ניסלעך אָדער געבראָטענע באניע־קערן, איינגעוויקלט אין א טיכעלע עטלעכע סיכלעך, און אוועקגעשיקט דאָס קליינוואַרג שפּאַצירן. אין דרויסן האָבן זיך שוין חברה צוזאמענגעקליבן פארפוצטע אָדער אין די שבתדיקע קליידעלעך מיט די פארבונדענע צעפּעלעך, אָדער אין די יום־טובדיקע „אובראַניעלעך" (קאַסטיומעלעך) מיט די אויסגעשווארצטע שיכלעך (קיין קאַפּאָטקעס האָט מען אין אונדזער מוראַנאָווער הויף נישט געטראָגן, ווייל ס׳האָבן קיין חסידים נישט געוווינט. איך, דאָס איינציקע חסידישע יינגל, בין נאָך געווען צו קליין פאר א קאַפּאָטע און האָב נאָך געטראָגן א קינדישן אָנצוג). יעדער אָדער יעדע מיט זיין אָדער איר קליין פּעקעלע שבת אויבס אין די הענט האָט מען זיך צוזאמען דורך דער פּאַקאָרנער גאס אוועקגעלאָזט צו דער „קאָליע", ווו מען האָט געקאָנט באַוואונדערן ווי אזוי די ריזיקע באַן־לאָקאָמאָטיוון ווערן מאַנעווורירט פון איין ליניע אויף דער צווייטער, ארויסלאָזנדיק אזעלכע הויכע, ברומענדיקע זיילן מיט רויך און פּארע אנטקעגן די קלאָרע זומערדיקע הימלען. די אלע מאַנעווורעס זענען אויסגעפירט געוואָרן לויט די אָנווייזונגען פון דעם איינציקן סיגנאַליסט, וואָס איז געשטאנען און דורך זיין קליינעם טרומייטערל געגעבן די באַפעלן: טוטוטו...

ווען נישט, האָט מען זיך פארהאַלטן אויפן „וואָיענע פּלאַץ", די ברייטע שמעקנדיקע פעלדער ארום ציטאַדעל, ווו מען האָט געקאָנט פריי ארומוואַלגערן זיך אויפן גרינעם גראָז און רייסן גאַנצע בונטן פעלד־בלומען. דאָ האָט מען פריי געקאָנט לאָזן אין גאַנג אלע שפּילן אין יאַגענישן אָדער כאַפּערלעך, וואָס פלעגן אויסדריקן מיט זיך אלע פארלאַנגען זיך אויסצוצייכענען, ווייזן פלינקייט און בריהשקייט. דערביי פלעגט מען דורכפירן די גאַנצע צערעמאָניעס פון אויסשטעלן זיך אין א רעדל און ציילן. ווער עס זאָל זיין דער געווינער, דער אָנפירער און ווער ס׳זאָל „זיין אוים", דאָס הייסט, בלויז א זייטיקער אָדער נאָכלויפער. ביים ציילן האָט מען זיך באַנוצט מיט די פארשידענע צייל־שפּרוכן און ווערטלעך, וועלכע זענען

א יידישער טרעגער אויף די נאלעווקעס

(פאָטאָגראפירט דורך אלטער קאציזנע)

געווען אַ מין קוידעריש, וואָס קיינער, דוכט זיך, ווייסט נישט, ווער עס האָט זיי אויסגעטראַכט, אָדער ווי אַזוי זיי זענען געשאַפן געוואָרן. ווי, למשל: „ענגע, בענגע, טאָבע, צענגע. אַכטע, באַכטע, כיילע, כאָלע. יופּע, קעזע, שנאַדע, מאַדע. אים, בים, קנאַיעם, קנאַז". אָדער: „ברוך אתה, טודעל דאַטו, משה פערדל, קאָזע בערדל, בורא פּרי הגפן"...

אַז די עלטערע שוועסטערלעך אָדער ברידערלעך זענען געווען אין אַ גאָר געהויבענער וואַנדערלוסטיקער שטימונג, האָט מען זיך גאָר אַוועקגעלאָזט איבער די פעלדער צום „זדראָוו", אַ באַהאַלטענער קוואַל אַזאַ, וואָס האָט געשלאָגן מיט געשמאַקן קאַלטן וואַסער. דאָס איז געווען געזונט פאַר די אויגן, האָבן די דערוואַקסענע דערקלערט. אַזאַ מהלך האָט גענומען לאַנג, און צוריקגעקערט האָט מען זיך ערשט שפּעט פאַרנאַכט, ווען די עלטערע האָבן שוין נאָכגעשלעפּט נאָך זיך די ייִנגערע פאַרמאַטערטע קינדער, וואָס האָבן געוויינט, ווייל ס'איז ווייט אהיים צוגיין. און צוריקגעקומען אין הויף אריין איז מען שוין פאַרגנבהטערהייט, אוים מורא פאַר די מאַמעס אָדער טאַטעס, וואָס האָבן זיך שוין די אויגן אויסגעקוקט נאָך די קינדער.

וואָס פאַר מיר אַליין איז דער גרעסטער חידוש איז דאָס, וואָס ביי מיר אין זכרון איז נישט פאַרבליבן און איך קאָן זיך נישט דערמאָנען קיין פאַל, אַז עס זאָלן האָבן פאָרגעקומען וויכטיקע קריגערייען אָדער ערנסטע רייסערייען צווישן די שכנים אין הויף. אַלע אַרומגענומען מיט איין גורל, וואָס האָט געהייסן אָרים וואַרשעווער יידיש לעבן, פאַרטון אין די זעלבע דאגות פון שאַפן פּרנסה, פון מפרנס צו זיין דאָס הויזגעזינט, דערציען קינדער און זיי אָפּהיטן פון קראַנקהייט, שיקן זיי אין חדר, אָדער פּרובירן מאַכן פון זיי עפּעס אַ שטיקל לייט — האָט מען זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן. געזוכט צו פאַרלייכטערן און העלפן, געפרייט זיך מיט אַלעמענס פרייד, און געטרויערט, חלילה, אויף דעם צווייטנס טרויער. און האָט מען זיך אפילו ארויסגעצויגן פונעם הויף און אַוועק וווינען ערגעץ אַנדערש, איז מען זיך געבליבן שטענדיקע פריינט און פון ווייט געקומען זיך באַזוכן איינער דעם אַנדערן. אַזוי געדענק איך, אַז ווען אונדזער מערכה האָט זיך פאַרבעסערט און מיר האָבן זיך איבערגעצויגן אין דער רייכערער געגנט פון אָרום גזשיבאָוו און טוואַרדע, פלעג איך נאָך אַלץ עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד אין די שבת־נאָכמיטאָגן זיך אַוועקלאָזן „אין יענע גאַסן" צו באַזוכן מיין הויף מיט די ליבע שכנים און זייערע קינדער אויפן מוראַנאָוו נומער 19.

טוואַרדע 2

דער הויף טוואַרדע נומער 2 איז, לויט זיין אויסזען און לויט דעם צוזאַמענשטעל פון די שכנים אין אים, געווען גאַנץ אַנדערש פון דעם מוראַנאָווער הויף, אין וועלכן איך האָב פאַרבראַכט מיינע פריסטע קינדהייט־יאָרן. דאָס איז געווען א הויף א גרויסער, אַרומגענומען מיט דריי־שטאָקיקע אַפּיצינעס, אין וועלכע ס׳האָבן געוווינט א סך פאַרמעגלעכע, און אפילו יחסנותדיקע באַלעבאַטים. און כאָטש אויך דאָ האָט געהערשט דאָס געפיל פון היימישקייט, האָט שוין אָבער געפעלט דאָס געפיל פון איין־משפּחהדיקייט, וואָס האָט צוזאַמענגעהעפט די שכנים פון מוראַנאָווער הויף. אפשר איז דאָס אויך געווען דערפאַר, וואָס די געגנט איז געווען א רייכערע, ווו מענטשן האַלטן זיך אביסל מער צוריקגעצויגן, פאַר זיך. דערצו האָבן די שכנים פון דעם הויף טוואַרדע 2 געהערט צו פאַרשידנאַרטיקע גרופּעס, וואָס האָבן זיך בדרך כּלל וויניקער געמישט איינע מיט די אַנדערע. ס׳האָבן דאָ געוווינט חסידים, מיט הדרת־פּנימדיקע בערד, אין לאַנגע קאַפּאָטעס, מיט די גרויסע טוכענע היטלען אינדערוואָכן, און אַטלעסענע זשיפּעצעס און סאַמעטענע היטלען אום שבת; „דייטשן" אָן בערד, אין „קורצע קליידער" און קאַפּעליושן; מתנגדים, האַלב־אַהין האַלב־אַהעריקע, מיט אַרומגעשוירענע בערדלעך, אין קורצע „געהאַקטע" קאַפּאָטעס מיט קליינע טוכענע היטעלעך און עלעגאַנטע שטעקעלעך אין די הענט.

מעגלעך, אז די קנאַפּע משפּחהדיקייט פון הויף האָט זיך מיר נאָר אַזוי אויסגעוויזן, ווייל איך אַליין בין שוין געווען אָפּגעריסן פון די אייבעריקע קינדער. דאָ בין איך שוין געווען א גמרא־ייִנגל, וואָס האָט אָנשטאָט אין חדר, שוין געלערנט ביי א רבין אין ראַדזימינער חסידים־שטיבל אויפן זעלבן הויף. דאָ האָב איך שוין אָנגעהויבן צו טראָגן די טראַדיציאָנעלע

חסידישע קאַפּאָטע און לאַנגע פּאָהלעך. דאָ בין איך שוין באַלד בר־מצוה געוואָרן, און ס'האָט נישט געפּאַסט, כ'זאָל זיך שפּילן מיט די איבעריקע קינדער. אָבער דער הויף איז פאָרט געווען מיין היים, אונדזער היים. און מיר זענען אַלע געווען דורכגענומען מיט דעם געפיל פון צוגעבונדנקייט און אפילו שטאָלץ מיט „אונדזער הויף".

און ס'איז זיך שוין געווען מיט וואָס איבערצונעמען. אונדזער הויף איז אַרויס אויפן באַרימטן גזשיבאָווער פּלאַץ — דער ראָג וווּ ס'האָבן זיך אָנגעשלאָסן די צוויי גאַסן טוואַרדע און גזשיבאָוו. דער דריי קאַנטיקער גזשיבאָוו פּלאַץ איז געווען באַקאַנט מיט דעם „גערטל", אַ גרויסער סקווער מיט גרינעם גראָז און עטלעכע ביימלעך און קוסטעס, אויף וועלכע מ'האָט בלויז געקאָנט קוקן. קיין צוטריט צו זיי איז נישט געווען, ווייל זיי זענען געווען אַרומגערינגלט מיט אייזערנע הויכע שטאַכעטן; ס'איז אפילו נישט געווען קיין אַריינגאַנג אין דעם „גערטל". דאָס גערטל איז בלויז געווען אַ צירונג פאַר דעם גרויסן פּוילישן קאָשטשאָל (קלויסטער) „ווּשיסטקיך שוויענטיך", וואָס האָט, מיט זיין ווייסער ברייטער פאַסאַדע און די הויכע שטיינערנע טרעפּ, פאַרנומען די גאַנצע ברייט פונעם סקווער.

אונדזער הויף איז געלעגן אין שכנות פון עטלעכע אַנדערע באַרימטע הייף. גלייך דערנעבן, טוואַרדע נומער 4, איז געווען דער באַרימטער אַרעלע סאַרדינערס הויף מיט דעם גרויסן בית המדרש, וווּ פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת האָט נישט אויפגעהערט דאָס דאַווענען און לערנען. איידער איין מנין האָט געענדיקט, איז שוין דער צווייטער געשטאַנען און געוואַרט אָנצוהייבן דאַווענען. און ווען איין גרופּע לערנערס, מערסטנס אָרימעלייט, האָט שפּעט ביינאַכט געענדיקט דעם שיעור אין פּאָליש, האָבן זיך שוין געצויגן די אומעטיק־פרייַלעכע טענער פון דער אַנדערער גרופּע, וואָס האָט זיך געזעצט לערנען ביז פאַרטאָג. דער הויף טוואַרדע נומער 6 איז געווען באַרימט מיט „נאָזשיקס שול", דער גרויסער בית־מדרש, וועלכער פלעגט יעדן פרייטיק־צו־נאַכט און שבת אינדערפרי זיין באַלעגערט מיט טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן זיך געריסן אַהין, כדי צו הערן דעם באַליבטן כאָר און חזן. אין יענער צייט האָבן דער מינסקער חזן לעווענזאָן און דער די־ריגענט דאַווידאָוויטש מיט זיין כאָר שטאַרק קאָנקורירט מיט דער פּאָפּו־לאַריטעט פון דער גרויסער „דייטשער שול", אויף טלאָמאַצקע גאַס, וווּ

סיראָטא איז געווען חזן און לעאָ ליאָוו דער דיריגענט. יידן, מבינים אויף חזנות און כאָרן, פלעגן יעדן שבת לויפן פארגליכן דאָס געזאנג און זיך שפארן, וועלכער חזן אָדער כאָר זינגט שענער.

אנטקעגנאיבער איז געווען „אורליכס הויף", וואָס איז געווען אן איינגעמויערטער מארק מיט בוידן און סטראגאנעס. נישט ווייט פון דאָרטן האָבן זיך געפונען די גרויסע אייזן־הייף פון דער גביריש־חסידישער פירמע קלעפפיש און דעם חסידיש־מיליאָנערישן שייע פריוועס. גזשיבאָוו און די דערנעבנדיקע באנגע גאס זענען געווען דער צענטער פון אייזן־הייף און אייזן־געשעפטן. יידן מיט לאנגע בערד און קאפאָטעס, יונגעלייט אין קליינע טוכענע היטעלעך און ווייבער אין שייטלען האָבן פארקויפט פון קליינע טשוועקעלעך, שרויפן, זאוויעסעס און שלעסלעך, ביז זעגן, האמערס, רערן און הייץ־אייוועלעך. די אָפענע הייף זענען געווען באלייגט מיט אייזנ־ווארג פון אלע מינים — פון געל־פארזשאווערטע רייפן, ביז גלאנציקע שי־נעס, שטאבעס און בעלקעס, בעטן און געדרייטע שטיגן.

נישט ווייט איז געווען די שוועגמאָ קזשיסקע גאס. דאָרטן האָבן זיך געפונען די געשעפטן מיט פארטיקע נייע מענער־קליידער, און אביסל וויי־טער, די געשעפטן פון אלטע גענוצטע ביכער און אנטיקן, וואָס זענען אלע געלעגן אויסשליסלעך אין יידישע הענט.

די טווארדע גאס איז געווען פול מיט קליינע און גרעסערע געוועלב־לעך און געשעפטן פון יעדן סאָרט. אויף יעדן טריט — א שפייז־געוועלבל, א דיסטריבוציע (טאַבאק־געשעפט), א נאפט־האנדל, א בעקעריי, א שניט־געוועלב, א פרוכט־האנדל אָדער יאטקע. ס'איז געווען פונקט אזוי נאטיר־לעך און אָנגעלייגט צו קויפן אין שפייז־געוועלבל א קעפל פון א הערינג פאר א גראָשן, פאר א „צווייער" נאפט אין נאפט־האנדל, עטלעכע ארשין אטלעס פאר א שבתדיקע קאפאָטע, אָדער עטלעכע פעטע גענז „אויסצו־לאָזן" אויף שמאלץ פארן ווינטער. נישט ווייט אָפגערוקט איינס פונעם אנדערן זענען געווען באוואריעס, שענקען, קאַוויארניעס און רעסטאָראַ־ציעס. ווו די קונדן זענען געווען יידישע טרעגערס, דראָזשקאַזשעס, בעלי־מלאכות און אפילו גבירישע יידן, וואָס האָבן געהאלטן פון „מאכן א שנאפס" און געשמאק צובייסן אין א היימישער רעסטאָראַציע.

אזוי איז געווען א גאנצע וואָך. גזשיבאָוו און טווארדע זענען געווען

יידישע גאַסן. האָט א קריסט, א פּאָליאַק פון די ארומיקע גאַסן אַהער פאַר־בלאָנדזשעט, האָט ער זיך מיט זיין פרעמדער הלבשה און גלאַנציקן דאַשיק געהאַלטן אזוי פּאַרזיכטיק ווי עמיצער, וואָס געפינט זיך אין דער פרעמד. בלויז אום זונטיק, אָדער אין א חגא־טאָג, האָט זיך דאָס בילד געענדערט. ווי דורך אַן אָפּמאַך האָבן יידן אין יענע טעג אָפּגעטראָטן פון דעם גזשי־באָוו און אים איבערגעגעבן די קריסטן. אין די טויזנטער פלעגן זיי קומען אין קאָשטשאָל אריין, און באַלעגערן דעם גאַנצן פּלאַץ און די גאַסן ארום אונטער די שווערע קלאַנגען פון די בראָנזענע גלעקער אויף די קלויסטער־טורעמס.

אָבער אויך דאָס איז געווען א טייל פון יידישן לעבן און יידישע פּרנסות. נישט געקוקט דערויף וואָס די יידישע געוועלבער אָדער ביר־שענקען זענען געווען פאַרמאַכט צו דער גאַס, פלעגן די קריסטן דאָך אָנפילן זיי און איבערלאָזן היפשע מטבעות לייזונג. „הינטן ארומעט”, דורכן הויף, פלעגן זיי זיך אריינכאַפּן אין די יידישע רעסטאָראַציעס, און זיך לאָזן ווילגיין ביי די בופעטן, ווו מ׳האָט געקאָנט שטייענדיק אָדער זיצנדיק גיסן אין זיך אָן א שיעור בראָנפן אָדער ביר, און פאַרבייסן מיט געשמאַקע יידישע מאכלים, געפילטע פיש אָדער געבראָטענע לעבערלעך. יידישע גע־שעפטסלייט האָבן אין אַזעלכע חגא־טעג „געזשאָפּט”. און צוליב דעם האָט מען א סך מאָל געמוזט פאַרקוקן די קליינע אוואַנטורעס אָדער אפילו גע־שלעגן, וואָס די גיך שיכור געוואָרענע זונטיקדיקע געסט האָבן פאַרפירט.

דער חשובסטער שכן און „שיינדעל” פון אונדזער הויף איז געווען ר׳ איטשעלע, דער רב און מורה־הוראה, דער מנהיג פונעם ראַדזימינער חסידים שטיבל, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען. ער איז געווען א הדרת־פּנימדיקער ייד אין די זעכציקער, מיט בטחונדיקע אויגן און א ליבן שמייכל איבער דער גרויער, זיידענער באָרד. נאָך דעם „רבין זאָל לעבן”, צו וועמען מען איז געפאָרן אויף יום־טוב קיין ראַדזימין, איז ר׳ איטשעלע געווען דער באַליבטסטער צווישן די חסידים, וואָס זענען דאָ אַהער געקומען פון ווייט ארום דאַווענען אין „שטיבל”. געוווינט האָט ער איבערן שטיבל, אויפן ערשטן שטאָק. זיין הויפּט־חדר, די „סאַלע”, האָט טאַקע געדינט פאַר דעם עזרת נשים, ווו די ווייבער האָבן געדאַוונט אונטער דער השגחה פון דער רביצין אַליין. איבערן אָרט ווו דער עמוד איז געשטאַנען, נעבן

ארון־קודש, איז אין באַלקן געווען אויסגעהאַקט א פירקאַנטיקע עפענונג וואָס האָט געפירט צו דעם רב אין שטוב אריין; אזוי אז מען האָט אויבן געקאָנט הערן דאָס דאַווענען. און אויפן זעלבן אָרט ווו ס׳איז אונטן גע־זעסן דער רב נעבן אָרון־קודש, איז אויבן אין עזרת־נשים געזעסן די רביצין און געפירט מיטן דאַווענען פון די ווייבער. אזוי האָבן זיך די מאַנסבילישע געזאַנגען און תפילות צוזאַמענגעגאָסן מיט דעם נאָכזאָגן פון די ווייבער און זייער געוויין.

זי איז געווען א יחסנותדיקע, נגידישע פרוי, די רביצין, שטענדיק אויסגעפוצט מיט דעם בלאַנקענדיקן שטערן־טיכל און העלזיידענע פאַ־טשיילע איבער די אַקסלען. פונקט אזוי חשיבותדיק האָט זיך געהאַלטן ר׳ איטשעלע, וועלכער איז כמעט א גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען אָנגעטון אין שוואַרץ־ווייס געפּאַסטן טלית איבער דער גלאַנציקער אַטלעסענער קאַפּאָטע.

פון דעם רבס פענסטער האָט זיך געצויגן א ליכטיקייט איבערן גאַנצן הויף. תמיד זענען דאָרט געזעסן גרופּעס יידן, וואָס זענען געקומען נאָך עצות אָדער דין תורות. סיי דער רב, סיי די רביצין, זענען ביי אַלעמען געווען זייער געשעצט צוליב זייער גוטסקייט און זייער צדקה טון. און ווען איינער פון זיי פלעגט זיך באַווייזן אין הויף, זענען זיי שטענדיק באַגלייט געוואָרן פון די ליבנדיקע בליקן פון די איבעריקע שכנים, וואָס האָבן זיי מיט דרך־ארץ אָפּגעטראָטן דעם וועג.

ר׳ איטשעלע האָט געהאַט צוויי חתונה־געהאַטע טעכטער. דער ייִנ־גערער איידעם איז געווען א זיידענער יונגערמאַן. אים האָט מען ווייניק וואָס געקענט, ווייל ער האָט געוווינט ערגעץ אנדערש און איז נאָר געקומען שבתים און ימים־טובים דאַווענען מיטן שווער. דער עלטערער איידעם איז געווען בעסער באַקענט, ווייל ער האָט געוווינט אין זעלבן הויף, אין דער אַנטקעגנדיקער אָפיצינע. צו גוט אָבער האָט אים קיינער נישט געקענט. ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט עפּעס א סודותדיקייט.

דאָס איז געווען א יונגערמאַן אין די שפּעטע דרייסיקער. א הויכער מאַן מיט א מאַט פּנים, קורץ געוואַקסן בערדל, און ווייטע, אין זיך אריין פאַרטיפטע אויגן. ער האָט שטענדיק געשוויגן, שטענדיק געקלערט, און שטענדיק ווי וועגן עפּעס געזאָרגט. צי האָט ער געזאָרגט דערפאַר, וואָס ס׳איז שוין געווען א סך יאָרן נאָך זיין חתונה און ער איז געווען אַן עקר —

אָדער ווייל ווי מ'האָט שטילערהייט גערעדט, ער איז געווען אַ מלווה, גע־געבן געלט אויף פּראָצענט? אָבער ער האָט זיך תּמיד געהאַלטן אָן אַ זייט, געקוקט אויף אַלעמען, גלייך ווי ער וואָלט יעדן מקנא געווען. אויך דאָס שיינע ווייבל זיינס פלעגט זיך ווי שאַרן אין די ווינקלען, און דאָס שטיקל וועג פון דער מוטערס וווינונג ביז צו זיך עפּעס ווי דורכלויפן אויף גיך, מען זאָל זי וואָס ווייניקער זען. און נישט איינמאָל בשעתן אָדער נאָכן דאַווענען אין שטיבל פלעג איך אויפכאַפּן די בליקן, מיט וועלכע ר' אי־טשעלע פלעגט אַמאָל קוקן אויפן עלטערן איידעם. עס איז אין זיי געלעגן אַזוי פיל באַהאַלטענער צער.

די צוויי באַרימטסטע שכנים אויפן הויף זענען געווען ר' בעריש און שילעם ווילנער — טאַטע און זון. זיי זענען געווען באַוווּסט נישט נאָר אין אונדזער הויף, נאָר איבער גאַנץ וואַרשע. און באַרימט זענען זיי געווען, ווייל זיי זענען געווען קאַרליקעס, „האַלבע מענטשעלעך". די קעפּ בייביידן זענען געווען גרויסע, כּמעט נאָרמאַל אַנטוויקלטע. אָבער פון די אַקסלען אָן זענען זייערע גופים געווען קינדישע, מיט קליינע הענטלעך און פיסלעך. איינגאַנצן האָבן זיי דערגרייכט ביז איבער די קני פון אַ נאָרמאַל דערוואַקס־סענעם מענטשן. יידישע קאַרליקעס זענען אין וואַרשע געווען אַ שטאַרק־אויסטערלישע דערשיינונג, וואָס האָט אַרויסגערופן חידוש און שרעק. פאַר־שידענע מעשיות זענען וועגן זיי אַרומגעגאַנגען. דער אמת איז געווען, אַז ר' בעריש, דער ערשטער קאַרליק אין זיין משפּחה, האָט געשטאַמט פון גרויסן נגידישן יחוס, פון די רייכע ווילנערס. פאַר אַ סך נדן האָט זיין משפּחה זיך איינגעגעבן אים חתונה צו מאַכן פאַר אַ זייער שיינער מיידל. אָבער ווען זי האָט געבוירן דאָס ערשטע קינד, שילעמען, אויך אַ קאַרליק, איז זי פון צער און בושה געשטאָרבן יונגערהייט. שילעם האָט זיך שוין אויפגעהאָדעוועט אָן אַ מאַמען, בלויז מיטן פאָטער, צו וועמען ער איז געווען שטאַרק צוגעבונדן.

זיי זענען געווען טראַגישע פיגורן, דער טאַטע און זון, פאַרשאָלטענע מענטשעלעך צווישן אַ שטאָט נאָרמאַלע דערוואַקסענע מענטשן. דער אינ־טערעסאַנטערער צווישן זיי איז געווען דער זון, שילעם. ר' בעריש איז געווען רעזיגנירט. ער האָט כּמעט קיינמאָל זיין שטוב אָדער דעם הויף נישט פאַרלאָזן. ווייל ווו נאָר איינער פון די קאַרליקעס האָט זיך דערוואַגט צו

באװײזן, איז מען זיך צוזאמענגעלאָפן װי אויף א בײז װוּנדער, און די נאָם פּלעגט װערן שװארץ. האָט ער בעסער אויסגעקליבן צו זיצן בײ זיך אין דער אויפגערוימטער שטוב און פירן די „מעלדונקעס", רעגיסטראציע־ביכער, װוּ עס זענען געװען אײנגעשריבן אלע אײנװױנער פון הויף צוליב דער פּאָליציײאישער קאָנטראָל. ער איז געװען דער „זשאָנדרע" (פּארװאל־טער) פון הויף. אָדער ער פלעגט אָפּזיצן שעהנװײז, נישט רעדנדיק צו קײנעם, און אלײן מיט זיך שפּילן אין קאָרטן, אין „פּישע פּעישע". עס איז געװען מאָדנע צו זען דאָס קלײנע מענטשעלע מיט דעם געגאָלטן פּנים און דער טונקל־גרױער װאָנצע, מיט טרױעריק רעזיגנירטע אױגן, אָנגעטון אין דער קורץ געהאקטער לוסטרינענער ליליפּוטן־קאַפּאָטע, און נידעריקן טוכענעם היטל (ער האָט זיך נאָך, הפּנים, געהאַלטן בײ דער טראדיציע פון זײן משפּחה, װאָס זענען מסתמא געװען מתנגדים), זיצן און אױס־לײגן פאר זיך די קאָרטן, אין װעלכע ער האָט אפשר געזוכט א באשײד פאר זײן טרױעריק מזל.

אנדערש איז שױן געװען דער פינף און צװאנציק יעריקער שילעם. ער איז קײנמאָל נישט אײנגעזעסן אויף אן אָרט. ער איז געװען אן אומ־רואיקער און פּלעגט דװקא, װי אויף צו להכעיס, ליב האָבן ארומצװוּאנ־דערן איבער דער שטאָט. מערסטנס פּלעגט ער זיך אװעקלאָזן אויף א דראָזשקע צו א געװיסער געגנט, און דאָן אראָפּגײן און שפּאצירן. װײט דערגײן האָט ער נישט באװיזן. עס פּלעגט זיך באלד צוזאמענלױפן אן עולם. די ערשטע עטלעכע מינוטן פּלעגט זיך שילעם מאכן װי ער באַ־מערקט נישט דעם צוזאמענלויף. אָבער אז די ארומרינגלענדיקע צוקוקערס זענען שױן געװאָרן צו חוצפּהדיק מיט זײער באװוּנדערונג, פּלעגט דער קאַרליק אויסברעכן אין כעס, װי א לעמפּערט, מיט אמאָל געבן א פלינקן שפּרונג ארויף צו דעם נעכסטן מענטשן אין געזעמל, און פארפאָרן אין די צײן מיט זײן קלײנער אָבער אײזן שטארקער האנט. דאָס פּלעגט פּאָר־קומען אזוי אומגעריכט, אזוי בליץ שנעל, אז דער געשלאָגענער פּלעגט װערן צעטומלט און דער גאנצער ארומיקער עולם פּלעגט זיך פונאנדער־לױפן אין גרויסער שרעק. אָבער שילעם האָט שױן נישט געװאַרט. אין דער זעלבער מינוט האָט ער זיך שױן ארויפגעכאפּט אויף א פארבײפאָרנ־דיקער דראָזשקע און זיך צוריק אָפּגעטראָגן.

אזעלכע אויפברויזן זענען נישט געווען קיין אָפּטע, ווייל בטבע איז שילעם געווען סענטימענטאַל ווי קינד. ער פלעגט רעדן צו מענטשן הויך און אביסל חוצפּהדיק, אָבער דאָס אַלץ איז געווען נישט מער ווי אַ פאַנ־צער, הינטער וועלכן ער האָט זיך געשיצט קעגן דער וועלט. האָט מען אים אָבער ארויסגעוויזן די מינדסטע איינזעעניש, איז ער גרייט געווען יענעם צו דינען מיט לייב און לעבן. צענדליקער מענטשן האָבן טאָקע גענאָסן פון זיינע טובות. געלעבט האָט שילעם דערפון, וואָס ער איז געווען אַ „שרייבער אין צירקעל״, דאָס הייסט, ער איז געווען אַ ביוראָליסט אין אָרטיקן פּאָליציי־אָבטייל אויף טוואַרדע נומער 20. דאָרטן האָבן אים אַלע הארציק ליב געהאט, און ער האָט געקאָנט ביי די באַאמטע אַלץ אויספירן. אזוי ארום איז ער געוואָרן אַ „מאַכער״ ביי דער פּאָליציי, און צענדליקע אָרימע יידן, מאַרק־הענדלער אָדער הענדלערקעס זענען געלאָפן צו שילעם ווילנערן, ער זאָל זיי העלפן זיך באַפרייען פון פּאָליצייאישער שטראָף. שילעם האָט קיינמאָל קיינעם נישט אָפּגעזאָגט.

שילעם איז געווען אַ טראַגישער מענטש. ער האָט זיך געגויטיקט אין ווארימקייט און צערטלעכקייט, וואָס ער האָט קיינמאָל אין זיין אייגענער היים נישט געהאט. ער פלעגט זיך דערפאַר צוטוליען צו עפּעס אַ פאַמיליע, וווּ ער איז געוואָרן היימיש. ער פלעגט יענע פאַמיליע באַטראַכטן ווי זיין אייגענע, טראָגן דעם עול פון יענער היים, גלייך ווי ער וואָלט גע־וואָרן אַ טייל פון איר, און אין דער זעלבער צייט זי אָנפילן מיט דער פרייד פון זיין קינדישן געלעכטער און זיינע וויצן. אין יענער צייט איז זיין היים געווען ביי אונדז. מיין מאַמע ע״ה האָט שילעמען באַהאַנדלט ווי איינעם פון אירע קינדער.

באַזונדערס איז שילעם צוגעלאָזן געוואָרן צו מיר — פּונקט ווי איך צו אים. איך ווייס נישט, צי עס איז געווען בלויז רחמנות, וואָס האָט מיך אויף עטלעכע יאָר צייט צוגעבונדן צו אָט דעם „האַלבן מענטשעלע״, אָבער מיר זענען געוואָרן נאָענטע פריינט. שילעם איז קיין טראָט נישט געגאַנגען אָדער געפאָרן אָן מיר. און עס האָט געמוזט זיין זייער קאָמיש צו זען דאָס קורצע, דייטש געקליידטע מענטשעלע מיט די בלוי קינדישע אויגן און בלאָנדער וואָנצע, וויגנדיק זיך שנעל, שנעל אויף די קורצע פיסלעך, אין דער באַגלייטונג פון אַ צוועלף־יעריק חסידיש יינגל מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע

און לאַנגע פּאַהלעך. שילעם האָט קיין זאַך נישט באַהאַלטן פון מיר. ער פלעגט רעדן צו מיר פון זאַכן, וואָס האָבן אים וויי געטון, און וואָס איך האָב אַפילו נישט ריכטיק פאַרשטאַנען. איך האָב בלויז געפילט, אַז איך דאַרף זיין נעבן אים און זיין צו אים גוט.

נישט נאָר צו שילעמען בין איך געווען צוגעבונדן — נאָר אויך צום פאָטער זיינעם, צו ר׳ בעריש׳ן. איך פלעג אים באַדינען און גיין פאַר אים איינקויפן זאַכן, אין וועלכע ער האָט זיך געניוטיקט. ער פלעגט מיין נאָכ־ענטקייט אָננעמען מיט שטומער דאַנקבאַרקייט. טאַטע און זון האָבן זיך ביידע שטאַרק ליב געהאַט און געזאָרגט איינער פאַרן אַנדערן. אָבער גערעדט האָבן זיי ווייניק צווישן זיך. און ווען מען האָט גערעדט, איז עס תמיד געווען עפּעס אין אַ ברוגזן טאָן, מיט פּרעטענזיעס, און נישט די־רעקט. ר׳ בעריש פלעגט זיך ווענדן צום זון, ווען ער האָט געהאַלטן ביים אַוועקגיין: „ווען וועט ער אַהיים קומען? ווידער צוויי פאַרטאָג?״ שילעם פלעגט זאָגן: „זאָל ער איינעמען די מעדיצין. דער דאָקטאָר האָט אָנגע־זאָגט״. און דערביי פלעגט מען נישט קוקן איינער אויפן צווייטן. שילעמס זאָרג פאַרן פאָטער איז טאַקע נישט געווען קיין אומזיסטע. ר׳ בעריש איז אין אַ פּאָר יאָר אַרום, ווען מיר האָבן נאָך דאָרט געוווינט, געשטאָרבן. ער האָט געהאַט אַ גרויסע לויה. מיט שילעמען האָב איך זיך צעשיידט, ווען מיר האָבן זיך אַרויסגעצויגן פון הויף. יאָרן שפּעטער האָב איך אויס־געפונען, אַז שילעם איז אַוועק קיין דייטשלאַנד און אַריינגעטראָטן אַלס ליליפּוט־קלאָון אין אַ בערלינער צירק. שפּעטער איז ער צוריקגעקומען קיין וואַרשע, ווו ער איז אַן עלנטער געשטאָרבן.

אַן אָנגעזעענער שכן אין הויף איז געווען ר׳ הערש ריישער. דאָס איז געווען אַ ייד אַ גביר און אַ יחסן. ער איז געווען דער אייגנטימער פון אַ גרויסער בעקעריי און צוקער־געבעקס־געשעפט. ביי אים אין שטוב האָט מען זיך געפירט האַלב חסידיש, כאָטש ער אַליין איז קיין חסיד נישט געווען. סיי די בעקערין, זיין ווייב, און סיי זיינע צוויי יונגע טעכטער זענען געווען שטאַרק פאַרצויגן. קיין גרויסע שיינהייטן זענען זיי נישט געווען, אָבער געבלאָזן האָט מען פון זיך. און פּונקט אַזוי פאַרצויגן איז געווען זייער בן יחיד, שיעלע, וועלכער האָט מיט מיר צוזאַמען געלערנט ביי איין מלמד, אין שטיבל אויפן הויף.

שיעלע האָט נישט געהאַט קיין צו שאַרפן מוח, און דערצו איז ער נאָך געווען אַביסל גאַווהדיק, אָבער קיין שלעכט יינגל איז ער נישט געווען. דערביי איז ער געווען אַ מתמיד, ער האָט געוואָלט לערנען. ער האָט זיך נישט געפּוילט אויפצוזיצן דאַנערשטיק אַ גאַנצע נאַכט מיט דער געקליבע־נער גרופּע עלטערע ייִנגלעך און לערנען ביזן גרויען טאָג אַריין. מיר זענען געווען חברים, און פון אים האָב איך אויסגעלערנט איינצושאַפן זיך אַ היימיש ביבליאָטעקל. ער איז געווען אַ שטענדיקער געטרייער קונה ביי דעם פּאַקנטרעגער, וואָס פלעגט יעדן פאַרנאַכט, צו מנחה, קומען אין שטיבל אַריין און אויסלייגן אויפן טיש ביים טיר אַלע זיינע חסידישע און מוסר ביכלעך, ווי שבחי בעל שם טוב, אָדער די מעשה פון רב יוסף דילה רינה. שיעלע האָט געקויפט יעדן נייעם ביכל, וואָס ער האָט געפונען אין פּאַקנטרעגערס קלומעק, אַנגעקליבן עטלעכע פון די דינע ספרימלעך, און נאָכדעם זיי אָוועקגעטראָגן צום איינבינדער און זיי געלאָזט איינבינדן צו־זאַמען, מיט גאָלד געליישטע אויפשריפטן אויף די רוקנס. איך האָב זיך באַמיט אים נאָכצוהאַלטן, כאָטש איך האָב קוים געקאָנט אָפּשפּאָרן די בויטיקע קאָפּיקעס פון די נישט גרויסע געלטער, וואָס איך פלעג קריגן אויף נאַשערייען.

דער בעקער, ר׳ הערש ריישער, איז געווען אַ שטרענגער. ער האָט קיין סך נישט גערעדט, אָבער זיין געשעפט האָט ער געפירט מיט אַ פעס־טער האַנט. און פּונקט אַזוי פעסט און אָנגעצויגן זענען געווען זיינע באַ־ציאונגען מיט די שכנים. ער איז געווען שטאָלץ אויף זיין געשעפט, אויף זיין ציכטיק געקליידט הויזגעזינד, און אויף זיין אויסגעפּרעסטער קאַפּאָטע מיטן ווייסן ריינעם העמד, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון אונטער זיין בלאָנדער באָרד. פּונקט אַזוי שטרענג זענען געווען זיין ווייב, די בעקערין, און די טעכטער, ווען זיי זענען געשטאַנען תקיפדיקע אין דעם געבעקס־געשעפט. דינגען זיך האָט מען ביי זיי נישט געקענט. פאַרקערט, ס׳האָט אויסגעזען ווי זיי וואָלטן געטון אַ טובה וואָס זיי ווילן פאַרקויפן. די רייַ־שער משפחה איז אָבער געווען פון די, צו וועלכע מען האָט זיך געזוכט מתקרב צו זיין, געשעצט איר נגידישקייט. די תמיד אָפענע בעקעריי האָט איבערן גאַנצן הויף אויסגעגאָסן עפּעס אַ פרייִלעכקייט, ווייסקייט און וואַ־רעמקייט, וואָס האָבן זיך פון איר געטראָגן. און אין די דאָנערשטיקע

שפּעטע ביינאכטן פלעגט זיך דאָס געזאַנג פון די בעקער־יונגען, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דער העל־באַלויכטענער בעקעריי, אויסמישן מיט די פריי־לעך־טרויעריקע ניגונים פון די שפּעט־לערנערס אין דעם שוואך באַלויכ־טענעם חסידים־שטיבל.

ר׳ הערש, דער בעקער, האָט דעם הויף באַהערשט מיט נאָך עפּעס: ער האָט געהאט א גרויסע ליבע צו האָדעווען הינער. גאַנצע סטאַיעס הענער, הינער און הינדעלעך פלעגן אָנפילן דעם גרויסן הויף, גלייך ווי ער וואָלט נאָר פאר זיי געמאכט געוואָרן. פונקט ווי אויף זיין הויזגעזינד, איז דער בעקער געווען שטאָלץ אויף זיין געפליגלט פארמעגן, און די טייערסטע מינים פלעגט ער זיך איינשאפן. מיט עפּעס א מאָדנער הנאה פלעגט ער זיך מיט זיי ארומפירן איבערן הויף, געבן זיי אליין וואסער צו טרינקען, אליין שפּרייטן פאר זיי די בעסטע קערנער, און אליין אכטונג געבן, בעת מען פלעגט זיי ביינאכט איינזאמלען אין דער ווארעמער בעקעריי אריין, ווו עס איז געווען פאר זיי א באַזונדערער גרויסער קאָטוך.

בדרך כלל האָט דער הויף זיך באצויגן גאנץ געדולדיק און אפילו מיט איינזעעניש צו די פארשידענע הענערישע פאמיליעס, וואָס האָבן זיך צעשפּרייט אין אלע ווינקלען — די הינער מיט זייערע נאָכלויפנדיקע קליי־נינקע הינדעלעך און די וואַזשנע הענער מיט די רויטע קאמען אויף די קעפּ, וועלכע האָבן אָפּגעהיט יעדער זיין אייגענע משפּחה. אָבער איינמאָל איז עס דערגאנגען צו א קאָמיש־ערנסטן אינצידענט, וואָס האָט אין הויף געמאכט א גרויסן רושם.

דער בעקער האָט געהאט געקויפט א האָן, דוכט זיך א גאלאנסקן — א האָן וואָס מען זעט נישט אזעלכן. ער איז געווען מיט צוויי הענערישע קעפּ העכער פון אלע איבעריקע הענער. זיין קאם איז געווען צונטער רויט און שווער. זיינע אויגן האָבן געשפּריצט פייער, און געטראָטן האָט ער מיט זיינע שפּאָרן אזוי וויכטיק, גלייך ווי די גאנצע וועלט וואָלט געווען זיינע. ר׳ הערש איז זייער שטאָלץ געווען אויף זיין איינקויף. אָבער דער האָן איז געוואָרן דער פאקטישער דיקטאטאָר פון הויף. ער איז געווען נישט נאָר דער פירער פון איין גרופּע הינער, נאָר פון אלע גרופּעס. ער האָט געהאלטן אַן אויג אויף אלעמען. און ווי איז געווען צום האָן, וואָס האָט זיך נישט באנומען מיט זיינע הינער לויט ווי די געפליגלטע מאָראל פאָדערט!

און נישט בלויז איבער די הענער האָט דער ריזיקער האָן געהערשט, נאָר אויך איבער די איינוווינער פון הויף. קיין פרעמדער מענטש האָט זיך אין הויף נישט געטאָרט באַווייזן. דער האָן פלעגט שפּרינגען אין די אויגן גרייט זיי אויסצופּיקן. טאָמער האָט אַ קינד נישט ווילנדיק פאַרטשע־פּעט איינע פון די הינער, איז דער האָן געקומען צו לויפן און דאָס קינד געשלאָגן מכות רצח מיט די שטאַרקע פיס, מיט די פליגל און מיטן שנאָבל. דער הויף איז געווען אין טויט שרעק. און וויפל די שכנים האָבן זיך נישט געקלאָגט און פּראָטעסטירט פאַר ר׳ הערשן, אַז דער האָן איז געוואָרן אַ סכנה פאַרן הויף, האָט ער זיך אַלץ נישט געלאָזט איבעררעדן דעם האָן משלח צו זיין.

אַ סוף צו דער ממשלה פון דעם הענערישן דיקטאַטאָר איז געקומען ערשט, ווען זיין חוצפּה איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער איז באַפאַלן דעם רב, ר׳ איטשעלען. ר׳ איטשעלע, ווי שוין דערמאָנט, פלעגט דעם גאַנצן טאָג אַרומגיין איינגעוויקלט אין אַ גרויסן טלית. איינמאָל, ווען ער האָט זיך געלאָזט גיין פון זיין שטוב צו דער אָפּיצינע, ווו זיין טאָכטער האָט געוווינט, האָט אים פּונקט אָנגעטראָפן דער האָן. יענער איז איבער־ראַשט געוואָרן פון דער שוואַרץ־ווייסער הלבשה, וואָס ער האָט נאָך קיין־מאָל נישט געהאַט געזען פריער, און מלא רציחה איז ער באַפאַלן דעם רב, אָנגעהויבן צו שפּרינגען אויף אים און פּיקן אים דאָס פּנים, און צופּן פון אים דעם טלית. אויפן הויף איז געוואָרן אַ מהומה. מיט געשרייען און גע־וואַלדן האָט מען זיך געלאָזט פון אַלע זייטן אָפּראַטעווען דעם מורה־הוראה אין דער משונהדיקער מלחמה. אָבער עס איז נישט געווען אַזאַ גרינגע זאַך. דער האָן איז אַריין אין דער ווילדסטער רציחה, און קוים מיט צרות האָט זיך איינגעגעבן אַרויסצוראַטעווען ר׳ איטשעלען און אַ האַלב לעבע־דיקן, פאַר שרעק און בזיון, אַרויספירן אים צוריק צו זיך אין שטוב.

דער הויף איז נאָך דער מעשה געווען אויפגעקאָכט און אפילו ר׳ הערש מיט זיין גאַנצער תּקיפות און איינגעשפּאַרטקייט האָט שוין נישט געקאָנט מער זיך אַקעגנשטעלן. ער האָט געוווּסט, אַז מען וואָלט דעם האָן סיי ווי סיי דורם געווען, אויב ער וואָלט געוואַגט זיך ווידער אַמאָל צו באַווייזן אין הויף, און דער הענערישער דיקטאַטאָר איז אַוועקגעשיקט גע־וואָרן אויפן וועג פון זיינע זיידעס און עלטער־זיידעס.

א וואזשנער באַלעבאָס אין הויף איז געווען ר׳ שמחה יאָסל, דער ווירט פון דער רעסטאָראַציע, אין וועלכער מיר, דאָס הייסט מיין מאמע ע״ה, האָבן געהאַט א חלק. דער שטייגער איז געווען, אַז א רעסטאָראַן איז איינגעטיילט געוואָרן אין דריי טיילן, וואָס יעדער איינער פון זיי איז געלעגן אין די הענט פון א באַזונדער אונטערנעמער. קודם כל איז געווען דער בראָנפן־פאַרקויף. דאָס איז געווען דער הויפּט־טייל און איז געפירט געוואָרן דורך דעם, וועלכער האָט געהאַט דעם פּאַטענט אויפן געשעפט. דאַן איז געווען דער „מאַרקער״, וואָס האָט געהאַלטן דעם ביר־פאַרקויף. און דאַן ערשט דער, וועלכער האָט געהאַלטן די „קיך״, דאָס הייסט אַלץ וואָס האָט געהאַט א שייכות מיטן עסנוואַרג, סיי ביים בופעט און סיי ביי די טישן.

ר׳ שמחה יאָסל איז געווען א ייד א ברייטער, א פּריילעכער, מיט א פּריש פּנים איינגעראַמט אין א שיינער צוויי שפּיציקער באָרד. די אויגן האָבן ביי אים תמיד געלאַכט. ער איז שטענדיק געווען אויפגערוימט און געזאָגט פלאַכע וויצן, פון וועלכע ער אַליין האָט שטאַרק הנאה געהאַט. איינער פון זיי, וועלכן ער האָט מסתמא געהאַלטן פאַר זייער געלונגען, ווייל ער פלעגט אים איבערחזרן ביי יעדער געלעגנהייט, איז געווען: „פעטער, איר מעגט שוין לאַכן. פאַרוואָס? ווייל קיינער קאָן עס אייך נישט פאַרווערן״... ר׳ שמחה יאָסל פלעגט דעמאָלט יענעם, איבער וועמען ער האָט געמאַכט דעם וויץ, גוט ברודעריש קלאַפּן איבער דער פּלייצע, ווי א פאַרגיטיקונג דערפאַר וואָס ער האָט אים אַריינגענאַרט. און יענער האָט אויך ברייט מיטגעלאַכט באין ברירה.

בכלל האָבן אַלע מיטגעלאַכט מיט שמחה יאָסלען און אים געקוקט אין די אויגן. יעדער האָט עס געהאַלטן פאַר גלייכער צו לעבן מיט אים בשלום. עס איז געווען אַן אָפּענער סוד, אַז ער איז געווען א זייער נאָענטער שמעלקע מיט „נאַטשאַלסטוואָ״. ער האָט זייער לייכט געקאָנט עמיצן א טובה טון, און אַמאָל אפשר פאַרקערט. אין האַרצן האָט מען פאַר אים מורא געהאַט, אָבער כדי עס נישט אַרויסצוּווייזן, האָט מען זיך געהאַלטן מיט אים איבערטריבן גוט־ברודעריש. ר׳ שמחה יאָסל האָט עס הפּנים געוווּסט. ער האָט זיך געפילט אומבאַקוועם, און האָט דערפאַר בסדר זיך געוויצלט. ער איז געווען אויסגעקאָכט מיט אַלע געסט, און אַרומגעגאַנגען

פון טישל צו טישל, אָנגעטון אין די וואָכעדיקע טעג אין שמאָלן טוכענעם היטל און קורצער מאַרינאַרקע, און אין די יום־טובדיקע טעג, אָדער ווען ער האָט זיך געדאַרפט זען מיט עמיצן פון די „הויכע" לייט איז ראַט־הויז, אין זיין שיינעם דייטשן קאַפּעליוש.

אליין האָט ר' שמחה יאָסל קיין דירעקטן אָנטייל נישט גענומען אין געשעפט. ער איז נישט געשטאַנען הינטערן בופעט. דאָס האָט ער איבער־געלאָזט צום איידעם זיינעם, ר' יחזקאל. יענער איז געשטאַנען סיי ביים בראָנפן גיסן, סיי ביים געלט נעמען, און אויך אכטונג געגעבן אויף די „סקלעפּאָוועס", די ארויסהעלפערקעס ביים בופעט. ר' חאַצקל איז געווען זייער א פלינקער און א לייכט־מוטיקער. ער האָט אלץ געטון מיט א לייכ־טער, נישט־אָנגעשטרענגטער באַוועגונג — מיט עפּעס א גלייכוווערטל. ער איז באמת געווען א קלוגער און שאַרפזיניקער, מיט א יונג־אָפן פּנים. ער האָט זיך אפילו אמאָל געוויצלט איבערן שווערם פלאַכקייט. די גאַנצע רעס־טאָראַציע האָט „געלעבט" צוליב חאַצקלס לייכטן געמיט. ער איז אויך נישט געווען קיין עם־הארץ אין די קליינע אותיותלעך. ער האָט נאָך צייט געהאַט צו לייענען ביכלעך, זיצנדיק ביים בופעט, אין די שטילערע שעהן און אין די אָוונטן, נאָך דער „גראַטשקע", ווען ער פלעגט אריינקומען צו אונדז אין דער גרויסער קיך, ווו די מאַמע מיינע איז אויך געווען פאַר־נומען מיט לייענען צווישן איין מאָלצייט און צווייטן. אויף פאַרלייענען פאַר שבנטעם, ווי זי פלעגט עס טון אמאָל, האָט די מאַמע איצט שוין קיין צייט און קיין געלעגנהייט נישט געהאַט, סיידן אין זעלטענע פאַלן. אָבער איר חשק צו די ביכער איז נאָך גרעסער געוואָרן. און אין חאַצקלען האָט זי שוין געפונען עמיצן, מיט וועמען זי האָט זיך כסדר געקאָנט בייטן מיט די געלייענטע ראָמאַנען און אויך כאַפּן א שמועס וועגן זיי.

חאַצקל איז דאָס געווען דער וואָס האָט מיך באַזאָרגט מיט די יידי־שע איבערזעצונגען פון זשול ווערן און מעין ריד, און מיט טענענבוימס דערציילונגען וועגן די אמעריקאַנער אינדיאַנער, ביכער וואָס איך פלעג שלינגען אָן אויפהער. פון חאַצקלען האָב איך אפילו געקראָגן די יידישע באַארבעטונג פון הערי ביטשער סטאָוס באַרימטן „אָנקל טאָמס קעבין"

בכלל איז אונדזער גרויסע קיך געווען מיין ערשטער לייען־זאַל. אין איינעם פון די ווינקלען איז געווען איינגעשטעלט א גרויסער הילצערנער

קאסטן פאר קוילן. אהין, אין יענעם קאסטן, פלעג איך זיך תמיד פאר־קלייבן, זיצן א צוזאמענגעקאָרטשעטער און שלינגען מיין בוך. נישט ווייל עס האָט מיר עמיצער געשטערט צו לייענען, נאָר כדי איך זאָל נישט זיין אין וועג די קעכינס, וואָס האָבן זיך כסדר געפּאָרעט ביי די טעפּ, אָדער די קעלנערס, וואָס זענען תמיד אריין און ארויס. נישט איינמאָל פלעגט מיך ר׳ חאצקל אָפּזוכן אין דעם קוילן־קאסטן און מיך אויספרעגן וועגן דעם געלייענטן בוך.

א באזונדערן אינטערעס פאר מיר האָט געהאט אונדזער שכן דער גאָלדשמיד נתן, אָדער פּאַניע נאַטאַן, מיט וועמען מיר האָבן געוווינט א טיר אין א טיר. עס איז געווען נישט קיין קלייניקייט צו זען דעם שטילן, בלאסן גאָלדשמיד זיצן ביי זיין קליינעם ווערקשטאט און אויסצאצקען פינ־גערלעך, אוירינגלעך און בראָנזעלעטן, גראווירנדיק זיי מיט א קליינעם געשארפטן דלאָט, בשעת זיין גאנצע אויפמערקזאמקייט איז געווען קאָנ־צענטרירט אין דעם שווארצן קורצן שפּאַקטיוול, אָנגעטון אויף איין אויג. און נאָך מער טשיקאווע איז געווען בשעת ער פלעגט איינע פון די שטיק־לעך צירונג ארויפלייגן אויף אזא פלאכן ווייסן קויל־שטיין, און דורך א לאַנג רערל, וואָס ער האָט געהאלטן אין מויל, בלאָזן אויף דעם פלאם פון א קליין אָנגעצונדן בענזין־לעמפּל, אזוי אז דער פלאם האָט זיך פארוואנדלט אין א דינעם פייערדיקן שטראָם, וואָס איז געפלאָסן גלייך אויפן שטיקל צירונג ארויף. דערביי האָט ער מיט זיין בלאָזן אזוי קונציק מאַניפּולירט, אז אָט איז דער דינער פייער־שפּיז געווען שטארקער און אָנגעגליט דאָס שטיקל גאָלד־צירונג, און אָט איז ער געוואָרן שוואכער און געלאָזט אביסל אָפּגיין דעם גלי. דער גאָלדשמיד איז געווען א געדולדיקער און א גוטער. ער האָט געלאָזט זיך צוקוקן צו זיין טשיקאווער ארבעט — אבי מען האָט אים נאָר נישט געשטערט.

פּאַניע נאַטאַן האָט זיך געפירט „דייטשיש”, און זיינע צוויי יונגע יינגלעך, שימעק און יוזשעק, זענען געגאנגען נישט אין חדר נאָר אין „שקאָלע”. זיי זענען געווען אָנגעטון אין „סטודענטסקע” מונדירלעך מיט מעשענע קנעפּלעך, און היטעלעך מיט קאָקאַרדעס, און געטראָגן „ראַניע־צעס” אויף די פּלייצעס. דאָס אליין האָט זיי שוין געשטעלט אין די אויגן פון הויף אויף א גאנץ באזונדערער מדרגה, און מיין קנאה צו זיי איז

געווען אַן אַ שיעור. דאָס וויסן, אַז זיי מעגן אַלץ וואָס איך טאָר נישט — זיך שפּילן מיט ווען זיי ווילן און ווי אַזוי זיי ווילן; גיין פריי אין די „גויאישע" גאַסן, און אויך אין „זאַקסישן גאָרטן" וווּהין די צאַרישע פּאָליציי האָט קיין יידן, און אפילו יינגלעך אין לאַנגע קאַפּאָטעס, נישט אַריינגעלאָזט; לערנען זיך אין די רוסישע ביכלעך, וואָס איך האָב אפילו נישט געטאָרט אָנרירן — דאָס אַלץ האָט זיי אַן אַ שיעור דערהויבן אין מיינע אויגן. און גרויס פלעגט זיין מיין פרייד, ווען מיר, יוזשעק, שימעק און איך, פלעגן זיך אין אַ שבת נאָכמיטאָג פאַרקלייבן ערגעץ ביי זיי אין שטוב אָדער ביי אונדז, און בייטן זיך מיט אונדזערע קליידער. איך פלעג אָנמעסטן יוזשעקס אָדער שימעקס אַ „סטודענטיש" רעקל און דאָס היטל מיט דער קאָקאַרדע, און איינער פון זיי האָט אויף זיך אָנגעטון מיין אַטלעסן קאַפּאָטקעלע מיט דעם סאַמעטענעם היטל. ביי זיי איז עס געווען נישט מער ווי אַ לוסטיקער שפּאַס, פון וועלכן זיי האָבן זיך געשטיקט פון געלעכטער. ביי מיר אָבער איז עס געווען פאַרבונדן מיט יינגלשן האַרץ־ציטער איבער עפּעס, וועגן וואָס איך האָב אפילו נישט געוואַגט צו חלומען.

יוזשעק און שימעק זענען געווען גוטע יינגלעך און האָבן זיך גערן געחברט מיט מיר אין שטוב. אויפן הויף אָבער האָבן מיר זיך געהאַלטן פון דער ווייטנס, ווייל איך האָב זיך נישט באַדאַרפט חברן מיט קיין „סטודענטלעך". עס וואָלט געגנוג געווען, איינער פון די חסידים פון טאַטנס שטיבל זאָל עס זען, ער זאָל אויף מיר זיך אָנבייזערן, אָדער אפילו מיר אָנרייסן די אויערן: „עס פּאַסט מיר נישט, לוי יצחקס בן יחיד זאָל זיך חברן מיט „דייטשן"...

צו דעם זעלבן פּאָרט שכנים, וואָס האָבן ביי מיר אַרויסגערופן עפּעס אַ געפיל פון קנאה, האָט געהערט אויך דער רייכער „בלעכער" פונעם ערשטן שטאָק. ביים נאָמען האָט מען אים קיינמאָל נישט אָנגערופן, און געזען האָט מען אים קיינמאָל נישט אין הויף. זיין בלעכעריי האָט זיך געפונען ערגעץ אין אַן אַנדער גאַס. אָבער זיין באַרימטקייט אין הויף האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקען דעם טעכטערל זיינעם, דער שיינער אַנדזשעלע. זי איז געווען די נישט־געקרוינטע מלכה פון הויף. איר שיינקייט איז געווען אַ שם דבר איבער דער גאַנצער געגנט אַרום. מען פלעגט פון אומעטום קומען אָנקוקן דעם בלעכערס טאָכטערל. ביי אירע צוועלף יאָר האָט זי שוין גוט

פארשטאנען דעם גאנצן ווערט פון איר שיינקייט. און זי האָט זיך טאקע געהאלטן ווי א פרינצעסין.

ווען אנדזשעלע פלעגט זיך באווייזן, אין אויסגעצוואָגענע, א פאר־קעמטע און ריין אויסגעפוצטע אין איר העל זומערדיק קליידעלע, איז דער גאנצער הויף, דוכט זיך, ליכטיק געוואָרן. זי האָט געהאט ארום זיך א גע־קליבענע סוויטע יינגלעך, וואָס זענען גרייט געווען צו פאָלגן איר יעדן וואָרט. אין דער סוויטע זענען אויך געווען „סטודענטלעך" פון אנדערע הייף, וואָס פלעגן שוין קומען אָפּוואַרטן, ווען אנדזשעלע וועט זיך באַ־ווייזן אין הויף. אָבער די הויפּט אדיוטאנטן אירע זענען געווען יוזשעק און שימעק. זיי האָבן זיך שטענדיק געפונען ביי איר זייט. זי פלעגט שפּאַ־צירן פון איין עק הויף ביזן אנדערן מיט אירע געמאָסטענע, פיין גע־שטעלטע טריט, דאָס שלאנקע קערפּערל אָנגעצויגן ווי א סטרונע, און דעם בלאָנדן קאָפּ מיט די ליכטיקע אויגן אויפגעהויבן ארויף, ארויף. און די גאנצע סוויטע, לויטן ראנג, נעבן איר און ארום איר.

די יינגלעך האָבן געחלשט נאָך אנדזשעלעס טריט. מען האָט זיך גע־מיט ווילצונגפעלן אין אירע אויגן, און זיך דערדינגען צו זיין וואָס נענ־טער צו איר. אָבער מער פון אלעם, דוכט זיך, בין איך ממש אויסגעגאנגען כאָטש צו קאָנען אָנקוקן זי פון דער וויטנס. ווייל אויך דאָס האָט מען זיך נישט געטאָרט פריי פארגינען. א גמרא־יינגל אין א לאנגער קאפּאָטע, מיט פּאהלעך, וועט זיך דאָך נישט דערוואגן גלאט אזוי צו שטיין און גאפן אויף א מיידל אין הויף, מעג זי טאקע זיין אפילו די שיינע אנדזשעלע. פון א באהעלטעניש אָבער, פון ערגעץ הינטער א טיר אין קאָרידאָר, האָט מען געקאָנט שטיין און מיט א פארצאפּלט הערצל זיך צוקוקן, ווי די קליינע פּרינצעסין פירט זיך מיט איר סוויטע איבערן הויף. און ווער שמועסט נאָך ביינאכט, אויפן געלעגער, האָט מען דאָך געקאָנט פריילאָזן דעם יצר הרע. דאָ האָט מען זיך שוין געקאָנט פארגינען אפילו רעדן צו אנדזשעלען און איר אויף א יינגלשן אופן דערציילן, ווי שטארק דאָס הארץ גלוסט צו איר.

אין הויף זענען אויך געווען פּשוטע, נישט יחסנישע שכנים, וועלכע זענען געווען גאנץ באליבט. אזוי איז, למשל, געווען ר׳ וואָלף דער „קראָ־וויאזש" (מילכיקער). א הויכער, פּשוטער ייד פון א יאָר־פערציק, מיט א

מילד פּנים, געפּאַסט אין אַ קורץ געקרייזלט בערדל. אַ פֿרומער און אַן ערלעכער. יעדן טאָג פֿלעגט ער פֿון ערגעץ ברענגען צו פֿירן זיין וואָגן מיט מילכיקס: מילך, פּוטער, סמעטענע, זויערמילך, מאַשלאַנקע, קעז און טוואָרעך. אַלץ אין ריין־גלאַנציקע קאַנען אָדער אין ווייסע גאַזענע קליי־מעקלעך. ער פֿלעגט זיך פֿאָרען ביי זיין מילכיקס, גריסנדיק פֿריינטלעך די שכנים, און צעטראָגנדיק די סחורה זיינע אין די אַרומיקע געוועלבער. איך געדענק, אַז מיט אים איז געווען פֿאַרבונדן אַ פּאַטעטיש־קאָמישער עפּיזאָד.

איינמאָל, בשעת ר׳ וואָלף איז געשטאַנען און זיך געפּאָרעט מיט זיין סחורה, האָט מען זיך דערוווּסט, אַז אַ שכנס אַ קינד איז געשטאָרבן. אחוץ דעם גרויסן צער, וואָס אַלע שכנים האָבן געפֿילט, האָט ר׳ וואָלף נאָך גע־האַט זיין אייגענע צרה: ער איז געווען אַ כּהן. פֿאַרבלייבן אין הויף ווו ס׳געפֿינט זיך אַ מת, האָט ער נישט געטאָרט. אָבער אַליין פֿאַרלאָזן דעם הויף איז אים על פּי דין אויך געווען פֿאַרווערט. איז ער נעבעך געשטאַנען אין געבראָטענע צרות און נישט געוווּסט, וואָס פֿאַר אַן עצה זיך צו געבן. איז עמיצן פֿון די שכנים איינגעפֿאַלן, אַז דער איינציקער אויסוועג פֿון דער לאַגע איז, אַז מען זאָל אים אַרויסוואַרפֿן פֿון הויף מיט געוואַלט. אָבער גיי וואַרף אַרויס ר׳ וואָלפֿן. ערשטנס איז ער אַ ייד אַ גבר. און צווייטנס האָט מען עפּעס גלאַט קיין האַרץ נישט געהאַט דעם ווילן ר׳ וואָלפֿן שלעפּן מיט געוואַלט. איז געבליבן צו רופֿן דעם „יונג״ פֿון אונדזער רעסטאָראַציע, דער וואָס פֿלעגט שלעפּן די פֿעסלעך ביר פֿון קעלער. ער וועט זיין דער פּאַסיקסטער פֿאַר אַזאַ אַרבעט.

דער „יונג״ איז געווען אַ ריז אין זיין פֿיגור און אין כּוח, און דער עיקר, ער איז געווען אַביסל אַ תּם, מיטן שׂכל פֿון אַ קינד. לכתּחילה האָט ער דערפֿון נישט געוואָלט הערן. וואָס הייסט ער וועט שלעפּן מיט געוואַלט און אַרויסוואַרפֿן אַזאַ יידן ווי דער „קראָווויאַזש״? אָבער מען האָט אים אויף פֿאַרשיידענע וועגן געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז עס איז פֿון ר׳ וואָלפֿס טובה וועגן. נו, האָט ער זיך געלאָזט איינרעדן און איז אַרויס אויפֿן הויף זיך סבֿראַוווען מיט זיין גאַנץ דער נשמה שולדיקן שונא. דערווייל איז שוין אין הויף געווען אַ רעדל מיט מענטשן, וואָס האָבן זיך געקליבן מיט איינ־געהאַלטענע געלעכטערס צוצוקוקן דאָס בילד ווי דער יונג וועט אַרויס־וואַרפֿן דעם כּהן פֿון הויף.

צוגעגאנגען איז דער יונג נישט דרייסט, מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן, און פארלעגן זיך געווענדט צו ר׳ וואָלפן: „גייט ארויס פון דאנען". ר׳ וואָלף, מיט פונקט אזעלכע אראָפּגעלאָזטע אויגן, האָט אויך פארלעגן אָפּגעענטפערט: „כ׳וועל נישט ארויסגיין". דער יונג איז דאָ געוואָרן אביסל מוטיקער: „איך זאָג אייך, גייט ארויס פון דאנען". דער עולם ארום האָט אים צוגעגעבן מוט און אים געררייצט: „נעם אים אָן, ווארף אים ארויס!" דער יונג האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו ווערן אין כעס, און אלץ שטארקער איבערגעחזרט זיין פאָדערונג:

— גייט ארויס פון דאנען!

ר׳ וואָלף איז וואָס אמאָל געקומען אין א שטארקערער פארלעגנהייט: ער האָט ממש געחלשט, דער יונג זאָל אים אָננעמען, טאָן א הייב אויף און אים ארויסטראָגן פון הויף. אָבער אלץ שטארקער מאכן דעם אָנשטעל פון זיך נישט לאָזן האָט ער זיך געשעמט. איז ער געשטאנען וואָס מער און אייגגעשפארטער, מיט מאָדנע בעטנדיקע אויגן. דעם עולם ארום האָט דאָס אלץ מער גערייצט, און דער יונג האָט זיך וואָס שטארקער ארייגגעבראכט אין זיין כעס. ער האָט שוין כמעט געשריגן אויפן קול, און זיינע אויגן האָבן שוין געפייערט: „שוין זאָלט איר ארויסגיין!". און ווען עס האָט זיך אויסגעוויזן, אז אָט־אָט גיט ער א כאַפּ זיין ארויפגעצווונגענעם קרבן און וועט מיט אים א פלי טון דורכן אָפענעם טויער אויף דער גאס ארויס, האָט פונקט דעמאָלט זיין כעס געפּלאצט, און ער האָט א זאָג געטון: „איר ווילט נישט ארויסגיין? בלייבט זשע דאָ!" ער האָט זיך פלינק אויסגעדרייט און אוועק, איבערלאָזנדיק דעם אנטוישטן עולם און דעם אין אנגסטן זיך באָדנדיקן ר׳ וואָלפן אין מיטן הויף. דער „קראָוויאזש" איז אזוי נעבעך אָפּגעשטאנען ביזן אָוונט, ווען מען האָט אים סוף כל סוף משלח געווען פון הויף, איך געדענק נישט ווי אזוי.

פון די פשוטע, אָבער באליבטע שכנים פון הויף איז אויך געווען מיין שוואָגער ר׳ נחום, וועלכער האָט מיט עטלעכע יאָר פריער חתונה געהאט מיט מיין עלטסטער שוועסטער פערעלע. בשעת זיין חתונה איז נחום געווען גאנץ רייך. ער האָט געהאט דעם באַדריאד צוצושטעלן פון פראגע צו די פארשידענע רעסטאָראציעס די פארחתמעטע פלעשער בראָנפן פון רעגירונגס־„מאָנאָפּאָל". דאָס איז געווען א גרויסע אונטערנעמונג, און

האָט געבראַכט אַ סך פּרנסה. ביסלעכווייז האָט ער אָבער פאַרלוירן זיין פאַרמעגן. די מערסטע פון די אָרימע שכנים, וואָס האָבן געוווינט אין זיין הויז, וואָס ער האָט געהאַט געקויפט, האָבן ביסלעכווייז אויפגעהערט צו צאָלן דירה־געלט. זיי האָבן געוווּסט, אַז ר׳ נחום וועט קיין האַרץ נישט האָבן עמיצן אַרויסצוּוואַרפן פון דער דירה. אַזוי אַרום האָט מען איינגיכן ביי אים דאָס הויז צוגענומען. אויך אין „מאָנאָפּאָל" זענען אויפגעשטאַנען קאָנקורענטן און אַרונטערגעשלאָגן די פּרייזן פון דער קאָמיסיע פאַרן צו־שטעלן דעם בראָנפן. נחום האָט זיך אָבער קיינמאָל נישט געקלאָגט און געהאַט פאַר אַלעמען אַ גוט וואָרט.

געווען איז נחום אַ מתנגד, אָבער זייער אַ פרומער. דערביי האָט ער געהאַט איין גרויסע שוואַכקייט — חזנים. פאַר אַ גוטן חזן וואָלט ער דאָס לעבן אוועקגעגעבן. די חזנים־שוואַכקייט זיינע האָט אים שוין געפירט צו אַן אַנדער שוואַכקייט — צו וועלן דאַווענען פאַרן עמוד. ר׳ נחומס שוואַכקייט איז געווען באַקאַנט צווישן די שכנים, וועלכע האָבן זיך באַ־צויגן צו אים מיט אַ סך גוטמוטיקייט.

נאָך אַ זאַך, אין וועלכער מיין שוואָגער נחום איז געווען שטאַרק געכאַפּט —דאָס שוין צוליב מיין שוועסטער פּערעלע— איז געווען טעאַ־טער. אַליין איז ער, צוליב זיין פרומקייט, נישט גאַנץ גערן מיטגעגאַנגען זען אַ פּוילישע פאָרשטעלונג. ער האָט אָבער שטאַרק הנאה געהאַט צו הערן ווי פּערעלע פלעגט פון פּוילישן טעאַטער אהיים ברענגען און איבערזינגען אַלע אָפּערעטן־לידער, וואָס זענען דעמאָלט געווען פּאָפּולער אין וואַרשע. דערפאַר אָבער ביי אַ שמחה נישט אויסגעמידן צו ברענגען צו זיך אהיים אָדער אימיצן פון די היימישע חזנים־זינגערס, אָדער אפילו אימיצן פון די „פאָרשטעלערס", חתונה און בריתן גייערס, ווי מ׳האָט זיי גערופן.

אַזוי געדענק איך ווי איך האָב צום ערשטן מאָל געזען פאָרשטעלן —נישט בלויז פּראָבע מאַכן— סצענעס פון יידישן טעאַטער ביי מיין שוואָ־גער אין שטוב, בשעת ער האָט געפּראַוועט דעם ברית פון זיין זון. די „פאָרשטעלונג" איז געגעבן געוואָרן דורך דעם שוין פריער דערמאָנטן „לייבעלע קאָמיק" (ער איז שפּעטער באַקאַנט געווען דעם וואַרשעווער טעאַ־טער עולם אַלס דער טאַלאַנטירטער קאָמיקער לייבל ווינער). די פאָרשטע־לונג האָט ער אָפּגעשפּילט איינער אַליין. זי האָט דעמאָלט אויף די געסט

געמאכט א שטארקן רושם און איז מיר פארבליבן אין זכרון ביזן היינ־טיקן טאָג.

נאָך דער ברית־סעודה האָט מען אוועקגערוקט די טישן אין א זייט. לייבעלע קאָמיק האָט זיך אוועקגעזעצט אויף א שטול אין מיטן שטוב און אלע געסט ארום אים. זיין איינציק הילפס־מיטל, געדענק איך, איז געווען א צייטונג, וועלכע ער האָט געהאלטן מיטביידע הענט אויסגעשפרייט פארן פנים. דאָס האָט אים געדינט פאר א פוירהאנג, הינטער וועלכן ער האָט זיך פארבאהאלטן אין די קורצע פויזן צווישן איין סצענע און דער צווייטער. די צייטונג האָט ער געהאלטן פארן גלאטן פנים בלויז א פּאָר סעקונדן. דאַן האָט ער זי אוועקגענומען, און ער האָט זיך באוויזן דאָ אלס אלטע באָבע, און באלד אלס איר אייניקל. זיין פנים איז געווען אזוי רירעווודיק, אז אָן שום גרים, אָן שום פארשטעלעכץ, האָט מען געזען פאר זיך אן אלטע, צעקנייטשטע זקנה, מיט פארמרערטע אויגן, וואָס האָט גערעדט מיט א קאָמיש געבראָכן קול. און באלד, תוך כדי דבור, האָט זיך דאָס פנים אויסגעגלייכט, געוואָרן יונג, און די שטימע קינדיש פעסטער. און אזוי האָט ער איינער אליין דורכגעפירט זיין דיאַלאָג. עס איז געווען זייער קאָ־מיש און דער פארזאמלטער עולם האָט געקייכט פון געלעכטער. וואָס שייך מיר, בין איך געווען צופיל פארכאפּט פון דעם פּאָרשטעלן, איך זאָל געדענקען דעם אינהאלט פון פּאָרגעשטעלטן. איך בין זיך בלויז משער, אז ס'האָט געמוזט זיין א סצענע פון גאָלדפאדנס „באבע מיטן אייניקל".

נאָך דעם דיאלאָג, געדענק איך, ווי לייבעלע קאָמיק האָט נאָך אָפּ־געשפּילט א סצענע פון אן אלטן ייִדן, וועלכער באקלאָגט זיך אויפן היינ־טיקן יונגן דור. דאָס מאָל האָט ער שוין באוויזן פון קעשענע ארויסצו־קריגן א יארמאָלקע, ווייסע באָרד און פּאות, און הינטער דער צייטונג זיי אָנטון אויפן פנים. דאָס האָט ארויסגערופן נאָך מער התפעלות. מ'האָט פאר זיך געזען זיצן דעם „ייִדן" א לעבעדיקן, מיט אלע קנייטשעלעך, מיט אלע זיינע תנדעלעך. און ווען לייבעלע קאָמיק האָט געענדיקט זיין פאָר־שטעלן און זינגען, האָבן די פארזאמלטע געסט אים שיעור נישט צעריסן, און אים נישט אָפּגעלאָזט: נאָך און נאָך...

ביי אן אנדער שמחה אין שוואָגערס הויז האָב איך געהערט זינגען דעם דעמאָלט אין ווארשע בארימטן קויפמאן יודל. קויפמאן יודל איז

געווען א מאָזשיצער חסיד. א הויכער, א ברייט פּלייציקער, מיט אן אויס־געפּולט פּנים און פיין פארוואקסן בלאָנד בערדל, וואָס האָט זיך כמעט אויסגעלייגט אין צוויי פארגלעטע באקן־בערד. אָבער ער איז געווען גע־בענטשט מיט א זאפטיקער, ברוסטיקער טענאָר־שטימע, וואָס מ׳קאָן זעלטן אזוינס הערן. עס זענען ארומגעגאנגען וועגן אים פארשידענע מעשיות און לעגענדעס, אז מ׳האָט אים געוואָלט „גליקלעך מאכן", ער זאָל אויסטון די חסידישע קליידער, אָפּשערן די באָרד, און לאָזן זיך אויסבילדן פאר אן אָפּערע זינגער. מ׳האָט געשמועסט, אז ער וואָלט זיכער געקאָנט זינגען פארן „קיסר אליין". קויפמאן יודל אָבער האָט זיך אויסגעלאכט פון די אלע גליקן. ער וואָלט אפילו פאר קיין הון דעלמאָ נישט געוואָלט זיך אָפּ־זאָגן פון דער גרויסער פרייד צו דאווענען פארן עמוד אין זיין מאָזשיצער שטיבל, זינגען זיין זיס געזאנג, ארויסגעהאָלפן פון די אלע חסידישע יונ־געלייט, וואָס האָבן מיט התלהבות באהעפט זייערע שטימעס מיט זיינער.

די מאָזשיצער חסידים זענען געווען שטאָלץ אויף זייער קויפמאן יודלען. זיי האָבן זיך געגרויסט מיט זיין מתנה, מיט זיין גאָלדענער שטימע. צו שבתים און ימים טובים פלעגט דאָס מאָזשיצער שטיבל אויף טווארדע גאס זיין איבערגעפּאקט. און קויפמאן יודל האָט געמוזט זיין שטארק באַ־פרידיקט מיט דער הנאה, מיט וועלכער ער האָט געקאָנט מהנה זיין זיין עולם. ווייל ווען איך האָב אים נאָר געזען, האָט זיין פּנים תמיד געשטראַלט פון דעם ברייטן שמייכל, וואָס איז איבער דעם געווען צעגאָסן...

אָבער ווייזט אויס, אז דער חסידישער קויפמאן יודל האָט פאָרט גע־האט אין זיך עפּעס פון דעם אומרואיקן קינסטלער, וואָס בענקט נאָך דער־פאָלג. ער פלעגט גאנץ אָפט „פארבלאָנדזשען" ערגעץ אין א פרעמד שטיבל צום דאווענען אָדער צו א שלוש סעודות, און דאָרט פלעגט ווערן אן אויפ־רודער: די היימישע יונגעלייט פלעגן שוין צושטיין צו אים און אים נישט אָפּלאָזן, ביז ער האָט אליין, אָדער צוזאמען מיט זיי, אָפּגעזונגען זיינע נייעס־טע, אָדער אפילו אלטע נגונים. ער פלעגט דעמאָלט א גליקלעכער אויפנע־מען די התפּעלות פון די יינגערע חסידים, אָדער די געזעצטערע יישר כחס פון די עלטערע.

קויפמאן יודל איז געווען ווייט פון צו זיין א גביר, אָדער אפילו־האלבוועגס באזאָרגט. דאָס איז געווען אן אָפענער סוד און מען האָט עס

נעקאָנט זען אפילו אין זיין הלבשה. און איך ווייס נישט, צי האָט ער זיך געלאָזט באַצאָלן דערפאַר, אָבער ער פלעגט גאַנץ אָפט זינגען סיי ביי גע־ווייסע חסידישע היימישע שמחות, און סיי ביי אנדערע פריוואַטע שמחות. אזוי געדענק איך, ווי שוין דערמאָנט, ווי ער האָט באַשיינט א שמחה ביי מיין שוואָגער נחום, ווו מ'האָט זיך באַצויגן צו אים מיט א סך דרך ארץ. געזונגען האָט ער דעמאָלט אי חסידישע מאָזשיצער נגונים, אי אפילו שטי־קער פון וועלטלעכע לידער, אָדער גלאַט מיליטערישע מארשן, וואָס זענען —ווי דער שטייגער פלעגט זיין— צוגעפּאסט געוואָרן צו פארשידענע שבת און יום טובדיקע תפילות.

כאָטש די שכנים פון אונדזער הויף אויף טווארדע גאַס האָבן גע־לעבט אביסל אָפּגעטיילט צווישן זיך, זענען פונדעסטוועגן געווען גאַנץ אָפטע געלעגנהייטן, ווען א געפיל פון משפחהדיקייט האָט אלעמען ארומ־גענומען. דאָס איז מערסטנס געווען אין די ימים־טובים. סוכות איז למשל דער גאַנצער הויף געווען באַדעקט כמעט ווי מיט איין סוכה. שכנים האָבן זיך איינגעטיילט אין גרופּעס: מען האָט געבויט א בשותפותדיקע סוכה. מען האָט זיך גרופּירט נישט דווקא לויט די שטאַנדן, רייכע מיט רייכע אָרימע מיט אָרימע, אָדער חסידים מיט חסידים און מתנגדים מיט מתנג־דים. עס זענען אָפּגעווישט געוואָרן די מחיצות, און מען האָט זיך צונויפ־גענומען מיט די, מיט וועמען מען האָט זיך א גאַנץ יאָר בעסער געקענט אָדער געווען מער באַפריינדט. אָבער סיי ווי סיי זענען אלע סוכות געשטאַ־נען א וואַנט צו א וואַנט, באַדעקט כמעט מיט איין סכך, אונטער דער השגחה פון דעם רב, ר' איטשעלעס סוכה, וואָס איז געווען געבויט אין דער הויך, אויף דעם איינציקן באַלקאָן פון הויף.

דער פּראָצעס פון בויען די סוכות האָט פאַראייניקט אלע יינגלעך פון הויף אין איין קאָמאַנדע. מען האָט געהאָלפן שלעפּן ברעטער, טירן, „פּולקאָשקעס", דאָ פאַר איין סוכה, דאָ פאַר דער אנדערער. און יום־טוב, ווען די סוכות זענען שוין געווען באַזעצט און די באַלעבאָסטעס מיט די קלענערע טעכטער האָבן געהאַלטן אין טראָגן דאָס עסן פון די שטיבער, האָט מען זיך נישט געשעמט און אריינגעקוקט דאָ אין דער סוכה, דאָ אין יענער, צו זען וועמעס סוכה איז צום שענסטן אויסגעפּוצט און באַהאַנגען מיט די פּלושענע קאָלדרעס, קאָלירטע טישטעכער און סאַמעטענע פּאָר־

פערעלע טייטלבוים־ארפּוס

(פאָטאָגראַפירט אין מאַי 1942)



נחום ארפּוס

ביידע אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס

האנגען, אָדער ווער עס האָט געהאַט די שענסטע לייכטער און פינקלענדיק־סטע קידוש־בעכערס. און שפּעט אין די נעכט פלעגט זיך פון די פאַרשיי־דענע סוכות טראָגן די זמירות־געזאַנגען, וואָס האָבן זיך אויסגעמישט אין איין שותּפותדיק יום־טובדיקן געזאַנג.

דאָס איינענע איז אויך געווען נאָך פּורים־צייט, ווען אין דער בע־קעריי האָט מען אָנגעהויבן באַקן מצות. דאָ האָט שוין דער גאַנצער הויף אָנטייל גענומען. ווער עס האָט אַכטונג געגעבן ווי עס באַקן זיך זיינע איי־גענע מצות, און ווער עס האָט גלאַט צוגעהאָלפן לשם מצוה. פאַר אונדז, יינגערע חברה, איז עס געווען אַ „לעבעדיקע וועלט". אין דעם זענען שוין געווען פאַראינטערעסירט סיי די שימעקלעך און יוזשעקלעך, סיי די שיעלעך און אברהמלעך און סיי אפילו די מיידלעך. דאָ האָט מען אין פריילעכע אויפדערנאַכטן געהאָלפן דערלאַנגען זעקלעך מעל, קאַנען וואַסער, צוקוקן ווי עס איילן זיך, אונטער דער השגחה פון דעם „נאַמן", סיי די בעקער־יונגען, וואָס פאַרמישן דאָס מעל אין דער קאַרעטע, סיי די „קנעטערס", וואָס קנעטן דאָס טייג און טיילן עס איין אין „מיירעס". יעדע מיירע איז שנעל אויפגעכאַפּט געוואָרן פון די וועלגערערס, וואָס פאַרמירן זיי אויס אַזעלכע רונדע און דינע און שיקן זיי הענדום פּענדום איבער צו די „רעד־לערס", וואָס רעדלען זיי אויס, קוים מיטן אויג צו דערזען, אין גלייכע, געמאָסטענע שורות, אַז זיי זאָלן נישט אויפלויפן ביים באַקן. און אויגנ־בליקלעך ווערן זיי אויפגעכאַפּט אויף די גלאַטע לאָפּעטעס און אריינגע־שיקט אין גליענדיקן אויוון, פון וואַנען זיי באַווייזן זיך אַ פּאָר מינוט שפּע־טער אין געשטאַלט פון ברוינע שמעקעדיקע מצות.

דאָ זענען שוין די קינדער פון הויף געגאַנגען אין פאַרמעסט: ווער וועט צוגעלאָזט ווערן ארויסצוהעלפן ביים וועלגערן, אָדער ווער וועט האָבן די זכיה אריינצוקריגן אין האַנט דאָס רעדל, און דערלויבט ווערן אָפּצו־רעדלען עטלעכע מצות.

דאָס זעלבע איז אויך געשען, ווען עס איז געקומען דער גרויסער מאָמענט, ערב פּסח אינדערפרי, ווען עס האָבן זיך באַוויזן די יידן מיט די גרויסע זודיקע קעסלען, און עס האָט זיך דערהערט דער זינגענדיקער אויסרוף: „אַלץ ווערט געכשרט!" אויף דעם רוף האָט געענטפערט דער גאַנצער הויף. פון יעדער שטוב האָבן באַלעבאָסטעס, זייערע מיידלעך און

יינגלעך, אָנגעהויבן אראָפּצוטראָגן אין הויף די פאַרשידנסטע מכשירים: טעפּ, טעלער, שיסלען, ראָנדלעס, מעסער, גאָפּל, לעפל. אַלץ, אַלץ איז גע־כשרט געוואָרן אין איין גרויסן בשותּפותדיקן קעסל. אויך דאָ איז נישט געמאכט געוואָרן קיין חילוק צווישן אָרים און רייך, חסידיש צי דייטשיש. איין פּסחדיקע ייִדישקייט איז געווען גילטיק פאַר אַלעמען, און עס זענען געשטאַנען אין דער ריי די רייכע בעלעבעתּים מיט דער אָרימער שפּייז־קרע־מערין; די חסידישע רביצין מיט דער דייטשער „גאָלדשמידערקע".

ארום שבועות צייט פלעגן אָנהייבן צו קומען די „קלאַפּערס", די לופטערעס, אַן עכט־ייִדישער פאַך, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות נאָר מיט די פאַרמעגלעכערע הייף. די קלאַפּערס פלעגן אין מיטן הויף אויפשטעלן אַזעלכע פּראָוויזאָרישע לאַנגע טישן, און ציען שטריק פון איין עק הויף צום אַנדערן. פון אַלע שטיבער האָבן די שכנים דעמאָלט אַראָפּגעברענגט ווער אַ פוטערנעם מאַנטל, ווער אַ קאַראַקולענע שובע, ווער אַ פּאָר וואָלענע קאָלדרעס, ווער עטלעכע ווינטערדיקע פּאַלטענעס — אַלצדינג וואָס מען האָט באַדאַרפט אויסצוקלאַפּן פון שטויב און אויסלופטערן, כדי עס צו קאָנען אוועקלייגן באַהאַלטן איבערן זומער, ווען מען וועט עס נישט נוצן.

די קלאַפּערס פלעגן די זאַכן פריער אויסהענגען אויף די אָנגעצויגענע שטריק, כדי די זון זאָל זיי אויסוואַרעמען, און דאַן נעמען אויסלייגן, למשל, אַ פוטערנעם מאַנטל איבער דעם לאַנגן טיש, און מיט צוויי בויגיק־דינע יאַמשענע ריטער קונציק פויקן איבער אים, און אַזוי אַרום אויסקלאַפּן דעם גאַנצן שטויב און בלאָטע, וואָס האָבן זיך אויף אים אָנגעזאַמלט דורכן ווינטער. וואָס פאַר אַ בריהם זיי זענען געווען אָט די קלאַפּערס! וואָס פאַר אַ פלינקייט האָבן זיי באַוויזן מיט זייער ריטמישן פויקן מיט די סוויש־טשענדיקע ריטער. אָבער מער נאָך ווי דאָס האָט אַמוזירט דער משונהדי־קער אויסזען פון הויף, איבער וועלכן עס זענען געווען בשותּפותדיק צע־האַנגען פּאַלטענעס מיט שובעס, מאַנטלען מיט פוטערס.

דאָס צירונג פון הויף, פאַרשטייט זיך איז געווען דאָס „שטיבל", וואָס האָט, ווי דערמאָנט, געהערט צו די ראַדזימינער חסידים, און וואָס איז געפירט געוואָרן פון דעם רבֿ, ר' איטשעלע. ווי ס'איז נישט געווען די באַציאונג פון די אַנדערע שכנים, די מתנגדים און דייטשן, צו חסידים און חסידות, האָבן זיי אָבער געדרן אָנערקענט די אויטאָריטעט און חשיבות

פון דעם חסידים־שטיבל. אפילו זיי האָבן הנאה געהאַט פון דעם הייטערן געזויש פון דעם הייסן חסידישן דאַווענען און פון די פרייליכע, התלהבות־דיקע געזאַנגען, וואָס האָבן זיך פון דאָרט געטראָגן.

האָט טאַקע דאָס שטיבל געפירט אַן אייגנאַרטיק לעבן. עס איז געווען אַ וועלטל פאַר זיך אַליין מיט אייגענע פריידן און לײדן, אָבער אַלץ איינ־געהילט אין דער וואַרעמער לופט פון ברייטהאַרציקער אייגנקייט. ס׳זענען טאַקע דאָ אויך געווען קלאַסן און גרופּן, רייכערע און אָרימע, יחסנות־דיקע און פּשוטערע, אָבער אָן דער שטייפער מחיצה, וואָס זאָל נישט זיין אַריבערצוטרעטן. עס איז טאַקע געווען אַן אָפענער סוד, אַז ר׳ שלמהלע מלאך איז אַ ביטערער אָרימאַן און ווערט אויסגעריסן אין דעם פּיצעלע שפּייז־געוועלבל, וואָס דאָס ווייב האַלט; אַז רב וועלוול דער ווײַן־הענדלער, וואָס האָט ביי זיך אין שטוב פאַרקויפט ראָזשינקע־ווײַן אויף שבת, איז ווייט פון צו האָבן פּרנסה. דערפאַר אָבער איז זייער חסידות, דער ברען פון זייער דאַווענען נישט אָפּגעשטאַנען פון ר׳ שמשון גבאים, דער גביר, אָדער פון דעם רייכן ר׳ דוד הערשן, וועלכער האָט זיך געהאַלטן מעשה תקיף און געשטאַנען אויבנאָן נעבן רב ר׳ איטשעלען. מען האָט זיך גע־דוצט און געווען אַרומגענומען מיטן געפיל, אַז מען דינט צו איין רבונו של עולם, און דאָס לעבן איז נישט געווען אַזוי שווער.

ווער רעדט נאָך אין די יום־טובדיקע טעג, בשעת מען איז זיך פאַר־גאַנגען אין די פלאַמענדיקע ניגונים, ווען קולות און שטימען האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין אויסאָן, אָדער ווען מען האָט זיך אַוועקגעלאָזן אין אַ דערהויבנדיקן טאַנץ, בעת הענט האָבן זיך צוזאַמענגעפלאָכטן מיט הענט, אַקסל האָט זיך דערנענטערט צו אַקסל, דעמאָלט האָט מען באמת זיך דער־פילט נאָענט און אייגן. צי אפילו ווען מען איז געווען פאַרזונקען אין דער נשמה פאַרגליווערנדיקער טונקלקייט פון דעם שלוש סעודות, וואָס איז נעפּראַוועט געוואָרן פון אַלע צוזאַמען, אַרום די אויסגעשטעלטע ווייס גע־דעקטע טישן, ווען מען האָט מיט שטילע, מעלאַנכאָלישע ניגונים זיך באַ־מיט נאָך אָפּצוהאַלטן און נישט לאָזן אַוועקגיין די מלכה שבת. אפשר האָבן זיך אַריינגעכאַפּט פאַרשידענע ביטערע מחשבות ביי דעם אָדער ביי יענעם: ווי אַזוי און מיט וואָס הייבט מען אָן די וואָך. דאָך האָט אַלעמען אַרומ־גענומען איין בענקשאַפט, איין האָפענונג.

דערפאר איז געווען גרויס די דערלייכטערונג און די פרייד נאָך הבדלה ביי דער מלווה מלכה, ווען מ'האָט צוזאמען געגעסן דעם אָרימען מאָלצייט פון חלה און געהאַקטן הערינג, דעם באַרימטן „קראַץ־באָרשט" (פאַרוואָס מ'האָט אים אַזוי גערופן ווייס איך נישט) און דערנאָך זיך אוועק־געלאָזט אין נייע געזאַנגען און ריקודלעך ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

און נישט נאָר שבת און יום־טוב, אויך אַ גאַנצע וואָך האָט זיך איבערן הויף געטראָגן דאָס געזאַנג פון לערנען, וואָס האָט זיך דורך די פענסטער פון שטיבל אַרויסגעריסן. פון אינדערפרי ביז שפּעט ביינאַכט זענען געזעסן עטלעכע גרופּעס בחורים, וואָס האָבן שוין געלערנט אַליין, פאַר זיך, אָדער ייִנגלעך וואָס האָבן נאָך געלערנט ביים רבין. אין איינער אַזאַ ענגער גרופּע האָב איך געלערנט ביי ר' שמואל „לעווערטאָווער". די חברים מיינע זענען געווען שיעלע ריישער און איטשעלע, רב שמשון גבאים בן יחיד. איטשעלע איז אויך געווען אַ בלאָס, פאַרצויגן, זיידן בחורל.

און די זכיה צו לערנען מיט אַזעלכע רייכע ייִנגלעך האָב איך געהאַט ווידער אַדאַנק דער מאַמען ע"ה. ר' שמואל, אונדזער רבי, איז געווען פון די גאָר געהויבענע. אַ קענער און אַ ירא שמים. אָבער ווי אַ סך אַנדערע מלמדים פון זיינס גלייכן, איז ער נישט געווען קיין וואַרשעווער. זיין משפּחה, צו וועלכער ער פלעגט אַהיימפאָרן בלויז צוויי מאָל אין יאָר, פּסח און סוכות, האָט געוווינט אין לעווערטאָוו. אַ גאַנץ יאָר וואָלט ער זיך באַ־דאַרפט אַרומוואַלגערן אין דער פרעמד. האָט די מאַמע אים אַריינגענומען אויף קעסט און אים אָפּגעהיט מיט די בעסטע מאכלים. ער פלעגט עסן אין אַ גאָר באַזונדער ווינקל. אַזוי אַרום האָט זי געקאָנט אויסשפּירן צו האָבן פאַר מיר די בעסטע מלמדים.

דעמאָלט, אין די ערשטע יאָרן פון דעם יאָרהונדערט, איז די וועלט אין דרויסן און אויך דאָס ייִדישע לעבן, שוין נישט געשטאַנען אויף אָן אָרט. עפּעס איז פאָרגעקומען, וואָס האָט זיך אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדערן אופן דערטראָגן אויך צו אונדז און אָנגערירט סיי דאָס שטיבל און סיי דעם סדר העולם, אין וועלכן מיר האָבן, ווי אונדז האָט זיך אויסגעוויזן, געלעבט אַזוי געמיטלעך און פרידלעך.

דעם ערשטן סימן דערפון האָב איך געזען, ווען אין אַ שבת, פאַרן לייענען, האָט זיך ר' הערש דוד אוועקגעשטעלט מיט זיין גאַנצער ברייט־

קייט און נישט געלאָזט „אויסנעמען”. ער האָט געהאַלטן אַ פייערדיקע דרשה פול מיט מוסר און סטראַשונקעס קעגן די מופקרניקעס און פושעי ישראל, וואָס לייענען טריפה פסולס, וועלכע פירן צו שמד, אָדער מורד צו זיין אין מלכות רחמנא ליצלן. ער האָט כמעט אויסגערופן אַ חרם אויף די עוכרי ישראל. אין שטיבל האָט זיך געקאָכט. ר' הערש דודס ווערטער האָבן אַרויסגערופן אַ בהלה. איך האָב זיינע ווערטער אויסגעהערט מיט אַ געמיש פון מורא און שולד.

קיין פעולה האָבן ר' הערש דוד תקיפס רייד אפנים נישט געהאַט. אויפגעהערט צו לייענען האָט מען נישט. פאַרקערט, פונקט דעמאָלט האָט געטראָפן, אַז גראָד דער זיידענער איטשעלע, ר' שמשון גבאים יינגל, האָט מיר שטילערהייט געבראַכט עפּעס אַ גרויספאָרמאַטיקן דינעם העפט אין אַ גרינער הילע, אויף וועלכן ס'איז געווען אַ גרויסער קאָפּ „דער יוד”. כ'האָב דעם העפט אהיים געבראַכט באַהאַלטענערהייט, און מיט האַרץ־קלאַפּעניש איבערגעלייענט. דאָס וואָס דאָרט איז געווען געשריבן, איז געווען אַזוי אַנדערש פון דעם אַלעם, וואָס איך האָב ביז דעמאָלט געהאַט געלייענט. איך האָב אַ דורשטיקער אַנגעהויבן צו זוכן נאָך און נאָך פון די העפטן. איך האָב זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן ביז איטשעלע וועט זיי מיר ברענגען. איך וואָלט באַדאַרפט איבערוואַרטן ביז אַלע ביי זיי אין שטוב וועלן זיי האָבן פריער איבערגעלייענט (כאָטש ביז היינט איז מיר אומפאַרשטענדלעך ווי אַזוי איז עס מעגלעך געווען, אַז גראָד דער חסיד ר' שמשון זאָל האָבן געווען זיין אַבאָנירט אויף אַזאַ „טריפה פסול” ווי „דער יוד”).

אָבער צו מיין גרויס גליק האָב איך אויסגעפונען, אַז אָט דאָ, נישט ווייט פון מיר, אין פערטן אָדער פינפטן הויף, טוואַרדע נומער 8 אָדער 10, האָט זיך געפונען די אַדמיניסטראַציע, וווּהין „דער יוד”, וואָס האָט זיך געדרוקט אין אויסלאַנד, אין קראָקע, פלעגט יעדע וואָך צוגעשיקט ווערן אויף צו פאַרשפּרייטן אין וואַרשע. און יעדן מיטוואָך פלעג איך מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ שוין אָפּוואַרטן, ווען די פאַרפּאַקטע קאַסטנס פלעגן צוגעשטעלט ווערן אין הויף אַריין. מיט ברענענדיקע אויגן פלעג איך צוקוקן ווי מען האָט די קאַסטנס אויפגעריסן און עס פלעגן זיך באַוויזן די פאַרפּאַקטע גרינע העפטן. איך האָב באַדיי צוגעהאָלפן אַרויפטראָגן די שווערע שטויסן אין דער אַדמיניסטראַציע אַריין, אבי מען זאָל

מיך באַלױנען מיט אַ נאָר װאָס אָנגעקומענעם נומער, און װעלכן איך האָב געפונען די אַזױ הײס געגאַרטע זאַכן, װאָס זענען געװען אַזױ אַנדערש פון די אַלע ביז איצט געלײענטע ראָמאַנען.

דעם תקיף ר׳ דוד הערשס שרעקן האָבן אָנגעהױבן אַנצונעמען די ערשטע ממשותדיקע פאָרמען. עפּעס דערפון האָט זיך שױן שטילערהײט סײ װי סײ געהאַט דערטראָגן הן אין דער הײם, אין דער רעסטאָראַציע, און להבדיל אין שטיבל אַרײן. עפּעס איז דאָ און דאָרט אַמאָל געפאַלן דאָס װאָרט „ציצעליסטן". װאָס דאָס איז אַזױנס האָב איך קלאָר נישט געװוּסט. עפּעס האָט מען נאָר געפילט, אַז זײ זענען אױסערגעװײנלעכע מענטשן. זײ טראָגן שװאַרצע העמדלעך, װילן נישט דעם קײסער און װאַרפן באָמבעס. מען שלאָגט זײ דערפאַר, מען פאַרשיקט זײ הינטער די הרי חושך, און אַ סך מאָל הענגט מען זײ אפילו. מ׳האָט אַלײן נישט געװוּסט פאַר־װאָס, מ׳האָט זיך געשראָקן פאַר זײ, אָבער פאָרט געהאַלטן מיט זײ. מ׳האָט געפילט, אַז דער יושר איז אױף זײער זײט.

דער גאַנצער הױף איז פאַרגליװערט געװאָרן פון שרעק און רחמנות, װען אַ שבת אינדערפרי האָט זיך באַװיזן אַ בלאָס ייִנגל פון אַ יאָר פערצן אָדער פופצן, אין אַ קורץ רעקל מיט אַ קעפּקעלע אױפן קאָפּ, און האָט אָנגעהױבן אַרײנצוּװאַרפן פּראָקלאַמאַציעס, דורכן אָפענעם פענסטער, אין שטיבל אַרײן, װוּ מ׳האָט געהאַלטן אין מיטן דאַװענען. דער „סטרוזש" פון הױף האָט עס געהאַט באַמערקט און אױף גיך פאַרשלאָסן דעם טױער, דער פּראָקלאַמאַציע־װאַרפער זאָל נישט קענען אַנטלױפן, און גלײך געשיקט נאָך פּאָליצײ. אױפן הױף איז געװאָרן אַ בהלה, און דאָס ייִנגל איז פאַר־שװוּנדן. ער האָט זיך באַהאַלטן אױף אײנעם פון די בױדימער. אינגיכן איז דער הױף באַלאַגערט געװאָרן פון אַ מחנה פּאָליציאַנטן מיטן קאָמי־סאַר בראש. אַ לאַנגע צײט האָט געדױערט דאָס זוכן דעם יונגן פאַרברע־כער קעגן קײסער. און װען מען האָט אים סוף כל סוף אַראָפּגעפירט אַ צעשלאָגענעם, אַ צעקײלטן, מיט אַ צעריסן רעקל און העמד, האָט דער גאַנ־צער הױף אױפגעציטערט. ס׳איז געװען אַ פאַרשטערטער שבת.

נאָך מער אָבער איז אונדזער הױף, און באַזונדערס אונדזער שטוב, אָנגערירט געװאָרן פון אָט דעם בונט קעגן קײסער אַ קורצע צײט שפּעטער. אין אונדזער הױף האָבן אָנגעהױבן פאָרקומען אױסטערלישע זאַכן.

אין וועלכע ס'האָט אויך געשפּילט אַ ראָלע דער קלויסטער קעגנאיבער אויף דעם גזשיבאָוו פּלאַץ.

יעדן זונטיק אינדערפרי, איידער די פּאָליאַקן האָבן זיך באַדאַרפט אָנהייבן צונויפזאַמלען אין קלויסטער אַריין, פלעגט אונדזער הויף און אויך די אַרומיקע הייף, באַלאַגערט ווערן מיט אָבטיילונגען פּאָליציי, זשאַנ־דאַרן אויף די פערד און סאָלדאַטן מיט זייערע ביקסן. דאָס האָט מען הינ־טער פאַרמאַכטע טויערן זיך צוגעגרייט קעגן דעם „עפּעס" וואָס האָט זיך באַדאַרפט אָנהייבן פון דאָרט, פון קלויסטער. וואָס אַזוינס עס דאַרף זיך אָנהייבן, האָט קיינער נישט געוווּסט, אָבער דער הויף איז אַריינגעפאַלן אין שרעק. מען האָט זיך באַהאַלטן מיט די קינדער אין די שטיבער.

אַ באַזונדער שרעק איז באַפאַלן אונדזערע בני בית, ווען צו אונדז אין רעסטאָראַציע האָבן זיך אַריינגעלאָזן די הויפּטן פון דער פּאָליציי און מיליטער, דער קאָמיסאַר און די זשאַנדאַרמעריע אָפיצירן און שטרענג באַ־טראַכט אונדזער גרויסע קיך מיט דער אַספּאַלטענער פּאָדלאָגע, און די איבעריקע גרויסע עס־צימערן.

וואָס ווילן זיי דאָ טון? אָבער פרעגן האָט מען נישט געטאָרט. אַזוי זענען אַוועק עטלעכע זונטיקס, ביז ס'איז אָנגעקומען יענער שרעקלעכער זונטיק, וואָס איז געווען דער ערשטער מלחמה־טאָג אין מיין לעבן.

די אָנגעשטרענגטקייט פון דער פּאָליציי און מיליטער אין אונדזער הויף איז דעם פרימאָרגן געווען שטאַרקער, און די מורא ביי אונדז אַלע־מען — שרעקלעכער ווי געוויינלעך. און פּונקט ווען דער קלויסטער האָט זיך צעקלונגען, בשעת די דאַוונער פון אינעווייניק האָבן זיך אַרויסגע־לאָזט אויף דער גאַס, האָט זיך עס אָנגעהויבן. צום ערשט — אַ הילכיקער „הוראַ", דאַן עטלעכע זאַלפּן קוילן. די סאָלדאַטן און זשאַנדאַרן האָבן זיך אַרויסגעלאָזט דורכן טויער אין גאַס אַרויס, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס גרויסע געשלעג. קולות, גוואַלדן, אויסרופן, געלאַף, געטופּעריי. מיט פּלאָנטערנדיקע, פאַרציטערטע הערצער האָבן מיר אין הויף דאָס אַלץ פאַר־נומען דורכן פעסט צוגעמאַכטן טויער. און באַלד האָבן מיר דערזען דאָס אומגלויבלעך שרעקלעכע.

אין אונדזער שטוב אַריין, אין דער רעסטאָראַציע, וועלכע איז איצט געווען רעקווירירט דורך דער פּאָליציי, האָט מען אָנגעהויבן אַריינצוברענ־

גען די ערשטע ארעסטירטע און די ערשטע פארוואונדעטע, וועלכע מ'האָט אויסגעלייגט אויף דער אָפּגעלייגטער פּאַלטענער אספאַלט־פאַרדלאָגע אין קיך. יונגע, בלאָנד־האָריקע, און אַפילו מיטליאָריקע פּאָליאַקן, אין צעפליקטע קליידער, צעהאַקטע פּנימער און דורכגעשאָסענע בריסטן. איך בין אַ פאַר־ציטערטער ארויסגעלאָפן פון אונדזער שטוב, כדי נישט צו זען די מורא־דיקע סצענעס — און באַלד צוריק אַריין, ווייל ס'האָט מיך געצויגן אָט די אימה, וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען.

און פאָרגעקומען איז דאָס, וואָס ס'איז שפּעטער אין דער פּוילישער פרייהייט־באַוועגונג געווען באַקאַנט ווי די „דעמאָנסטראַציע אויפן גזשי־באָוו־פּלאַץ". ביי דער דעמאָנסטראַציע זענען געפאַלן עטלעכע צענדליק טויטע און פאַרוואונדעטע. אָרגאַניזירט און אָנגעפירט איז זי געווען דורך יוזעף פּילסודסקין אַליין, וועלכער איז דעמאָלט געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון דער „פּ. פּ. ס.", די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. אָרגאַניזירט איז זי געוואָרן, כדי צו שטערן דער צאַרישער מאָביליזאַציע פאַר דער יאַפּאַ־נישער מלחמה. פּילסודסקי און זיינע חברים האָבן געגלויבט, אַז רוסלאַנדס מפּלה אין דעם קריג וועט העלפן פּוילנס באַפרייאונג.

אַ גאַנצן טאָג האָט זיך די דעמאָנסטראַציע געצויגן. איז איין כוואַליע צעטריבן געוואָרן, איז אַן אַנדערע אָנגעקומען. און אַ גאַנצן טאָג האָט מען נעהאַלטן אין איין ברענגען צו אונדז אין שטוב נייע גרופּעס ארעסטירטע און פאַרוואונדעטע. אַ גאַנצן טאָג האָבן זיך געטראָגן די קולות און שיסע־רייען פון יענער זייט טויער, און אַ גאַנצן טאָג האָבן זיך געהערט די קרעכצן פון די פאַרוואונדעטע און די געשרייען פון די ארעסטירטע, וועלכע די זשאַנ־דאַרן האָבן נעהאַלטן אין איין שלאָגן. אַזוי איז דאָס געגאַנגען ביז פאַר־נאַכט, ווען די גאַס האָט זיך איינגעשטילט און די „קעטשלעך" פון דער ערשטער הילף זענען צוגעלאָזט געוואָרן צו די פאַרוואונדעטע. דאַן האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון אוועקפירן די ארעסטירטע, צווישן די צוויי שורות זשאַנדאַרן און פּאָליציסטן, וואָס האָבן זיך אויסגעשטעלט פון אונדזער קיך־טיר ביז צום טויער, און דאָס אוועקנעמען די פאַרוואונדעטע. ס'איז שוין געווען אַ שטיק אין אָוונט, ווען דער הויף איז אָפּגעליידיקט געוואָרן, און מיר האָבן צוריקגעקראָגן אין אונדזער רשות די רעסטאָראַציע און די קיך



מען רוט זיך אויס ביים היסטאָרישן סקווער אויף גזשיבאָוו

מיט דער אספּאַלטענער פּאָדלאָגע, וואָס איז איצט געווען באַשמירט מיט בלוט. און פאַרוואָרפן מיט אָפּגענוצטע באַנדאַזשן.

אַזוי האָט אונדזער הויף מיטגעמאַכט דעם ערשטן טאָג פון דעם לעצטן פּוילישן פרייהייטס־בונט, וואָס איז געווען בלויז אַ פאָרשפּיל צו אַ סך אַנדערע, בלוטיקערע בונטן, אויפשטאַנדן און רעוואָלוציעס. גאַנץ ווייניק האָט זיך ווער פון אונדז געחלומט, אַז דאָס איז געווען בלויז אַ שוואַכער קלאַפּ, וואָס האָט אָנגעזאָגט מוראַדיקע צוזאַמענשטויסן, וואָס וועלן שפּעטער קומען, אויפטרייסלונגען וואָס האָבן אָפּגעווישט מדינות, פאַרוויסט לענדער און פאַרשניטן מיליאָנען לעבנס. קיינעם פון אונדז איז דעמאָלט נישט איינגעפאַלן, אַז דאָס איז געווען אַן אָנהייב פון דעם מוראַדיקן קאַמף צווישן די ליכטיקע און פינסטערע כוחות, וואָס וועלן זיך צעשפּילן איבער דער וועלט, און אַז אין בלויז פיר צענדליק יאָר אַרום וועלן אונדזערע היימען ליגן צעטראָטן און חרוב, יידישע הייף — פעסטונגען פון טויזנטיאָריקן פאַרוואָרצלטן, פאַרבנרייכן לעבן. און צווישן זיי אויך אונדזער הויף אויף טוואַרדע גאַס.

טוואַרדע 16

אויף אַ שטיקל צייט בין איך אָנגעקומען לערנען אין הויף אויף טוואַרדע נומער 16. דאָס איז געווען אַ געדיכט באַזעצטער הויף. אַ לענג־לעכער פּירקאַנטיקער קאַסטן, אַרומגענומען פון דריישטאָקיקע אָפיצינעס. אויסגעצייכנט האָט זיך דער הויף מיט דעם, וואָס דאָרט האָבן זיך געפונען אַ גרויסע צאָל חדרים, אַ אַן אַ שיעור יידישע פאַבריקלעך, קליינע הויי־מישע וואַרקשטאַטלעך, ווו יידן האָבן געאַרבעט און געצויגן פּרנסה ביי פאַרשידענע פאַכן און מלאכות.

חדרים זענען געווען צוויי מינים: מיט „פּאָזוואָלעניעס" און אָן פּאָזוואָלעניעס. דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס זענען ביי דער רעגירונג געווען רעגיסטרירט אַלס אָפיציעלע חדרים, ווו מ'האָט נישט געוווינט, נאָר וואָס זענען געווען פּילווייניק איינגעאָרדנט מיט באַקוועמלעכקייטן צום לער־נען — לאַווקעס צום זיצן און טישלעך צום לערנען און שרייבן. עס זענען אויך געווען „טריפהנע" חדרים, וואָס זענען ביי דער מאַכט נישט געווען געמאָלדן, און דער מלמד האָט נישט געהאַט קיין רעכט צום לערנען. דאָס פלעגט געוועלנלעך זיין אַן ענגע דירה, ווו דער מלמד האָט געוווינט מיט זיין הויזגעזינד, און ווו די תלמידים האָבן זיך געשטיקט אין ענגעניש, אויסקוקנדיק זיך די אויגן אויפן מאָמענט, ווען מען וועט זיך קאָנען אַרויס־כאַפּן אויפן „צווייטן הויף" — אַ קלענערער הויף הינטערן גרויסן — כדי אביסל אַ שטיף צו טון, אָדער ווינטער־צייט זיך אַוועקלאָזן גליטשן אויף דער אַליין אויסגעשאַרפטער גליטש אויפן פאַרפרוירענעם רינשטאָק. אָדער — ווען וועט שוין אימיצער פון הויף אַ וואָרענענדיקן געשריי טון: פּאָליציע גייט! און מען וועט זיך אין אַ פריילעכער פּאַניק צעלויפן פון חדר איבער די שמאָלע טרעפּ...

חדרים זענען אויך געווען פון די פאַרשידנסטע טיפּן: ווו מ׳האָט געלערנט מיט קינדער פון פיר, פינף און זעקס יאָריקן עלטער, חומש און רש״י חדרים, און אויך אַזעלכע ווו מ׳האָט געלערנט שוין גמרא און תוספות מיט אונטערגעוואַקסענע בר מצוה בחורימלעך. און זומער צייט פלעגט זיך איבערן גאַנצן הויף, דורך די געעפנטע פענסטער, צעטראָגן דאָס מונטערע, פיל קולותדיקע לערן־געזאַנג פון די כל המינים חדר־ייִנגלעך, וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיט די פאַרשידענע געזאַנגען, מיט וועלכע יידן האָבן זיך אונטערגעזונגען ביי זייער אַרבעט אין דער טאָקאַרניע, גיסעריי, שמוקלעריי. און אין געוויסע שעהן, בשעת די הפסקות פאַרן אָנבייסן אָדער מיטאָג, ווען פון די פאַרשידענע שטאָקן האָבן חברה יונגוואַרג זיך געגעבן אַ לאָז אַרויס פון די חדרים אויפן וועג אהיים, איז דער הויף אָנגעפולט געוואָרן מיט אַזאַ לעבעדיקן רעש און געפילדער, אַז ס׳איז געווען חיות נישט זיכער. חברה האָבן נישט פאַרגעסן אָפּצוטון כלערליי שטוקעס און שפּיצלעך, אפילו שפּילנדיק אויסהאַקן שויבן אין די פאַרשידענע פאַבריקלעך אין די קעלער־שטובן.

אָנגעקומען לערנען בין איך צו מיין פעטער יעיקל. פעטער יעיקל איז געווען פון די גאָר יחסנותדיקע מלמדים. אין זיין חדר איז נישט געווען גרינג אָנצוקומען. ער האָט זיך גערעכנט פאַר אַ געהויבענעם בעל תורה, אַ למדנותדיקן אַריסטאָקראַט. ער האָט געקליבן זיינע תלמידים. געווען איז ער אַ שטרענגער און אַ צוריקגעצויגענער. זיינע אָרימע אָבער שטענדיק ריינע מלבושים זענען תמיד געווען פאַרקנעפּלט ביזן לעצטן קנעפּל. זיין טונקל בלייך פּנים, איינגערעמט אין דער פיין אויסגעגלעטער גרויער באָרד, איז תמיד געווען ערנסט פאַרשלאָסן. זיינע טיפע אויגן הינטער די זילבערנעברילן זענען שטענדיק געווען פאַרצויגן מיט אַ פאַרטרערטער פייכטקייט. פון זיין צעאַקערטן שטערן האָט זיך ווי געטראָגן עפּעס אַן אי־נערלעכער צער. אפשר דער צער פון זיין משפּחה, פון וועלכער ער האָט קיין באַזונדער נחת נישט געהאַט. און זיין נידעריק, אַביסל הייזעריקלעך קול האָט געקלונגען מיט אַ קאַלטער באַפעלערישקייט, וואָס האָט געהאַלטן זיינע דערוואַקסענע גמרא־תלמידים אויף אַ געוויסער ווייטקייט. אפילו מיר, זיין ווייבס ברודערן־זון, האָט ער קיינמאָל נישט געשענקט קיין אי־בעריקן שמייכל. דאָס איינציקע גאָר, ער האָט פאַרקוקט, זיך געמאַכט נישט

זעענדיק, ווען איך בין שעהן לאנג געשטאנען ביים פענסטער און א פאר־בענקטער ארויסגעקוקט צום דרויסן. אָדער ווען איך בין אזוי גיך נישט צוריקגעקומען אראָפּגייענדיק אין הויף אריין. און כ'מוז מודה זיין, אז איך האָב זייער שטארק אויסגענוצט אָט די פּריווילעגיעס.

איך האָב זיך אין פעטער יעיקלס ריינעם, גערוימען חדר נישט גע־פילט גליקלעך. אחוץ וואָס אָט די שטרענגע קאלטקייט זיינע האָט מיך, ווי די איבעריקע תלמידים, דערדריקט, האָב איך נאָך אויך געליטן פון דעם אופן ווי ער האָט איינגעטיילט די צייט פון לערנען. דער פעטער יעיקל פלעגט פאר זיינע תלמידים זאָגן א שיעור גמרא מיט תוספות, וועלכן מ'האָט געדאַרפט איבערחזרן אין משך פון עטלעכע טעג, ביז אלע יינגלעך האָבן אים איבערגעזאָגט. מיר איז זיין שיעור אָנגעקומען זייער לייכט. כ'האָב אים געקאָנט שוין דעם ערשטן אָדער צווייטן טאָג. די מאָנאָטאָני־קייט, מיט וועלכער דער שיעור פלעגט איבערגעחזרט ווערן דורך די אי־בעריקע יינגלעך, האָט מיך טרויעריק געמאכט. אזוי אז לאנגע שעהן האָבן זיך געצויגן פאר מיר אָן שום נוצן, און איך האָב געזוכט אלע מיטלען ווי אזוי זיך ארויסצוקריגן פון פעטער יעיקלס חדר, און בעסער נאָכקוקן, וואָס טוט זיך אין אנדערע חדרים אָדער שטיין און אכטונג געבן ווי אזוי ס'ווערן אויסגעארבעט די פארשידענע זאכן אין די קליינע ווארשטאטלעך אויפן אָפענעם הויף אָדער דורך די געעפנטע פענסטער און טירן פון די קעלער־שטיבן און אין דער נידער.

זייער אָפט פלעג איך זיך אריינכאַפּן אין דעם „טריפּהנעם" חדר צו רב עליען אויפן צווייטן שטאָק. רב עליע איז געווען דער היפך פון מיין פעטער יעיקלען. א הארציקער ייד מיט אן אָפן, ליכטיק פּנים און שמייכ־לענדיקע, גלעטנדיקע אויגן. ער איז געווען א חומש־מלמד, און מיט א סך ווארעמקייט און גרויס פארליבטקייט פלעגט ער מיט זיינע קליינע תלמידים אויסזינגען די אלע הארציקע חומש־מעשיות און דראמאטישע חומש־פּאסירונגען. וואָס עס האָט רב עליען אָבער געמאכט באזונדערס אינטע־רעסאנט, איז געווען דאָס, וואָס ער איז אחוץ מלמד געווען אויך א בייטל־מאכער. הפּנים אז דאָס מלומדות אין זיין קליינעם חדר מיט די עטלעכע תלמידים האָט נישט גענוגט אויף פּרנסה, האָט ער נאָך אחוץ דעם זיך פּארנומען מיט מאכן פּאַפּירענע בייטלען, זעקעלעך פאר מעל, צוקער.

גרייפּלעך און אַנדערע זאכן. און דער חדוש איז געווען, ווי אזוי ער האָט דיביידע עובדות באהעפט, אז זיי האָבן זיך נישט געשטערט איינע דער צווייטער. ער האָט געלערנט בשעת ער האָט געמאכט די בייטלען. ער האָט געקלעפּט די פּאפּירענע זעקלעך, בשעת ער האָט אן אויפגעלייגטער, שמייכלענדיקער אויפן קול איינגעלערנט מיט די פריילעכע תלמידימלעך דאָס לערנען. די אויפגערוימטע שטוב האָט, אחוץ די ריין פארבעטע שמאָלע בעטן און אָרימען קליידער שאנק, אויך פארמאָגט צוויי טישלעך. איינס ארום וועלכן די תלמידימלעך זענען געזעסן איבער די אָפענע חומשים, און א צווייטס, אויף וועלכן רב עליע האָט געארבעט זיינע בייטלען. די ארבעט איז געווען א קאָמפּליצירטע, כאָטש רב עליע האָט זי געטון זייער לייכט און שפּילעוודיק שטייענדיקערהייט. זי איז באשטאנען פון עטלעכע אָפּעראציעס. פריער האָט מען באדארפט די בויגנס ברוינע פּאפּיר אויסווירען און אויסקנייטשן, לויט די פאָרמען פון די בייטלען, גרעסערע אָדער קלענערע, פּשוטע אָדער צוזאמענגעלייגטע. נאָכדעם די בויגנס ארומשניידן, זיי אויססדרן, און זיי באשמירן מיט א ספּעציעלן קלעבעכץ פון מעל און לאָם, און דאַן ערשט איינציקווייז זיי צוזאמענקלעבן און לייגן צום טרוקענען. און ס'איז געווען הידושדיק צו זען רב עליען, ווי ער איז געשטאנען, א רואיקער, א באזאכטער, מיט די הענט געווירעט אָדער געקלעבט בייטל נאָך בייטל, און מיט זיין הייטערן קול אריבערגעזונגען, און מיט די געפּילפּולע אויגן מסביר געווען א געשעעניש אָדער אן עפּיזאָד, למשל וועגן דעם לייטער, איבער וועלכן יעקב אבינו האָט געזען אין חלום די מלאכים גיין ארויף אין הימל אריין און אראָפּ אויף דער ערד. אָדער ווען יוסף ווערט געקרוינט פאר שני למלך אין מצרים. און ביים צווייטן טישל האָבן יונגע אייגעלעך געגלאנצט, און יונגע קולכלעך זיך געציקלט, איבערזינגענדיק די הארציקע מעשיות.

א פּאסיקער טייל צו דעם בילד איז געווען רב עליעס קליינער, פיריאָריקער לייבעלע. א ליבלעך קינד מיט גרויסע, נייגעריקע שווארצע אויגן. ער האָט געהאט א טבע זיך איינצוהערן אין טאטנס לערנען נאָר זיצנדיק אויף דער נישט הויכער שאנק, וווהין ער פלעגט זיך ארויפדראפּען. פון דאָרט האָט ער מיט דער גאנצער קינדישער פארכאפּטקייט זיך מיטגעפרייט, ווען דאָס געלערנטע איז געווען עפּעס מונטערעס, אָדער פארגאָסן

קינדערישע ביטערע טרערן וועז, למשל, ס'האָט זיך דערציילט ווי די ברי־דער פאַרקויפן יוספֿן פֿאַר אַ קנעכט צו די מדינים.

די רביצין, רב עליעס ווייב, האָט מען זעלטן געפֿונען אין חדר. מער־סטנס פֿלעגט זי זײַן אין גאַס. זי האָט צעטראָגן די אויסגעאַרבעטע בייט־לען איבער די געוועלבער צו אירע שטענדיקע קונים. אָדער מען פֿלעגט זי הערן שטילערהייט זיך באַשעפֿטיקן אין קליינעם קיכל ביים וואַשן דאָס ביסל וועש.

איך האָב ליב געהאַט רב עליען, און בין אים געווען דאַנקבאַר פֿאַר זיין לאָזן מיך איינהערן אין זײַן האַרציקן אויסזינגען זײַן שיעור. איך פֿלעג אַפֿילו אים שטילערהייט צוהעלפֿן צוזאַמענלייגן זיינע אויסגעקלעבטע בייטלען. און איך געדענק, וויפֿל עגמת נפֿש איך האָב געהאַט בייוווינענ־דיק איינמאָל די טרויעריק קאָמישע סצענע, ווען אין מיטן לערנען האָט מען פּלוצים אַ געשריי געטון פֿון הויף, אַז פּאָליציי גייט. דער שטענדיק רואיקער רב עליע איז עפּעס ווי צעמישט געוואָרן, און האָט זיך מיטן אָנטון אויף גיך געגעבן אַ וואָרף אַריין אונטער דעם איבערבעט פֿון פֿאַר־בעטן בעט, וועלנדיק זיך אַזוי אַרום באַהאַלטן. אָבער פּונקט אין זעלבן מאָמענט האָט זיך די טיר געגעבן אַ ריס אויף, און דער רעווירזאָווע איז אַריינגעפֿאַלן. ער האָט מיט רציחה אַ שלעפּ אַראָפּ געטון דאָס ליילעך מיטן איבערבעט פֿון איבער דעם אויסגעצויגענעם פֿאַרבערגער, און אים אַראָפּ־געריסן פֿון בעט. דער בלאַסער רב עליע איז נעבעך געבליבן שטיין אַ פֿאַרשעמטער, און מיט שולדיק שמייכלענדיקע אויגן געקוקט צו זיינע דער־שראָקענע תּלמידימלעך. איך האָב לאַנגע יאָרן נישט געקאָנט פֿאַרגעסן דאָס טרויעריקע בילד...

פֿול מיט חידוש און פֿאַרכאַפּטקייט זענען געווען די שעהן, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו פֿאַרברענגען אויפֿן הויף, צוקוקנדיק זיך צו די פֿאַרשידענע אַרבעטן, מיט וועלכע עס זענען געווען פֿאַרנומען די קליינע פֿאַבריקאַנטלעך. ס'האָט פֿאַרכאַפּט צו זען וויפֿל וואונדער, וויפֿל חכמה און וויפֿל שיינקייט ס'האָט געשטעקט אין יידישער אַרבעט.

אָט איז, למשל, געווען דער שמוקלער. אַ דאַרער, הויך־אויסגעצוי־גענער געלבלעכער יונגערמאַן. ער האָט אויסגעאַרבעט זיידענע שנירן פֿון די פֿאַרשידנסטע קאָלירן און פֿאַסאָנען. דינע, געפֿלאָכטענע, גלאַטע, איינ־

צלנע און טאַפּלטע. די שנירן זענען געגאַנגען אויף באַפּוצונגען פאַר טאַ־פּעצירערס, שניידערקעס. ער האָט מיט זיין שמוקלערייַ פאַרנומען דעם גאַנצן הויף. ביי איין עק הויף איז געשטאַנען אַ שפּינדל. דער שמוקלער האָט געטראָגן אָנגעהאָנגען, ווי אַ חושן ואפוד אויף דער ברוסט, אַ ריי קאָלערלעך מיט דיקן גאַרן. דעם גאַרן האָט ער געצויגן אין לאַנגע שורות פונעם שפּינדל ביז צום צווייטן עק הויף, ווו זיי זענען צוגעטשעפּעט גע־וואָרן אויף שפּולקעס אויף דער וואַנט. דאָס שפּינדל האָט זיך אָנגעהויבן שנעל צו דרייען דורך דעם, וואָס אימיצער האָט עס געטריבן מיט אַ פּאַ־לאַנט (אַזאַ ברייט לייסטל), אָנגעשמירט מיט קרייד. און די אָנגעצויגענע שורות גאַרן האָבן זיך שווינדלענדיק גיך געפלאָכטן, אַרויסגעבנדיק ווי־ברירנדיקע קלאַנגען ווי אָנגערירטע אָנגעצויגענע סטרונעס. איצט האָט דער שמוקלער איבערגעצויגן דעם זיך פלעכטנדיקן גאַרן מיט זיידענע קאָ־לירטע פעדים, וועלכע ער האָט געצויגן פון די קאָלערלעך, וואָס האָבן זיך געדרייט הענגענדיק אויף זיין חושן ואפודיקן אַפּאַראַטל. ער האָט די זיידענע פעדים געלאָזט לויפן איבער זיינע דעליקאַטע פינגער, וואָס ער האָט געהאַלטן גאָענט צום אויער, די גאַנצע צייט נישט אָראָפּנעמענדיק די אויגן פונעם גאַרן, וועלכן ער האָט איבערגעצויגן, גייענדיק מיט לאַנג־זאַמע געמאָסטענע טריט. ער איז געווען אַזוי קאָנצענטרירט אויף דעם זיך שווינדלענדיק דרייענדיקן פּשוטן גאַרן, וואָס איז אונטער זיינע פינגער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שימערירנדיקער זיידענע שנור, און וואָס האָט אין דער זעלבער צייט אַזוי מעלאָדיש געברומט: ווו... ווו... און אויסגע־זען האָט ער ווי אַ שטאַרק פאַרטועמער פידל שפּילער, וואָס הערט זיך איין אין זיין אייגענעם שפּילן און אין די קלאַנגען פון די וויברירנדיקע סטרו־נעס. ער האָט דעם הויף צוגעגעבן אַזוי פיל קלאַנג און קאָליר מיט זיינע לאַנגע זיידענע שנירן, דער דאַרער, געלבלעכער שמוקלער.

און אַנדערער, וואָס האָט ווי געשאַפן וואונדער פאַר די אויגן, איז געווען דער וויסער, וואָס פלעגט אין זיין פאַבריקל איבערציען פּשוטע מעטאַלענע כלים און זיי פאַרוואַנדלען אין זילבער. זיין פאַבריקל איז געווען אין אַ קעלער־שטוב. ס'איז דאָרט געווען שטאָק פינסטער. בלויז ביי דער וואַנט אונטערן פענסטער, וואָס איז געווען גלייך מיט דער ערד אויפן הויף, איז געווען איינגעמויערט אַזאַ מין ברייטע שטיינערנע מולטער. די מולטער

איז געווען אָנגעפילט מיט קאָכנדיקן, צעלאָזטן צין. דעם יידן, וואָס האָט זיך באַשעפטיקט מיט דער ארבעט ביי דער מולטער, האָט מען נישט געזען אין קיין נאַטירלעכער פּאָזע. געזען האָט זיך בלויז זיין אויבערשטער טייל קערפּער, און דאָס פון אויבן ארונטער. דער אונטערשטער האָט זיך פאַר־לוירן אין דער פינסטערניש. געזען האָט זיך זיין שטארק גלאַנציקער קאָפּ, באַדעקט מיט א קליין קאפּל. אַ פאַרקאָפּטשעט פּנים איינגערעמט אין א בערדל פון אן אומבאַשטימטן קאָליר. די פּלייצעס און די אָרעמס האָבן זיך באַוועגט. איין האַנט האָט פון ערגעץ אין דער פינסטערער טיף ארויסגע־נומען דאָ א פּאָר בלעכענע טונקעלע לעפל, דאָ עטלעכע טונקעלע טעצלעך, אין דער צווייטער האנט האָט ער געהאלטן אזא מין מעטאַלענעם פעכער, מיט וועלכן ער האָט ווי אָפּגעשוימט דעם צעלאָזטן צין. דאַן איינגעטונקען דאָרט די לעפל אָדער טעצלעך, זיי עטלעכע מאָל דורכגעשווענקט אין דער מולטער, און זיי פון דאָרט ארויסגעצויגן זילבער־ניי, פינקלענדיק קלאָר... און פארגרעסערט דעם וואונדער האָט נאָך דאָס, וואָס די האַלבע, פון אויבן געזעענע פיגור האָט ביי דער ארבעט זיך צוגעזונגען מונטער און קלינ־גענדיק, צופּאַסנדיק דעם ריטם פון זיין געזאַנג צום ריטם פון זיינע באַ־וועגונגען איבער דער כשופדיקער מולטער.

אָפּגעענטפערן אָט דעם קעלערדיקן געזאַנג פלעגט דאָס זינגען פון א צווייטן קעלער־פאבריקאַנטל, דעם מאָשעזשניק. ער האָט געהאַט פונקט אזא פינסטער פאבריקל אין אן אנטקעגנאיבערדיקער קעלער־שטוב. אויך אים האָט מען געזען בלויז האַלב, פון אויבן אראָפּ, ווען דער אונטערשטער טייל קערפּער האָט זיך פארלוירן אין דער פינסטערניש. געווען איז ער א דיקלעכער, מיט א פעט רויטלעך פּנים. זיין שטימע איז אויך געווען א דיקלעכע, און האָט זיך געהערט ווי עפּעס אן אונטערלאַגע צו דעם ווייסערס העלערער שטימע. זיין ארבעט איז באַשטאַנען אין אָנפילן צוויי האַלבע אייזערנע פאָרמען מיט אזא ספּעציעלן ליים אָדער ערד. אין די צוויי טיילן האָט ער אויסגעהוילט די האַלבע צייכנונגען פון א פּאָר לייכטער. די אויס־געהוילטע ערטער האָט ער אָנגעפילט מיט אן אנדער סאָרט ערד אָדער ליים. די צוויי האַלבע צוזאַמענגעלייגטע פאָרמען האָט ער פארשרויפט און אריינ־געשטעלט אין אן אויוון צום טריקענען. נאָכדעם ווי די ערד אין די פאָר־מען האָט זיך איבערגעברענט און איז געוואָרן האַרט, האָט ער די האַלבע

פֿאַרמען געעפֿנט, פֿון דאָרט ארויסגענומען די ליים, וואָס האָט אָנגעצייכנט די לייכטער, אזוי אז דאָס אָרט איז געבליבן הויל. די פֿאָרמען זענען ווי־דער צוזאמענגעשרויפֿט געוואָרן, דורך א קליינע עפֿענונג איז דאָס אויס־געהוילטע אָנגעגאָסן געוואָרן מיט צעשמאָלצענעם מעש, און ביים צווייטן מאָל עפֿענען האָבן א גלאַנץ געטון די מעשענע געלע לייכטער.

האלב אין קעלער און האלב אין דרויסן איז געווען דאָס ווארשטאטל פֿון דעם בעטן־מאָלער. דער איז שוין נישט געווען גלאט אזוי א בעל־מלאכה. פֿון אים האָט זיך שוין געטראָגן מיט עפּעס, וואָס איך האָב נאָך דעמאָלט קיין נאָמען נישט געהאט דערפֿאר; מיט עפּעס וואָס איז מיר שפּע־טער באקאנט געווען אלס קונסט. זיין עובֿדה איז געווען די גרין באמאָלטע אייזערנע ווענטלעך פֿון אייזערנע בעטן צו באפּוצן מיט כלערליי לאנד־שאפֿטן, גאָרטן־סצענעס און ים־בילדער.

געווען איז דער בעטן־מאָלער א דריבנער, שטשופּלער, מיט א גע־דיכטן קאָפּ טונקל באוואקסענע האָר. אָנגעטון אין תמיד אויסגעשמירטע הויזן און רעקל. שטענדיק א שוויינגנדיקער, ווי עפּעס א זיימיקער, וואָס האָט זיך מיטן הויף ווייניק אָנגעקערט. ער האָט עפּעס ווי אהער נישט גע־הערט, ער האָט נאָר דאָ געארבעט. און געארבעט האָט ער שנעל, פֿלינק. ער פֿלעגט גיך ארויסברענגען א ווענטל פֿון אן אייזערנעם בעטל פֿון קעלער ארויס, עס אוועקשטעלן ביי די טרעפּלעך אויפֿן הויף, א נעם טון דאָס קעסטל מיט די פֿארבן און פּענזלעך, און מיט אימפּעט א פֿאל צו געבן, און אויף גיך, גיך זיך נעמען מאָלן די באפּוצעכצער. נישט אָפּווענדנדיק אויף קיין איין מינוט זיין אויג, און כמעט נישט פֿילנדיק, אז אימיץ שטייט און קוקט זיך צו צו זיין שאפֿן. און צוקוקן זיך איז געווען וואָס. ס׳איז געווען דער גרעסטער ווונדער צו זען ווי פֿון אונטער זיין קליינער, דארער האנט זענען אויסגעוואקסן דאָ א גאָרטן מיט באבלעטערטעביימער. דאָ א פּאָרל וואָס שפּאצירט געאָרעמט. דאָ בלויע וואָלקנדלעך, וואָס ציען זיך איבערן הימל. און מיט אמאָל א גרופּע פֿייגעלעך, וואָס צעפֿליען זיך אזוי לייכט און שוועבנדיק גלייך פֿון זיין פּענזל אפּויר. און ווי א קלוגער קינסט־לער האָט ער געענדערט זיינע סוזשעטן. פֿארטיק געוואָרן מיט דעם באַ־שאפֿענעם גאָרטן, האָט ער אויך גיך א כאַפּ געטון דאָס אייזערנע ווענטל, עס אראָפּגעטראָגן אין קעלער אריין, ארויפֿגעברענגט אן אנדערס, און אָט

אין איין מינוט האָט פון אונטער זיין פענזל גענומען אויסוואַקסן אַזאַ שטיל זיך כוואַליענדיק וואַסערל, מיט עטלעכע קליינע שיפעלעך, וואָס האָבן זיך געהוידעט אַזוי ריטמיש, כמעט איינשלעפערנדיק די מענטשעלעך, וואָס זענען געפאָרן אין זיי. אָט אַזוי, איינס נאָכן אַנדערן, איינס נאָכן אַנדערן. און ס'איז גאָר קיין שיעור נישט געווען צו דער שפע פון קוויטעלעך, רויזן און בליעכצן, מיט וועלכע די אַלע בילדער זענען געווען אַרומגערעמט. ווי שטאַרק מקנא געווען האָט זיך דעמאָלט אָט דעם פּרימיטיוון פּאַלקישן, אָבער נישט צוטריטלעכן ווונדער שאַפער.

א צווייטער פאַרב־קינסטלער, כאָטש פון אַ נידעריקערן גראַד, איז געווען דער שילדן־מאָלער. דאָס איז אויך געווען אַ קורץ געקליידטער, אָבער שוין אַ פרייליכער לונג און לעבער, וואָס האָט גערעדט הויך, און צייטנווייז אפילו זיך צוגעפייפט ביי דער אַרבעט. ער האָט געהאַט אַ גרויסן וואַרשטאַט אין דער נידער, אָנגעשטעלטע מיט שילדן און שילדלעך, בלעכן און רעמען, סלאָיעס און קיבלעס מיט כל המינים פאַרבן און טערפּענטין. אָבער מערסטנס פלעגט ער די גרויסע שילדן מאָלן אין דרויסן, אויפן הויף. און פריילעך פלעגט מיט אים זיין, וואָס ביי אים איז מען נישט אַלע מאָל געווען בלויז אַ באַוווּנדערער. ער פלעגט נאָך גערן אימיצן אַריינציען אין זיין אַרבעט. למשל העלפן אַרויסטראָגן די בלעכענע שילד און אָוועקשטעלן זי אויף די צוויי בענקלעך, פאַרטיק צום מאָלן. אָדער גאָר ווען ער פלעגט אויסציען אַן אָנגעקריידטן פאָדים איבער דער לענג פון דער שילד, האָט ער אייך געלאָזט אַ ציפּ טון דעם פאָדים, כדי דער קרייד זאָל איבערלאָזן אַ ווייסן צייכן, אַ ליניע, כדי די שפּעטער באַמאָלטע אותיות זאָלן אַרויס־קומען גלייך. דאָס איז שוין נישט געווען קיין קלייניקייט. דאָס איז שוין געווען אַ מין מיטשאַפן, אויף וואָס מען איז געווען נישט קיין קליין ביסל שטאָלץ. מ'האָט געהאַט שוין עפּעס אַ שטיקל חלק אין דעם, וואָס פון אונטער זיין פענזל זענען אַרויסגעקומען די גלייכע רוסישע און אַמאָל יידישע אותיות, וועלכע האָבן געמאָלדן, אַז דאָ פאַרקויפט מען די פיינ־סטע שניט־סחורה, אָדער די בעסטע לעדער־אויסאַרבעטונגען. און ווער שמועסט נאָך, אַז ווען מ'האָט זיך בגנבה, בשעת דער מאָלאַזש איז אַריין אין וואַרשטאַט, געקאָנט צוכאַפּן צו אַ פענזל, און אויף גיך עטלעכע שמיר טון איבער דער האַלב פאַרטיקער שילד. אָבער דעמאָלט האָט מען זיך שוין

געמוזט אָפּטראָגן, ווייל דער פרייליעבער לונג און לעבער האָט אין דער רציחה אויך געקאָנט אויסדרייען א האנט, אָדער צוכאַפּן דאָס היטל, וואָס איז געווען נאָך ערגער...

מיט א סך ווּנדער און נייגער זענען געווען די שעהן, וואָס מ׳האָט פאַרבראַכט זיך צוקוקנדיק צו דער ארבעט ביים שניצער. דאָס איז געווען א שטילער, זיידענער יונגערמאַן, מיט א בלאָנד באַבערדעלט פּנים פון א ישיבה בחור. אָנגעטון אינגאַנצן אין חסידישן טראַכט, מיט דעם גרויסן טלית קטן ארויסהענגענדיק פון אונטער דעם סאַמעטענעם וועסטל. זיין גוטסקייט האָט זיך עפּעס ווי אָפּגעשפּיגלט אין זיינע איידעלע הענט, מיט וועלכע ער האָט געהאַלטן די האַלב קיילעכדיקע דלאָטן, וואָס האָבן גע־איילט איבער דעם ברוינעם האָלץ. ער פלעגט אויסשניצן „קאָפּ־שטיקער”, געזימסן צו שענק, קרעדענצן, קאָמאָדעס און בעטן. אויף א קינסטלערישן אופן פלעגן פון דעם פריער גלאַטן שטיק האָלץ, אונטער די געשיקטע און פרייע מאַניפּולירונגען פון זיין פלינקער האַנט, זיך באַווייזן די אויסגע־שניצטע קעפּ פון צוויי לייבן מיט ווילדע גריוועס, אָדער פון צוויי פּאַוועס מיט לאַנגע, געשטריקטע עקן. און שיין איז געווען צו זען, ווי וואָס בולטער עס זענען געוואָרן די אויסגעשניצטע פיגורן, אַלץ העלער און צעשטראַל־טער איז געוואָרן דאָס פּנים פונעם יונגן שניצער. זיין פרייד איז געוואַקסן צוזאַמען מיט זיין עכט יידישלעכער שאַפונג. און אַז ער איז פאַרטיק גע־וואָרן מיט א קאָפּשטיק, פלעגט ער אים אויפהייבן מיט ביידע הענט, ווי מ׳הייבט אויף, להבדיל, א ספר תורה צו הגבה, אים האַלטן אין דער הויך, אַנטקעגן די אויגן, פריידיק אים באַטראַכטן, און מיט א שמייכלענדיק פּנים, אָן ווערטער, ווי כמעט פרעגן: „איז עס נישט שיין?” יאָ, עס פלעגט זיין ווּנדערלעך שיין און אַזוי שטאַרק אינטערעסאַנט.

גאַנץ אינטערעסאַנט איז אויך געווען זיך צוצוקוקן צו דער ארבעט פון טאָקאַזש. כאָטש דאָ איז די ארבעט נישט געווען אַזאַ שטילע און פאַר־טיפטע. פאַרקערט — זיין קליינער וואַרקשטאַט איז געווען פול מיט פריי־לעכקייט און טומל. עס האָט ארויסגעגעבן א מאָדנעם געזאַנג די מאַשין, אין וועלכער דער טאָקאַזש, א הויכער ייד מיט אַן אביסל סוטולעוואַטער פּלייצע, האָט איינגעשפּאַנט א לענגלעך פירקאַנטיק, אָדער קיילעכדיק שטיק האָלץ. די מאַשין האָט זיך אָנגעהויבן צו דרייען פון דעם, וואָס דער טאָ־

קאזש האָט שטייענדיקערהייט געטרעטן מיט איין פוס א טרעטער, ווי ביי א ניי־מאשין. ער האָט מיט א שארפן געציניג געמאכט פארשידענע בויגונגען איבער דעם זיך דרייענדיקן האַלץ. פון די פארשידענע מאניפולירונגען האָבן זיך די טענער פון דער מאשין געביטן: אמאָל נידעריקע — פררר, פררר... און אמאָל הויכע — דזי... דזי... די טענער זענען נאָך באגלייט געוואָרן מיט דעם לויפיקן שפּיל, וואָס עס האָבן פון זיך ארויסגעגעבן די אָפּשפּרינגענדיקע לאנגע שפּענער־רינגעלעך, וואָס האָבן ווי געשפּריצט פון אונטער דעם שארפן געציניג, וואָס דער טאַקאזש האָט געפירט איבערן האָלץ. און גלייך ווי ער וואָלט געוואָלט איבערשטייגן דאָס געזאנג פון דער מאשין, האָט דער טאַקאזש געלאָזט איבערקלינגען זיין אייגן געזאנג, וואָס האָט זיך געהויבן און געגידערט צוזאמען מיט די פיגורן, וועלכע האָבן זיך געשאפן איבער דעם זיך דרייענדיקן האָלץ: האלבקיילעכדיקע, גאנץ קיילעכדיקע, דינערע און דיקערע גאָלקעס, לענגלעכערע און קירצערע, פאר „פיס״ צו טישן, שטולן און סאָפעס.

ווען די אויסגעטאָקטע פיס זענען פארטיק געוואָרן, האָט זיי דער טאַקאזש ארויסגענומען פון דער מאשין, ווו זיי זענען געלעגן איינגעשפּאַנט. זיי איבערגעצויגן מיט אזא ספּעציעלער ברוינלעכער פארב, וואָס האָט זיי צוגעגעבן דאָס אויסזען פון פּימסן האָלץ, דעמב, אָדער מאהון.

א גאָר וואזשנע, ערנסטע זאך איז געווען זיך צוצוקוקן צו דער ארבעט פון גראווירער, וואָס האָט געוווינט אין דער נידער, און געהאָט זיין קליין ווארשטאטל הארט ביים פענסטער אין הויף ארויס. גראווירערײ איז געווען א געזעצט „אינטעליגענט״ פאך, אשטייגער ווי זייגערמאכערײ. פלעגט ער טאקע זיצן, דער גראווירער, א גרויזלעכער, מיט שארפע שפּאַקולן אויף דער נאָז, אן ערנסטער, אין זיך קאָנצענטרירטער, מיטן קאָפּ שטארק צוגעשמידט צו דעם בראָנזענעם שילדל, אָדער מעשענעם שטעמפּל, וואָס ער פלעגט דארפן אויסגראווירן. און די „קונץ״ איז געווען, וואָס מערסטנס פלעגט ער די רוסישע אָדער יידישע בוכשטאבן אין די שטעמפּלען דארפן אויסקריצן פארקערט, כדי זיי זאָלן דערנאָך, שטעמפּלענדיק, אויסקומען ווי ס׳דארף צו זיין. ער פלעגט מיט א קליין שארף דלוטעקל, וואָס ער האָט געהאלטן פעסט צווישן דיקן און בייג־פינגער, זיך אריינגראָבן אינעם מעש אָדער בראָנז, פּאָרזיכטיק אָבער זיכער ארומגראווירן

די שטיקער מעטאַל, וואָס האָבן געדאַרפט אוועקגעקריצט ווערן. עס פלעגן זיך שאַפן אַזעלכע קליינע היילן און גריבלעך, פון וועלכע עס זענען אַרויס־געקומען די נויטיקע בוכשטאַבן און גאַנצע נעמען. יאָ, מ׳האָט געמוזט האָבן קאָפּ און געזעצטקייט, כדי צו קאָנען זיין אין דעם ערנסטן פאַך פון גראַווירעריי.

אָבער דאָס פרייִלעכסטע און מערסט באַלאַנגרטסטע ווינקל אין הויף איז געווען דאָס קעלערל, וווּ רב וועלוול דער גלעזער האָט געהאַט זיין סקלאַדל פון שויבן און קיט. רב וועלוול איז געווען אַן עלטערער ייד, וואָס פלעגט תמיד רעדן מיט אַ געבייזער, כאָטש ער איז געווען אַ גוטע נשמה. צו אים פלעגן קומען די פאַרשידענע גלעזערס, וואָס זענען אַרומגעגאַנגען איבער די הייף אַריינשטעלן שויבן. זיי זענען געקומען קויפן די גרויסע טאַפּלעס גלאָז, וואָס זיי האָבן מיט אַ „דימענט" צעשניטן אין קלענערע טיילן, זיי אַריינשטעלן אין דעם אָפענעם קעסטל מיט די צוויי פּאַסן, וועלכע זיי פלעגן אָנטון אויף די אַקסלען, און לאָזן דאָס קעסטל מיטן גלאָז אַראָפּ־הענגען אויף דער פּלייצע. ביי רב וועלוולען פלעגן זיי אויך קויפן די דרעט־לעך, מיט וועלכע מ׳האָט די שויבן אַריינגעפעסטיקט אין די פענסטער, און אויך דעם קיט, מיט וועלכן מ׳פלעגט די שויבן אַרומקלעבן ביי די עקן.

און אָט דער קיט, די געלבלעכע, ווייכע, קלעבנדיקע מאַסע איז עס געווען דער צוציענדיקער כוח, וואָס האָט געברענגט די יינגלעך פון אַלע חדרים אַרום צו רב וועלוולס קעלער. עפּעס אַן אומדערקלערלעך פאַרגע־ניגן איז געלעגן אין דעם קנעטן דעם ווייכן קיט צווישן די פינגער, אפילו אין חדר ביים לערנען, ווען מען האָט געהאַלטן די הענט אונטערן טיש. און נישט איין חומש־בחור האָט געקראָגן איבערגעהאַקט די הענט, ווען דער מלמד האָט זיך געכאַפּט, אַז יענעמס קאָפּ איז גאַרנישט ביים ענין וואָס מ׳האָט געלערנט, נאָר ביים קנעטן דעם קיט אונטערן טיש.

און דעם אמת מוז מען מודה זיין, אַז דעם קיט האָט חברה יינגלעך נישט באַקומען אויף קיין כשרן וועג. אָדער מ׳האָט בגנבה אָפּגעריסן אַ שטיק פונעם גרויסן באַרג קיט, וואָס אַ ייד אַ גלעזער האָט נאָר וואָס גע־האַט איינגעקויפט אָדער מ׳האָט זיך פשוט אויף פלינק אַריינגעכאַפּט צו רב וועלוולען אין קעלערל, און איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט זיך אומ־צודרייען, אַ כאַפּ געטון אַ שטיק קיט און דערמיט אַנטלאָפן. אָט אַ גרויסן

טייל צוליב דעם האָט דער אַלטער־רב וועלוול זיך טאַקע תמיד געבייזערט און געטריבן, נישט צולאָזנדיק נאָענט צו זיך די יונגע קונדסים, וואָס ער האָט אין דער אמתן גאַרנישט פיינט געהאַט.

אויף די אַלע עקסקורסיעס איבער דעם לעבעדיקן הויף בין איך נישט תמיד געווען אַליין. גאַנץ אָפט, ווען ס'האָט זיך מיר איינגעגעבן אים אַרויסצוראַטעווען פון מיין פעטער יעיקלס שטרענגער השגחה, פלעגט זיין מיט מיר מיין חבר'ל יעקב יוסף, וואָס האָט מיט מיר צוזאַמען געלערנט. יעקב יוסף איז געווען אַ יתום. זיין תמיד פאַרזאָרגטער מוטער, דער אַלמנה, האָט זיך מיט גרויס מי, און צוליב דעם זכות, וואָס איר געשטאָרבענער מאַן פלעגט פאָרן צום זעלבן חסידישן רבין וואָס מיין פעטער יעיקל, איינגעגעבן איר בן יחיד אָנצודינגען ביי אים אין חדר. יעקב יוסף איז געווען אַ יונג, בלאַס גמרא־בחור'ל, מיט אַ פּנימ'ל, וואָס האָט אויסגעדריקט פאַרלוירנקייט, און אויגן וואָס האָבן זיך געבעטן: זיי גוט צו מיר. ער האָט זיך צו מיר געהאַט שטאַרק צוגעבונדן. ער פלעגט מיר נאָכגיין אויף טריט און שריט. דאָס לערנען דעם פעטער יעיקלס שיעור איז אים אָנגעקומען נישט זייער גרינג. ער פלעגט בעטנדיק מיר קוקן אין די אויגן אַריין, און איך האָב נישט איינמאָל שטילערהייט מיט אים איבערגעחזרט דאָס לערנען. זיין דאַנקבאַרקייט דעמאָלט איז געווען אָן אַ שיעור. און אויך איך האָב זיך צו אים צוגעבונדן, ווי אַן עלטערער ברודער. איך פלעג אים מיטנעמען ווו ס'האָט זיך נאָר געלאָזט. איך פלעג אים העלפן אפילו אין זיין אָרימער היים, וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט, בשעת ער האָט באַדאַרפט צוהעלפן דער מוטער אין איר נישט זייער ריינער פרנסה.

די מוטער פלעגט זיך מפרנס זיין פון דעם, וואָס זי האָט צוגעשטעלט אין די וווּרשט־פאַבריקלעך די הויטן, אין וועלכע די וווּרשטן זענען אָנגעפילט געוואָרן. און די הויטן האָט זי צוגעגרייט אין איר היים אויף אַ גאַנץ שווערן אופן. זי פלעגט אויפקויפן די רויע איינגעווייידן פון בהמות און קעלבער. די קישקעס האָט מען געדאַרפט וואַשן און רייניקן, נאָכדעם זיי טרוקענען און אויסציען, ביז זיי האָבן באַקומען זייער דורכזיכטיקע דינקייט. יעקב יוסף האָט געמוזט העלפן דער מאַמען אין דער פרנסה. אין די שעהן, וואָס ער איז געווען פריי פון חדר, האָט ער געמוזט זיצן ביי די קיבלעס מיט וואַסער, אין וועלכע ער האָט געשוואָנקען און גערייניקט

א ווארשעווער גלעזער



די לאַנגע שלײמיקע קישקעס. ער האָט עס אָבער געטון מיט אַזאַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכקײט און איבערגעבנקײט, אַז איך פלעג אַלײן אױך בײ־קומען מײן װידערװילן און אים צוהעלפן, װען די אַלמנה מוטער פלעגט נישט זײן, און מיר זענען בײדע געװען אַלײן אין הױז.

אָבער נישט נאָר אױף די הױפישע עקסקורסיעס האָט מיך מײן חבר יעקב יוסף באַגלײט. ער איז אױך מיטגעװען מיט מיר אױף אַן עקסקור־סיע, װאָס האָט שפּעטער געהאַט אַזאַ גרױסע השפּעה אױף מײן גאַנץ לעבן. ער איז מיטגעװען מיט מיר בשעת מײן ערשטן מאָל זײן אין אַן אמתן טעאַטער און זען אַן אמתע טעאַטער־פאָרשטעלונג. דאָס איז געװען אין פּױלישן „טעאַטער לודאָװי" (פאָלקס טעאַטער), װאָס האָט זיך גע־פונען אין דער רײט־שול פון דער זשאַנדאַרמעריע אױף ציעפּלע גאַס.

אױב איך דערצײל דאָ װעגן פּױלישן טעאַטער, איז עס דערפאַר, װײל עס איז, אױף אַ געװיסן אופן, געװען אַ טײל פון יידישן לעבן אין װאַרשע. קײן אײגן יידיש טעאַטער האָט װאַרשע אין יענער צײט נישט פאַרמאָגט. דאָס לעצטע יידישע טעאַטער, װאָס האָט מיט אַ 15 יאָר פריער געהאַט געשפּילט אין דער „עלדאָראַדאָ", איז פאַרבאָטן געװאָרן דורך דער רוסישער רעגירונג. און אַזױ װי דאָס „טעאַטער לודאָװי" איז געשטאַנען אין רעכטן מיטן פון דער יידישער געגנט, האָט אַ גרױסער טײל פון דער יידישער יוגנט, איבערהױפּט די חסידישע פּאַניענקעס, װעמען אפילו טאַטע מאַמע האָבן נישט געשטערט צו לײענען און רעדן פּױליש, געצױגן זײער יניקה פון פּױלישן טעאַטער.

װי אַזױ זענען מיר, צװײ חסידישע בר מצוה יינגלעך, געקומען גאָר אַרײנצושמעקן אין אַ טעאַטער? אױף דער ציעפּלאַ גאַס, נישט װײט פון דער טװאַרדע, האָט זיך געפונען די „רײט־שול", װו די זשאַנדאַרן האָבן זיך געלערנט רײטן. מיר יינגלעך, אַז מיר האָבן דאָרט געדאַרפט פאַרבײ־גײן, פלעגן מיר אַריבערגײן אױף דער צװײטער זײט. װײל די רוסישע זשאַנדאַרן, װאָס זענען געשטאַנען אױף דער װאַך פאַר דער רײט־שול, האָבן נישט זײער גערן געהאַט קײן יונגע יינגלעך מיט לאַנגע קאַפּאָטקעס און לאַנגע פּאהלעך. מיט אַמאָל אָבער איז אַרום דער רײט־שול עפּעס פאָר־געקומען. בײנאַכט האָבן זיך פאַר דער געבײדע אָנגעצונדן ריזיקע עלעק־טרישע לאָמפּן. ס'איז געװאָרן דאָרט ליכטיקער װי בײטאָג. הונדערטער

מענטשן האָבן געשטראָמט אין דער ביז איצט אָפּגעזונדערטער זשאַנ־דאַרמערסקער שולע, פון וואַנען ס'האָט תמיד זיך געטראָגן א ריח פון פערדן־מיסט און דזשעגעכץ. ס'האָט דאָרט אויסגעזען אזוי יום טובדיק, אז מיר יינגלעך זענען פאַרכאַפּט געוואָרן: וואָס טוט זיך עס דאָרט אזוינס אײ־געווייניק? ביז מיר האָבן זיך דערוווּסט, אז די רייט־שול איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א „טעאַטער", ווו מען שפּילט אויף פּויליש. אונדזער, און איבערהויפּט מיין נייגיר איז אויסגעוואַקסן ביז אויף גאָר א גרויסן אופן.

דער ענין „טעאַטער" איז מיר אינגאַנצן פרעמד נישט געווען. אין אונדזער שטוב איז דאָס וואָרט א סך מאָל דערמאָנט געוואָרן. מיין שוועס־טער פּערעלע האָט נאָך געהאַט געזען יידיש טעאַטער אין דער „עלדאָ־ראַדאָ", און האָט אַלע יאָרן געהאַלטן אין איבערזינגען די לידער פון „שולמית", „בר כוכבא" און אנדערע יידישע פּיעסן. זי האָט אפילו אַמאָל געהאַט באַוויזן די מאַמען, זי זאָל גיין זען א יידישע טעאַטער־פאָרשטע־לונג (די איינציקע פאָרשטעלונג אין איר לעבן), און די מאַמע פלעגט א האַלב שעמעוודיקע נאָכדערציילן די גבורות, וואָס עס האָט אין יידישן טעאַטער באַוויזן די באַרימטע „בריינדעלע קאָזאַק". די „פאָרשטעלערס", וועלכע איך האָב דערמאָנט, האָבן אויך פון צייט צו צייט אָפּגעפרישט דעם אינטערעס צום טעאַטער אין אונדזער שטוב. אָבער דאָס אַלץ איז געווען פאַר מיר אזוי רעטענישדיק אומקלאָר. איך האָב געהאַט די משונה־דיקסטע פאָרשטעלונג, וואָס אזוינס טעאַטער איז, און וואָס דאָרט טוט זיך. ס'איז דערפאַר קיין חדוש נישט, וואָס איך האָב זיך אַרומגעטראָגן מיט א שטאַרקער בענקשאַפט צו קאָנען אַמאָל כאַפּן א קוק אין דער גאָל־דענער כשוף־וועלט פון אן אמתן טעאַטער. און דאָ איז אזוי אומדער־וואַרטערהייט געקומען ממש אין אונדזער נאָס אַט דאָס, וואָס האָט אזוי געמאַניעט און גערייצט.

אָבער ווי אזוי קומט מען אריין אין טעאַטער? אמת, מיר האָבן גע־זען אריינגיין אהין א סך דערוואַקסענע בחורים אין לאַנגע און אין „גע־האַקטע" קאַפּאָטעס. דאָך אָבער האָט דאָס האַרץ שטאַרק געקלאַפּט ביז מיר, מיין חבר יעקב יוסף און איך, האָבן א סך וואָכן שפּעטער געקאָנט אָפּמאַכן ביי זיך אריבערצוטרעטן דעם אייזערנעם פאַרבאָט, אז חסידישע יינגלעך טאָרן נישט זינדיקן מיט זען „טריאַטער שפּילן". אין א געוויסן

אָוונט האָבן מיר געקויפט צען־קאָפּיקע בילעטן און פארגנבעטערהייט זיך ארויפגעכאפּט אויף דער גאַליאַרקע צו זען אונדזער ערשטע טעאטער פּאָרשטעלונג...

כ׳וויל זיך איצט נישט אָפּגעבן מיטן שילדערן דעם איינדרוק, וואָס עס האָט אויף מיר געמאַכט דאָס זען ווי אין א פארטונקלטן זאַל הייבט זיך אויף א פאָרהאַנג, און אונטערן קלאַנג פון מוזיק שווימט ווי ארויס עפּעס אן אנדער וועלט, מיט מענטשן וואָס זענען געקליידט, רעדן, באַוועגן זיך און האַנדלען עפּעס אַזוי אַנדערש, אזוי פיל שענער, אזוי פיל אויס־געחלומטער. כ׳האָב קיין וואָרט נישט פארשטאַנען וואָס די מענטשן דאָרט האָבן גערעדט אויף פּויליש. וואָס פאַר א שטיק דאָס איז געווען און וועגן וואָס דאָרט האָט זיך געהאַנדלט, האָב איך קיין אַנונג נישט געהאַט. אָבער איך האָב געפילט ווי מיין גאַנץ האַרץ, מיין גאַנצע נשמה זענען פארכאַפּט געוואָרן. דאָס וואָס דאָרט, אין יענער משונהדיק באַלויכטענער וועלט, האָט זיך געטון, איז מיר געוואָרן נאָענט און אייגן. איבערהויפּט איז מיר גע־וואָרן אייגן די יונגע פרוי, וואָס האָט אזוי האַרציק געוויינט, זיך געבעטן און פּראָטעסטירט. כ׳וואָלט געקאָנט געוועון שווערן, אַז זי איז א יידישע...

כ׳געדענק, אַז סיי איך און סיי מיין קליינער חבר יעקב יוסף, זענען אהיים געגאַנגען שפּעט ביינאַכט ווי אין א חלום. מיר האָבן צווישן זיך קיין וואָרט נישט געקאָנט אויסרעדן. מיר האָבן נאָך אַלץ זיך ווי געפונען צווישן אָט די מאָדנע מענטשן דאָרט אויף דער „סצענע", וואָס האָבן גע־שיינט צו קומען ווי פון עפּעס א כשוף־וועלט. דאָס האַרץ איז נאָך אַלץ געווען פארקלעמט אויס רחמנות צו דער יונגער פרוי, וועלכע אַלע האָבן פארשטויסן. און מערקווירדיק —

מיט יאָרן שפּעטער, אין 1913־14, אין בוענאָס איירעס, ווען כ׳בין שוין אַליין געווען אויף דער בינע, בשעת די באַרימטע יידישע אַקטריסע דינאַ פיינמאַן איז געקומען צו אונדז אויפטרעטן אין „אָלימפּאָ" טעאַ־טער, און מיר האָבן אָנגעהויבן מאַכן פּראָבע פאַר איר ערשטער פּיעסע, האָב איך צו מיין גרויסער פרייד זיך געכאַפּט: דאָס איז דאָך די זעלבע פּיעסע, וואָס איך האָב צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן געזען אין פּוי־לישן טעאַטער — „דעבאָראַ" פון מאָזענטאַלן...

פארשפּאַרט צו זאָגן, אַז סיי איך און סיי מיין חבר יעקב יוסף זענען

נאָך אויף לאַנג שפּעטער, פאַרגנבעטערהייט, געבליבן געטרייע באַזוכערס אין דעם פּוילישן „פאָלקסטעאַטער" אויף ציעפּלע גאַס.

מיט די איינגעזעסענע איינוווינער פון טוואַרדע נומער 16 האָבן מיר, חדר ייִנגלעך, געהאַט ווייניק מחזוקות. מיר האָבן זיך געהאַלטן אָפּגע־זונדערט אפילו פון די ייִנגלעך, וואָס האָבן געוווינט אין הויף און געהאַט זייערע באַזונדערע גרופּעס און זייערע באַזונדערע שפּילערייען. בלויז אין געציילטע פאַלן פלעגט מען זיך אויסמישן און פאַרגעסן ווער און וואָס. איינער אַזאַ פאַל פלעגט זיין, ווען אין הויף האָט זיך באַוויזן אַ טרופּע וואַנדערנדיקע קונצנמאַכערס. דעמאָלט פלעגט די בהלה און די צעמישע־ניש ווערן אין לשער. מען איז געלאָפן פון די שטיגן אַראָפּ אין הויף סיי הויף־ייִנגלעך און סיי חדר־ייִנגלעך. פענסטער פלעגן אויפפּראַלן. קעפּ אַרויסבייגן. און אונטן פלעגט זיך שאַפן אַ לעבעדיקער ראָד, וואָס האָט אַרומגערינגלט די קונצנמאַכערס.

און ס'איז געווען עפּעס אַ באַקאַשפּערטע זאַך — די קונצנמאַכערס זענען אַלע געווען ייִדן, אָבער עס האָט געשמעקט פון זיי מיט עפּעס פרעמד־קייט, אויסטערלישקייט און ווונדער. שוין זייערע רויט, גרין, געלע טרי־קאָטן און צירק־קאָסטיומען, אין וועלכע זיי האָבן זיך באַוויזן באַלד ווי זיי האָבן פון זיך אַרונטערגעוואָרפן די פּשוטע קליידער, וואָס זיי האָבן געטראָגן אָנקומענדיק פון גאַס, האָבן עפּעס אַ בלאָז געטון מיט בוידן, ציגיינער און געגנבעטע קינדער. ס'איז געווען ווי אַ זיכערע זאַך, אַז די ייִנגערע פון זיי, די אויסגעדאַרטע מיידלעך און שוואַרץ אויגיקע ייִנגלעך זענען אַוועקגעגנבעט געוואָרן ערגעץ אין פינסטערע נעכט פון מאַמעס, וואָס וויינען נאָך איצט איבער זיי. און דערפאַר טאַקע האָבן זייערע קונצן, צוזאַמען מיט דער התפּעלות און ווונדער, אויך אַרויסגערופן רחמנות און האַרצווייטיק. ס'האָט געריסן דאָס האַרץ צו זען ווי אויף דעם אויסגע־שפּרייטן קאָדניקל, אונטערן קלאַנג פון דער הייזעריקער קאַטערינקע, וואָס עס האָט געדרייט דער יונג מיטן ברוין אָפּגעברענטן פּנים און בליצנדיקע אויגן, האָט דאָס דין שלאַנקע מיידעלע אין רויט געפּאַסטע טריקאָטן זיך געבראָכן און געקוליעט. זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף די הענט, מיטן קאָפּ אַראָפּ, און פּאַמעלעך, ציענדיק זיך ווי אַ שלאַנג, אַריבערגעבויגן די פיס איבערן קאָפּ אַריבער, אַזוי אַז איר דאַר קערפּערל האָט זיך צוזאַ־

מענגעדרײט װי אַ קנױל, בשעת דאָס יונגע פּנימל האָט אָפּױרגעקוקט אַ טרױעריקס, אַ פֿאַרשלאָסנס. מ׳האָט געגאַפֿט, אָבער ס׳איז דאָך געװען אַ רחמנות צו זען דעם האַלב נאַקעטן יונגן בחור מיט די לאַנגע אָנגעװאַקסענע האָר, װי ער האָט אַזױ פֿלינק אַרײַנגעגליטשט אַ בלאַנקענדיקע קלינג פֿון אַ שװערד אין מױל אַרײַן, אַרײַנשלינגענדיק זי טיף, טיף, כמעט ביז צום הענטל, און דאַן זי נאָך פֿלינקער אַרױסציען, גלײַך װי ס׳װאָלט גאָרנישט געװען. אָדער װען בײדע, דאָס ײנגל מיטן מײדל, האָבן אָנגעהױבן צו װײַזן זײערע קונצן צוזאַמען. װען זי האָט אַרױפֿגעקלעטערט אױף זײַנע אַקסלען, און דאַן זיך מיט איר קאָפּ געשטעלט אױף זײַנעם, באַהעפֿטנדיק קאָפּ צו קאָפּ, און אירע שמאָלע פֿיסלעך און הענטלעך גראַציעז באַװעגן אין דער לופֿט.

ס׳האָט אַרױסגערופֿן געװאַלדיקע התפּעלות, װען למשל אין אַן אַנדער קונצן מאַכער טרופּע האָט דאָס װײַב, געװענלעך אַ דיקע, מיט גאָלד־בלעכענע בראָנזלעטן און האָר־געהענג, געדרײט די קאַטערינקע, און דער מאַן, אַ לאַנגער, אַ דאַרער, אין גרעלן צירק־קאָסטיום, האָט מיט אַן אײַז קאַלטער רואיקײט געשלונגען פֿײַער, װאָס ער האָט כּסדר גענומען אין מױל אַרײַן פֿון אַזעלכע דרעטלעך אַרומגעװיקלט מיט װאַטע אײַנגעטונקט אין נאַפֿט אָדער ספּירט. ער פֿלעגט דאָס פֿײַער אַראָפּשלינגען און זיך באַלעקן, װי מען באַלעקט זיך מיט עפּעס אַ געשמאַקן מאכל.

נאָך גרעסערע התפּעלות, װאָס פֿלעגט זיך פֿאַרװאַנדלען אין כמעט בהלות פֿלעגן אַרױסרופֿן די קונצן מאַכערס, װאָס האָבן זיך אױך באַנוצט מיט די אַרומלױפֿנדיקע װײַסע מײַזעלעך, װאָס פֿלעגן אַרױסציען גורל קװיטלעך פֿאַר דעם, װאָס האָט זיך אײַנגעשטעלט דאָס צו װעלן. אָדער די װאָס האָבן אַרומגעפֿירט אַ קלײנע מאַלפּע אױף אַ קײט. דאָס מאַלפּעלע, אױך אין אַ גרעל צירק־קאָסטיומל, פֿלעגט מאַכן פֿאַרשידענע קונצן, און דערבײַ האָט עס געהאַט אױך אַזאַ טרױעריק פּנימל, װאָס האָט אַרױסגערופֿן רחמנות און געלעכטער. און די בהלה פֿלעגט װערן, װען דאָס מאַלפּעלע האָט מיט אַמאָל פֿאַרגעסן אירע קונצן, און אָנהײבן נאָכלױפֿן אײמיצן פֿון אַרומשטײענדיקן רעדל, אָדער זיך אַרױפֿכאַפּן אױף אימיצנס אַקסל. די געװאַלדן און געלעכטערס פֿלעגן דעמאָלט זײַן ביזן הימל אַרײַן. און אַביסל איבערגעשראָקענע ײדן פֿלעגן אַביסל אין כּעס, אַביסל אין גע־

לעכטער אויסשפייען: „טפוי זאָל עס ווערן. אַט האָסטו דיר, יידישע פּרנסות”...

אָבער דער צוקוקנדיקער הויף האָט קיינמאָל נישט פאַרפעלט ארויס־צוווייזן זייער דאנקבארקייט און זייער ליוב פאַר דעם פאַרשאַפטן פאַר־געניגן. באלד נאָך דעם „סעאַנס” האָט זיך אָנגעהויבן דער רעגן פון די פענסטער פון איינגעוויקלטע שטיקלעך פּאַפּיר, אין וועלכע ס'זענען געלעגן צווייערס, פּירערס און זעקסערס, וואָס די קונצן מאכערס האָבן אויפ־געהויבן און צוזאַמענגעקליבן מיט א פּאַכמענישן פאַרנויג און האַנט־דאַנק.

אזעלכע קונצנמאכער וויזיטן פלעגן געוועגלעך אָפּשטעלן יעדע אַנ־דערע באַוועגונג אין הויף. אין די חדרים זענען נישט געבליבן קיין יינגלעך צום לערנען. דער שמוקלער האָט נישט געקאָנט דרייען זיינע שנירן. די איבעריקע בעלי־מלאכות האָבן געלאָזט שטיין זייער ארבעט. און אין די פּערטל אָדער האַלבע שעהן איז דער הויף פאַרוואַנדלט געוואָרן אין עפּעס נישט טעגלעכעס, נישט געוועגלעכס. מיט ליבשאַפט פלעגט מען ארויס־באַגלייטן אַט די יידישע, אָבער אויסטערלישע, עפּעס פרעמדלעכע ציגייַ־נער קונצנמאכערס, ווען מען א סך יינגלעך זענען נאָך נאָכגעלאָפן, כדי צו זען זייערע קונצן אין א צווייטן הויף.

כ'וואָלט זיך באמת נישט געקאָנט געזעגענען מיטן הויף אויף טוואַר־דע נומער 16, ווען כ'זאָל נישט דערציילן וועגן מרימען. די וועלכע האָט דעם אזוי אימפּעטפולן און קלאַנגפולן הויף צוגעגעבן אזא מאָדנע חשי־בות און געפיל פון ראָמאַנטישקייט. א באַגריף וואָס איז דעמאָלט געוועזן פרעמד, אָבער וואָס האָט אויסגעפילט א שטיק לעבן.

מרים איז געווען א דינסטמיידל. געקומען ערגעץ פון דער פּראָווינץ. זי האָט געדינט ביי רייכע קרובים, ביים וואַרעט (ווירט) פונעם הויף, א חסידישער ייד, וועלכן מ'האָט קיינמאָל נישט געזען. אָבער זי איז געווען דער צירונג פונעם הויף. יונג, שלאַנק, מיט אַן אויסזען פון א מזרחדיקער בת מלכה. א טונקל־קלאָר, זעלטן פיין געפאָרמט פּנים, צוויי קויליקע אויגן, רויטע געטאָקטע ליפּן, פון וועלכע עס האָבן זיך, ווען זי האָט געשמייכלט, ארויסגעזוזן ווייסע פּערלדיקע ציין. און געשמייכלט האָט זי אָפּט. ווען זי האָט זיך באַוויזן פון דער אָפיצינע, וווּ דער ווירט האָט געוווינט, אין איר

שפיגל ריינעם קליידל, מיטן טיכל איבער די אקסלען און מיטן קאַשיק צום איינקויפן אין די הענט, האָט זיך איבערן הויף דורכגעטראָגן עפּעס ווי א פּריש, מחיהדיק ווינטל. יעדער איינער, סיי אין הויף און סיי דורך די פענסטער, האָט איר מיט פריידן אנטקעגנגעטראָגן דעם „גוט מאָרגן, מרימל״. און מרים האָט א שמייכלענדיקע, א שיינענדיקע אָפּגעענטפערט דעם גוט מאָרגן, און פון צייט צו צייט זיך נאָך אָפּגעשטעלט א רעד צו טון מיט וועמען עטלעכע ווערטער, אָדער זיך נאָכפרעגן וועגן אימיצן אין דער משפחה.

פאר אונדז, חדר־בחורים, וואָס האָבן נאָר געקאָנט קוקן אויף איר פון דערווייטנס, איז מרים געווען די לעבעדיקע פאַרקערפּערונג פון א מרים הנביאה אָדער א שולמית.

קיין סך האָט מען אין הויף וועגן מרימען נישט געוווּסט. דעם ווירטס שטוב איז געווען ארומגערינגלט מיט דער סודותדיקייט און אָפּגעזונדערט־קייט פון גבירישע הייזער. אָבער איין זאַך איז געווען אן אָפענער סוד פאַרן גאנצן הויף: מרים האָט „געשפּילט א ליבע״ און איז געווען כמעט א כלה פאר איינעם פון די קאַמאַשן־מאַכער־יונגען, וואָס האָט געארבעט אין זעלבן הויף, אויפן צווייטן שטאָק, אין דער קאַמאַשן־מאַכעריי, פון וועלכע ס׳האָט זיך דורך די אָפענע פענסטער תמיד געטראָגן א געזאַנג צוזאמען מיטן גערויש פון די שטעפּ־מאַשינען. און מען מוז זאָגן, אז צו־זאמען מיט דער שטילער קנאה, וואָס מען האָט געפילט, מרים זאָל זיין די כלה זיינע, האָט מען אויך געפילט פונקט אזא שטילע צופרידנקייט. ווייל דער יונג איז געווען פונקט אזוי שיין און זיך אויפגעפירט פונקט אזוי לייטיש און בנימוסדיק ווי מרים. ער איז געווען הויך און שלאַנק. אויך טונקל פנימדיק, מיט א קאָפּ געדיכטע שווארצע האָר, שווארצע ברעמען, פון וועלכע ס׳האָבן אפּוירגעקוקט א פּאָר גוטע שווארצע אויגן. ראַזירט, נאָר מיט א פּאָר קליינע וואָנצעלעך. און ס׳פלעגט גלעטן דאָס הארץ אין די פאַרנאַכטן, באַלד נאָך דער ארבעט, אים צו זען שטיין מיט די לאַקירטע שטיוועלעך און דעם היטל מיטן גלאַנציקן דאַשיק, רויכערנדיק א פּאַפּי־ראָסל, און וואַרטנדיק ביים „צווייטן הויף״, אז מרים זאָל אַראָפּקומען. אלע אין הויף האָבן זיך געמאַכט נישט זעענדיק כלומרשט, אפילו ווען מרים איז שוין אַראָפּגעקומען, און רואיק און באַזאַכט זענען זיי ביידע

געשטאנען און שטיל צווישן זיך גערעדט. ס'איז געווען עפּעס אזא שטומע געטריישאפט און ווארעמע צוגעבונדנקייט אין די צוויי יונגע מענטשן, וואָס האָבן אין די האלב טונקעלע זומער פארנאכטן זיך אויסגערעדט די הערצער און אפשר געחלומט חלומות. דער הויף האָט „מסכים געווען", און זיך אינערלעך געקוויקט מיט זייער ליבשאפט, אפשר ווייל מ'האָט אין זיי דערפילט די אלע אויסגעבענקטע חלומות, מיט וועלכע יעדער האָט זיך, אויף זיין אופן, ארומגעטראָגן אין הארצן.

פאר מיר האָבן זיי נישט איינמאָל אויפגעלעבט די ליבשאפט פון א שלמה און שולמית, פון א דוד און בת שבע, פון אַן עמנון און תמר, באַטש אָן דעם גליענדיקן פייער און צינדנדיקער זינדיקייט. און לאנגע יאָרן שפּעטער פלעג איך נאָך טראכטן: וואָס איז געוואָרן פון אָט די צוויי אפשר שענסטע פארליבטע, וואָס איך האָב אמאָל געזען, און וואָס האָבן צוגעגעבן אזוי פיל צניעותדיקע שיינקייט דעם הויף אויף טווארדע נומער 16.

יאַנאַשעס הויף

כ׳וויל איצט דערציילן וועגן נאָך אן אייגנאַרטיקן יידישן הויף אין וואַרשע. יאַנאַשעס הויף אויף קראָכמאַלנע גאַס.

אייגנטלעך איז עס נישט געווען קיין הויף אינעם אָנגענומענעם זין, מיט שכנים און זייערע קינדער, מיט איינגעפונדעוועטע היימען און משפחות. ס׳איז אָבער געווען א הויף, פון וועלכן הונדערטער יידן האָבן געצויגן פרנסה, און וועלכן זיי האָבן אָנגעפולט מיט היים, טומלדיק, פיל־פאַרביק יידיש לעבן, יידישן האַנדל. יאַנאַשעס הויף איז געווען א באַ־רימטער מאַרק, איינגעמויערט צווישן ווענט און אויסברוקירט מיט אַס־פאַלט. אין דער אמתן זענען עס געווען עטלעכע הייף מיט פאַרשידענע מויערן, וואָס זענען ארויס סיי אויף דער קראָכמאַלנע און סיי אויף דער גנאָינע, געדיכט באַוווינטע יידישע גאַסן.

ביז היינט איז מיר נאָך פאַרבליבן דער איינדרוק פון יאַנאַשעס הויף ווי פון א געדיכט ראָיענדיקן, מיט ארבעט און טעטיקייט אָנגעפולטן בינ־שטאָק. אָדער ווי פון א קאָלירט גלאַנציקן, מיט זון באַגאָסענעם, לעבע־דיקן מאָזאאיק. דאָס האָבן געגלאַנצט קעגן דער זון מיט זייער בלוט רויט־קייט די פריש געשונדענע זייטלעך פלייש, וועלכע זענען געווען אויסגע־האָנגען ארום די אָפענע קצבישע געוועלבער מיט די ווייסע ווענט און פאַרבלוטיקטע יאַטקע־קלעצער. דאָס האָבן זיך געשפיגלט קעגן דעם בלויען הימל די אָפענע אָפּגעדעקטע זעק מיט ווייסן מעל, געל הירזשענע קאַשעס און ברוינע בעבלעך. דאָס האָבן געשיינט מיט זייער קאָלירפולקייט די אויסגעשטעלטע קאַסטנס מיט גאָלדענע מאָרעלן, רויטע עפל, געלע וויינ־פּערלעך און גרינע אגרעסן. דאָס האָבן געלויכטן די גרויסע ברייטע באַ־ליעס מיט די ארומשווימענדיקע זילבערנע לעבעדיקע פיש. ס׳האָבן גע־

ווייעט ווי פענער די אויסגעהאנגענע וו ייבערישע קאָלירטע פּאַרטעכער, מענערישע העמדער, קינדערישע אונטערהייזלעך, און נאָך און נאָך, וואָס א מויל קאָן נאָר אויסרעדן.

אין דער גאַנצער סימפאָניע פון קולות און דינגערייען האָבן זיך ווי מוזיקאַלישע סאָלאָס אויסגעטיילט די באַזונדערע אויסרופן, מיט וועלכע איינצלנע כוואַטסקע פאַרקויפערס האָבן געצויגן צו זייערע קליינע שטעטעלעך: „א כמאל פאר א צווייער! א כמאל פאר א צווייער!" „אָן עס און א טרונק פאר א צווייער! אָן עס און א טרונק פאר א צווייער!" דאָס האָבן די אַרבוז־הענדלער געריטמט זייערע צעשניטענע זאַפטיק־רויטע פּעניצן, וואָס זענען געווען אי אָן עס אי א טרונק, און דערצו נאָך א ווילדע מציאה — א גאַנצער „כמאל", א גרויס שטיק, פאר צוויי גראָשן. אָדער — „הייסע באָבעס, באָבעס הייסע, אַרבעס!" אָדער — „פרישע בייגל, בייגל פרישע, קנאַקעדיקע!". אַנדערע האָבן גאָר גערופן צו „הייסע קישקעלעך, פעטע, שמאַלציקע!".

און לאַנג וואַרטן אויף קונים האָט מען נישט באַדאַרפט. דער האַנדל ביי די קליינע עס־שטעלעכלעך איז נישט איבערגעריסן געוואָרן אויף קיין איין מינוט. יידן און יידענעס האָבן נישט נאָר געהאַנדלט און איינגעקויפט ביי די גרעסערע געשעפטן פון היים און שטוב נויטיקייטן, מ'האָט אויך נישט פאַרגעסן אויפן אָרט זיך אונטערצושפּאַרן דאָס האַרץ מיט די אויסגערופענע קוויקנדיקע נאַשערייען און פאַרטרונקען מיט א געשמאַקן טרונק ביי די יידן און ייִנגלעך מיט די אייז־וואַסער אָנגעפילטע גאַנשערס ביי דער זייט, אָדער די ספּעציעלע גלעזערנע פעסלעך מיט באַניקלטע קראַנען, דורך וועלכע זיי האָבן געצאַפּט אין גלעזער אריין די שטאַרק באַזונגענע „לעמאָניאַדאַ! לעמאָניאַדאַ!".

אָבער נישט נאָר מיט איבערכאַפּן א בלויזן בים שטייענדיקערהייט האָט מען זיך באַנוגנט. מ'האָט זיך אויך פאַרגינען אָפּצועסן אַן אמתדיקן אָנבייסן אָדער א געשמאַקן מיטאָג אין דער רעסטאָראַציע, וואָס מיין מאַמע רחלע ע"ה האָט דאָרט געהאַלטן. ס'איז געווען אַן אָרט פון חיונה און פּרנסה.

כאָטש מודה זיין מוז מען, אז דאָס איבערקומען צו האַלטן א נעשעפט אין יאַנאַשעס הויף, נאָכדעם ווי מען איז געווען אזוי שיין איינ־

געפונדעװעט אין „שמחה יאָסלס" רעסטאָראַציע אין דעם בכבודדיקן געגנט פון טװאַרדע צװײ, האָט פאַר דער מאַמען געמײנט אַ שטאַרקע ירידה. אַ גרױסער אַראָפּפאַל, פון װעלכן סײ זי און סײ מיר, די קינדער, האָבן אַ סך געליטן. װײַל נישט מיטן גוטן װילן האָט די מאַמע אױפגעגעבן די פריערדיקע שײנע פּרנסה. װי מאָדנע ס'זאָל אָבער נישט קלינגען, איז עס פאָרט דער אמת — זי, די מאַמע, איז געװען אַ קרבן פון דער װאַרשעװער אונטערװעלט. פון די אַזױ גערופענע „װוילע יונגען", די גנבים און מעסער שטעכערס. צוליב זײ האָט זי אין אַ שײנעם טאָג איבערגעלאָזט דאָס געשעפט אויף טװאַרדע גאַס און איז אַװעק „װוּ די אויגן האָבן געטראָגן". כ'מײן, ס'איז כדאי װעגן דעם צו דערצײלן, און צוליב דעם װיל איך זיך צוריק אומקערן צו שמחה יאָסלס רעסטאָראַציע.

נאָכדעם װי צוליב איר שװערער מי און אָרנטלעכער פירונג האָט זיך דער מאַמען אײַנגעגעבן צו האָבן פײַנע, באַלעבאַטישע געסט, װאָס האָבן זיך געפילט הײמיש און באַקװעם בײַ זײערע שטענדיקע מאָלצײַטן אויף טװאַרדע נומער צװײ, איז אונדזער געשעפט מיטאַמאָל איבערגענומען געװאָרן דורך אַ גאַנצער באַנדע װוילע יונגען, װאָס האָבן זיך דאָרט צעלײגט װי בײַ זיך אין דער הײם. אָפּגעהאַלטן דאָרטן זײערע הוליאַנקעס, אײַנגעריכט דאָרט זײערע „דין תורהס" און אָפּן אָנגעפירט זײערע טונקעלע געשעפטן. װי אַזױ דער איבערבײַט איז געשען, האָט קײנער נישט געקאָנט זאָגן.

אין אַ געװיסן טאָג האָט זיך צװישן אונדזערע הײמישע, באַלעבאַטישע געסט אומבאַמערקטערהײט באַװיזן אײנער פון די „חברה לײַט", מיט אַ שאַרף געגאָלטן פּנים, גנבישע אויגן און היטל מיטן לעדערנעם דאַשיק. ער איז אַרײַנגעקומען עפּעס זײַטיק, נישט דרײסט. זיך אַװעקגעזעצט, זיך געהײםן געבן עסן. אָפּגעגעסן, זיך אַרומגעקוקט, און פּונקט אַזױ נישט דרײסט אַװעקגעגאַנגען. אָבער ס'איז אים הפּנים געװען געפעלן, װײַל אויף צומאָרגנס איז ער שױן צוריקגעקומען און מיט זיך מיטגעבראַכט נאָך צװײ װוילע יונגען, חברים זײַנע. דאָס מאָל איז ער שױן געװען גאָר דרײסט, און זיך שױן געפירט װי אַ שטאָם גאַסט. און פּונקט אַזױ דרײסט זענען שױן געװען זײַנע מיטגעבראַכטע חברים. זײ האָבן זיך געהאַלטן פרײַ און חוצפּהדיק. גערעדט הױך אויפן קול זײער גנבים

שפּראך, געלאכט, און זיך אפילו נישט אומגעקוקט, צי אחוץ זיי זענען דאָ נאָך געסט.

דאָס האָט אויף אַלעמען געמאכט א שרעקלעכן איינדרוק. די מאמע האָט זיך דערשראָקן. צו זאָגן עפּעס האָט זי מורא געהאט. מ'האָט געוווּסט, אז ס'איז א סכנה זיך צו פאַרטשעפּען מיט אָט די לייט. און הפּנים, אז אויך די פריש געקומענע איז דאָס נייע אָרט געפעלן. זיי זענען אוועק זייער צופרידענע, און צומאָרגנס צוריקגעקומען מיט א גאנצער „קאַלעיקע". זיי האָבן פאַרנומען די הויפּט־טישן, געשאַפן זיך ווי אין שוין אַן אַלטער באַקאַנטער „קנייפּיע". געשריגן, געלאַכט, געלאַרעמט. די שטענדיקע געסט אונדזערע האָבן זייערע ערטער געפונען פאַרפלייצט דורך אַזעלכע פאַר־שוינען, מיט וועמען זיי האָבן זיך געשראָקן און געשעמט צו זיין אין איין שטוב, און זיי האָבן זיך שטילערהייט ארויסגערוקט, שוין קיינמאָל נישט אומצוקערן זיך.

און אזוי מיט יעדן טאָג ווייטער האָט זיך געמערט די צאָל פון די נייע פאַרשוינען, די אונטערוועלט מענטשן, און פאַרקלענערט די צאָל פון אונדזערע אַלטע געטרייע און צוגעבונדענע געסט. ביז גאָר אין א קורצער צייט האָט זיך דאָס בּנים פון אונדזער היים לחלוטין איבערגעביטן. פון דער שטילער באַלעבאַטישער היימישקייט איז געוואָרן א הפקרדיקע, שריי־ענדיקע און אוואַנטוריסטישע שענק. דער איבערגאַנג איז געווען אזא שאַרפער און אומדערוואַרטער, אז די מאמע האָט נישט אָנגעהויבן צו וויסן וואָס פאַר אן „עצה־ראָט" גיט מען זיך אין דעם אומגליק.

און כ'מוז מודה זיין מיינע זינד. ווי שטאַרק מיר האָט נישט ווי געטון דאָס האַרץ פאַר אונדזער היים־געשעפט; ווי שטאַרק כ'האָב נישט מיטגעליטן מיטן צער פון דער מאַמען, איז אָבער געווען עפּעס אין דעם איבערבייט, וואָס האָט מיך שטילערהייט שטאַרק אינטריגירט. איך בין, קען מיין ווילן, אויף א מאָדנעם אופן געווען פאַרכאַפּט פון די נייע געסט, פון זייערע משונהדיקע פירונגען, הילכיקע געשפּרעכן און אוואַנטוריס־טישע צאַנקערייען. ס'זענען געווען עפּעס מאָדנע פייערלעך אין זייערע גנבהשע אויגן. מאָדנע אויסדריקן אין זייערע עזותדיקע פּנימער, און מאָדנע קלינגענדיקע טענער אין זייערע חוצפּהדיקע געלעכטערס. ס'איז געווען עפּעס אזוי פיל אָנציענדיקס אין זייער איבערגעטריבענער געטריישאַפט איי־

נער צום צווייטן, אָדער אין זייער שטעכעלירן זיך, און אין זייער נישט פאַרגינערישקייט איינער צום אנדערן.

ס'זענען געווען צווישן זיי וויכטיקע „העכט", גרויסע קאָמבינאַטאָרן, געוואגטע מעסער־שטעכערס, ריזיקאַלישע קאַסע־ברעכערס. און ס'זענען אויך געווען די קלענערע, אומוויכטיקע פּרעטענזיע־נעמערס, פּשוטע מאַרעווויכערס, קעשענע גנבים, אָדער אזעלכע, וואָס האָבן זיך ספּעציאַליזירט אין אָפן, פאַר אלעמען אין די אויגן, ארונטערגנבענען קאַסטנס מיט סחורה פון פאַרבייפאָרנדיקע וועגענער. פלעגט פאָרן אויף דער גאַס א פּלאַטפאָרמע (אן אָפענער טראָק), אָנגעשטעלט מיט קאַסטנס אָדער פּעק מיט סחורה. פלעגט זיך אזא איינער פלינק ארויפכאַפּן פון הינטן. אויף א קונציקן אופן ארויסקריגן איין אָדער צוויי קאַסטנס פון צווישן די איבעריקע. געשיקטערהייט זיי אראָפּלאָזן פון לויפנדיקן וואָגן אויף דער ערד אראָפּ. אליין פלינק ארונטערשפּרינגען, און די קאַסטנס ארויפשליידערן אויף א דראָשקע, וואָס איז ספּעציעל נאָכגעפאָרן. דאָס פלעגט געשען פאַר די אויגן פון די הונדערטער פאַרבייגייער, וואָס האָבן אָנגעפילט די טראָטוארן, און זיך אפילו נייגעריק צוגעקוקט צו דעם קונציקן שטיקל ארבעט, וואָס איז אָפּגעטון געוואָרן אין מיטן העלן טאָג. אָנרופן זיך מיט א וואָרט אָדער זיך חלילה ארייננמישן האָט קיינער נישט געוואגט. מ'איז נישט געווען זיכער מיטן לעבן. אפילו דער „סטאָיקאָווע", דער פּאָליציאַנט אויפן ראָג גאַס, פלעגט אוועקדרייען דעם קאָפּ, אז ער זעט קיין זאך נישט. און מיט אפילו א מין באוווּנדערונג האָט מען נאָכגעקוקט דעם חברה־מאַן אויף דער דראָשקע מיט די געגנבעטע קאַסטנס סחורה, ווי ער איז זיך אוועקגעפאָרן שמייכלענדיק שטאָלץ אויף זיין באַוויזענעם קונץ שטיק, ווי אן אָקסן־פּעכטער נאָכדעם ווי ער האָט פאַר טויזנטער צוקוקער אין די אויגן קונציק דערשטאָכן א ווילדן אָקס.

יאָ, ס'איז געווען עפּעס קאָלירפול „פּראָפעסיאָנעלעס" אין אָט דער חברה אונטערוועלט מענטשן, אָט די ווילע יונגען מיט זייערע קליינטשיקע וואָנסעלעך, לענגערע זייטן־„באַטשקעלעך" און פאַררוקטע היטעלעך מיט די שמאָלע דענקעס און גלאַנציקע דאשיקלעך. און ווי אין אלע פּראָפעסיעס זענען אויך ביי זיי געווען „שטערנס", וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער באזונדערער קאָליר־רייכקייט, שטוינענדיקער ריזי־

קאַלישקייט, און אויך מיט אַ נישט געוועלנלעכן צוציענדיקן חן. נישט איין ציטערדיקע שעה האָב איך פאַרבראַכט שטילערהייט זיך צו זיי צוצוקוקן.

אַזוי, געדענק איך, איז אַזאַ איינער געווען דער באַרימטער „שי־מעלע בלאַכאַזש", וואָס איז געווען די שרעק, די מורא און באַוווּנדערונג פון די יידישע גאַסן אין וואַרשע. דאָס איז געווען אַ נישט צו הויכער, פעסט געבויטער יונג אין די צוואַנציקער יאָרן, אָנגעטון אין אַ נישט צו קורץ רעקל, די הויזן אין די לאַקירטע הויכע שטיוול, און דעם געווענ־לעכן היטל מיטן לאַקירטן דאַשיק. ס'האָט געשפּראָצט פון אים מיט גבורה, אומרו, אוואַנטורע און איינשטעלעניש. זיינע הענט זענען געווען קוועק־זילבערדיקע. תמיד האָבן זיי עפּעס אָנגעכאַפּט און צוזאַמענגעדריקט. אַי־מיצנס אַ האַנט, אַ האַלדז, אַ לאַץ. אַ פלאַש וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש. אַ ווענטל פון אַ בענקל. און דערביי פלעגט ער איינגראָבן די אויי־בערשטע ציינער אין דער אונטערשטער ליפּ. שטענדיק גרייט עפּעס צו רייסן, עפּעס צו וואַרפן, אָדער גלאַט דערלאַנגען אַ פליק, אַז פונקען זאָלן פליען.

אָבער דאָס מערקווירדיקסטע זענען געווען זיינע אויגן. עזותדיקע, פרייליכע, לאַכנדיקע, וואָס האָבן שטענדיק געזאָגט: „טועון וועל איך דיר נישט, נאָר מורא זאָלסטו פאַר מיר האָבן"... און מ'האָט מורא געהאַט פאַר אים. נאָך ווי אַזוי מורא געהאַט. נישט נאָר זייטיקע, „וויטישע" מענטשן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעטראָגן פאַר אים אַזוי גיך ווי מ'האָט אים נאָר באַגעגנט, און וועמען ער האָט אַגב זעלטן ווען געטשעפּעט. אמת מורא געהאַט פאַר אים האָבן טאַקע זיינע „פּשיאַטשעלעס", זיינע אייגענע חברים. אַזוי איז שימעלע בלאַכאַזש געווען אַ גוטער יונג. אָבער די קלענ־סטע סיבה האָט פון אים געמאַכט אַ ביטערן חברה מאַן, ביי וועמען ס'איז געווען די גרינגסטע זאַך „אויפצופּעצן" זיין קעגנער דעם בויך און אים לאָזן ליגן מיט אַרויסגעלאָזטע קישקעס. אויסערלעך האָבן חברה זיך אָנ־געשטרענגט אים נישט אַרויסצוווייזן קיין מורא. מ'האָט זיך פּרובירט וויצלען מיט אים און אים אפילו יאַדען. אָבער דאָס נאָר אַזוי לאַנג ווי זיינע אויגן האָבן געלאַכט. האָבן זיי זיך אָבער אָנגעהויבן צו פאַרציען מיט דעם בייזן פייערל, איז אַלעמען קאַלט געוואָרן אונטער די הערצער, און מ'האָט זיך אָנגעהויבן אָפּצורוקן...

שימעלעס „מורא זאָלסטו פאר מיר האָבן" פלעגט זיך צייטנווייז אויסדריקן, ווען ער איז אין די שטילערע שעהן אריינגעקומען און גע־טראָפן אימיצן פון זיינע ליט שלאָפן א זיצנדיקן אויף א שטול, מיט איין האנט אונטערגעשפארט דעם פארוואָרפענעם קאָפּ, און בלאָזנדיק מיטן אָפענעם מויל. שימעלע האָט זיך שטיפעריש געגעבן שטילערהייט א לאָז צו צום שלאָפנדיקן. זיין ערשטע אימפעטיקע באוועגונג איז געווען ווי ער וואָלט זיך געלאָזט יענעם איבערשניידן דעם אויסגעשטרעקטן האלדז. אָבער ווי א פלינקע קאַץ האָט ער מיטאמאָל איינגעהאַמעוועט זיין אימפּעט, און ביי יענעם בלויז לייכט ארונטערגענומען די צעשפּרייט הענגענדיקע גאָל־דענע קייט מיטן זייגער. א טריאומפירנדיקער וואָס דער שלאָפנדיקער האָט זיך נישט אויפגעכאַפּט, איז ער אוועקגעגאַנגען, כדי שפּעטער, ביים צווייטן צוזאמענטרעף, דעם געליטענעם אומצוקערן זיין שאָדן, ווינקענדיק דערביי מיט די עזותדיקע אויגן, און איינבייסנדיק די אויבערשטע ציין אין דער אונטערשטער ליפּ.

שימעלע בלאַכאַזש איז געווען א ריזיקאַנט. ער האָט נישט מורא געהאַט זיך צו שלאָגן איינער אליין מיט צוואַנציק מענטשן. און ווען ער האָט נישט געהאַט קיין מעסער, איז געווען גוט א צעבראָכענע פלאַש, א פוס פון אן איבערגעקערטן טיש. כ'האָב אים איינמאָל אין א פארצוויי־פלטן מאָמענט בשעת א געשלעג. געזען פלינק אריינלויפן אין א געוועלב, כאַפּן א צען־פונטיק אייזערן געוויכט, און דערמיט צוריקלויפן זיך שלאָגן מיט א באנדע גויים, וואָס האָבן אים געהאַט באליידיקט. שימעלע האָט נישט מורא געהאַט פארן רוח. אחוץ פאר איין איינציקן מענטשן — פאר דער קליינטשיקער מאַמען זיינער. פאר דער אויסגעהאָרעוועטער, פון דער זון אָפּגעברענטער „מלכהלע די פּשעקופּקע", וואָס האָט געהאַלטן א שטע־לעכל אין קענגאיבערדיקן מאַרק אין „אולריכס הויף". פלעגט ער דערהערן איר קול, איז ער א דערציטערטער געוואָרן ווי א קליין איבערגעשראָקן יינגל. און אָדער ער פלעגט אנטלויפן דורך דער אנדערער טיר, אָדער ווען ס'איז שוין געווען צו שפּעט, פלעגט ער זיך באַהאַלטן ערגעץ ווו נישט איז. און די קליינטשיקע פּשעקופּקע פלעגט זיך אריינלאָזן מיט א לאַרעם: „ווו איז ער, דער בענקאַרט מיינער?! די שליפּיעס וועל איך אים ארויס־רייסן. די קישקעס וועל איך אים ארויסלאָזן. אז אויסגערונען האָט ער

געזאָלט װערן אין דער מאַמעס בױך!"... שימעלע פלעגט באַהאַלטענערהײט ציטערן. װײַל טאָמער האָט זי אים פּאַרט דערטאַפּט, האָט זי זיך נישט אָפּגעשטעלט אפילו אים גוט אָנצופּאַטשן, ביז ער האָט זיך קױם אָפּגעראַטעװעט פון אירע הענט און זיך אָפּגעטראָגן. לאַכן פון אַזאַ סצענע האָבן אפילו שימעלעס „פּזשיאַטשעלעס" זיך נישט פאַרגינען. מ'האָט נישט געװוּסט װוּ אַהינצוטון די אױגן, כדי נישט אַרױסצורופן אױף זיך שימעלעס שפּעטערדיקע נקמה.

אַזעלכע סצענעס צװישן מאַמע און זון האָבן זיך אָפּגעשפּילט, נישט נאָר װען זי האָט געהאַט עפּעס אַ באַשטימטע סיבה אױף אים צו װערן אין כעס. דאָס האָט געקאָנט טרעפן אױך אפילו, װען ס'האָט זיך איר פאַרבענקט צו האָבן אַביסל נחת פון איר באַרימטן זון. װײַל ס'איז טאַקע געװען אַ נחת צו זײַן „שימעלע בלאַכאַזשעס" מאַמע, די אײנציקע װאָס האָט פאַר אים נישט מורא און קאָן אים אָנפּאַטשן אומבאַשטראָפט. ס'איז געװען באמת מיט װאָס זיך גרױס צו האַלטן קעגן די איבעריקע פּשעקופּקעס, מיט װעלכע מען איז געזעסן צוזאַמען אין מאַרק. זאָלן זײ נישט מײנען, אַז זי איז זײערס גלײַכן...

און שימעלע האָט ליב געהאַט דאָס קלײנע מאַמעלע מיט אַ מאָדנער, צאַרטער ליבע. אָנשטאָט װאָס די אַנדערע װילדע יונגען האָבן באַנוצט זײער באַליבטע שבועה „מײַן מאַמע זאָמיר אַזױ לעבן", האָט שימעלע מיט כמעט פּיעטעט געפלעגט צו שװערן: „מײַן מלכהלע זאָל מיר אַזױ לעבן"... נישט װײניקער האָט די זון־פאַרברענטע מאַרקזיצערקע ליב געהאַט איר גרױסן זון. און אמת מאַמעשע הײסע טרערן האָט זי זיכער פאַרגאָסן אַ פּאָר יאָר שפּעטער, װען איר שימעלע איז געפאַלן דורכן זעלבן טױט, װעלכן ער פלעגט נישט אײנמאָל אױסטײלן אַנדערע — אַ ײנגערער, פלינקערער חברהמאַן האָט אים געלאָזט ליגן מיט אַן אױפגעשניטענעם בױך בשעת אַ געשלעג אין אַ שענק ערגעץ אין „יענע גאַסן".

שימעלע בלאַכאַזש איז טאַקע געװען אײנער פון די קאָליר־פולסטע פיגורן צװישן די װילדע יונגען אין אונדזער רעסטאָראַציע, אָבער ער איז נישט געװען דער פירער. דער „ראש" פון דער חברה איז געװען װעװעװעװע, אָדער װעװוטשע, װי מ'האָט אים צײטנװײַז גערופן, איז געװען דער היפּך פון שימעלען. ער איז געװען אַ שטילער, אַן אײדעלער און באַהער־

שטער. מיט א שיין בלאַסלעך פּנים. איך געדענק כמעט נישט, איך זאָל אים ווען עס איז האָבן געהערט רעדן. ער פלעגט זיך אויך נישט ווייזן אַזוי אָפט ווי די אנדערע. ער איז נאָר געקומען צו וויכטיקע געלעגנהייטן. און דעמאָלט אפילו איז ער געזעסן, אָדער געשטאנען מיטביידע הענט אין די קעשענעס פון זיין ציכטיקן קאָסטיום, און בלויז זיך צוגעקוקט און זיך צוגעהערט מיט זיינע קלוגע, ווארעמע אויגן.

ווענן ווענן ווענן האָט מען קיין סך נישט געוווּסט, און דאָס געוווּסטע האָט מען זיך געהיטן צו דערציילן. דאָס ביסל וואָס איז אויסגערונען, איז נאָר געווען, אז ער איז א זון פון א זייער רייכער, יידיש־אַריסטאָקראַטי־שער פאַמיליע. אז אויף אים האָט געוואַרט א גרויס פאַרמעגן, אָבער ער האָט אַלץ איבערגעלאָזט, אנטלאָפן פון זיין רייכער היים, און זיך אוועק־געלאָזט אין דער אונטערוועלט, ווּ ער איז צוליב זיין טאַקט, קלוגשאַפט און אייזערנעם כאַראַקטער, געוואָרן דער אָנפירער און אָרגאַניזירער. וועווע־טשעס וואָרט, אפילו זיין קוק איז געווען געזעץ, וואָס קיינער פון דער חברה האָט נישט געוואַגט ווידערצושפּרעכן.

ס'ווייזט אויס, אז וועווע האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון זיין פּאָ־זיציע. דאָס זעלבסטבאַוווּסטזיין פון זיין מאַכט האָט געשטראַלט פון זיין גאַנצער האַלטונג, אפילו דעמאָלט ווען ער איז געזעסן און רואיק געגעסן אָדער געטרונקען מיט די וויכטיקערע פון דער חברה, בשעת די קלענערע האָבן זיך געהאַלטן דרך ארץ־דיק ארום די זייטיקע טישלעך. מיט מיינע פערצן יאָר, מיט מיין גאַנצן ענטוזיאַזם פאַר באַוווּנדערטע העלדן, פלעג איך א פאַרגאַפטער שטיין אין א ווינקל ביי דער טיר פון צווייטן צימער, און מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם זיך איינקוקן אין וועוועס מאַט־אַריסטאָקראַ־טישן פּנים, מיט די ווארעמע באַהערשנדיקע אויגן, אויף זיינע צאַרטע, מילדע הענט, מיט וועלכע ער האָט אַזוי „אַנדערש" געהאַלטן דעם לעפל אָדער גאָפּל, און אויף זיין גאַנצער שלאַנקער פיגור, וואָס האָט ארויסגע־רופן פאָלגזאַמקייט און רעספּעקט. ער האָט אויסגעמידן, אָדער אפשר איז אים גאָרנישט איינגעפאַלן זיך אפילו אומצוקוקן אויף דעם קליינעם יינגל מיט דער לאַנגער קאַפּאָטע און געקרייזלטע פּאהלעך, וואָס וואָלט אפשר געשטאָרבן, ווען ער באַגעגנט זיך מיט זיין בליק...

וועווע פלעגט קיינמאָל נישט קומען אליין. אחוץ זיין לייב־סוויטע,

פלעגט ער שטענדיק זיין באגלייט פון זיין נאָענטסטן מיטהעלפער און עצה געבער „רפאל דער דיין", אָדער רב רפאל, ווי מיר, די זייטיקע, האָבן אים מיט דרך ארץ גערופן. רב רפאל איז געווען דער „מארך" פון דער חברה. דער „מאָראל" אָפּהיטער און געזעצגעבער. ער האָט ארויסגעגעבן דעם לעצטן פּסק אין יעדער „דין תורה" צווישן די אייגענע חברהלייט. ער האָט ארויסגעגעבן יעדן משפט וועגן דעם וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט צווישן ערלעכע גנבים. און ווי וואָלט געווען יענעם פון דער אונ־טערוועלט, פון די גרויסע ביז די קליינע, ווער עס וואָלט געווען זיך נישט אונטערגעוואָרפן אונטער רב רפאלס אן אורטייל.

געווען איז רב רפאל א ייד א גבר, אין די זעכציקער, מיט א שיינער רונדער שווארץ־גרויער באָרד. מיט שארפע קישעלעך אונטער די שטרענגע גראָע אויגן. געטראָגן האָט ער א קורצע מארינארקע מיט א קליין טוכן היטעלע, די הויזן אריינגעשטעקט אין די הויכע שטיוול. אָנגעשפּארט תמיד אָן א דיקן שטעקן, וואָס האָט אים געגעבן חשיבות און אויטאָריטעט. גערעדט האָט ער אויף א טיפער באס־שטימע. זיינע ווערטער זענען געווען געציילטע, געמאָסטענע און באטראכטע. און ווען ער האָט גערעדט, האָבן אים אלע, איבערהויפּט וועווע, געקוקט אין מויל אריין, גרייט איינצו־שלינגען יעדעס וואָרט. אָבער רב רפאל האָט דערפאר וועווען אָפּגעצאָלט מיט דער פולער מאָס אויפמערקזאמקייט און ליבשאפט. ער האָט אָפן ארויסגעוויזן צו אים זיין צערטלעכקייט ווי צו א געליבטן בן יחיד.

איך האָב רב רפאלן גערן געהאט. אפשר דערפאר וואָס אין די פאלן, ווען ער פלעגט אריינקומען צו אונדז אליין, אָן וועווטשען, פלעגט ער זיך פארגינען מיר צו געבן א ליבלעכן קניפּ אין באק, און מיך אויספרעגן, וואָס פאר א גמרא איך לערן איצט. א טשיקאַווער ייד געווען פאר מיר דער רב רפאל, מיט זיינע שטרענגע אויגן און פאָרט גוטמוטיקן שמייכל זיינעם.

אויב פאר מיר האָבן די נייע געסט אונדזערע פאָרט געהאט א שטארקע צוציאונג, איז עס אָבער בשום אופן נישט געווען אזוי מיט דער מאמען מיינער. זי האָט כסדר באוויינט דעם אונטערגאנג פון איר אזוי שווער אויסגעהאָרעוועטן געשעפט. זי האָט אויף קיין פאל נישט געוואָלט שלום מאכן מיט דער נייער לאגע. זי האָט זיך אמאָל אפילו פּרובירט

אַנטקעגן שטעלן, און שטרענג אויסרעדן איינעם פון דער חברה, וואָס האָט זיך געהאַלטן צו הפקרדיק בנוגע אַן אַנדערן גאַסט, וועלכער איז נאָך פאַרבליבן געטריי און פאַרט נישט געוואָלט אויפהערן קומען אויף זיין באַשטענדיק מיטאָג־פּלאַץ. האָט מען זי דערפאַר אָנגעקלאָגט פאַר אַ „פּרע־טענזיע" און זי גערופן צו אַ „דין תורה" פאַר באַליידיקן אַ „גוטן ברו־דער". אמת, אַז די דין תורה האָט געזאָלט זיין מער שפּאַס ווי ערנסט, ווייל אין דער קורצער צייט האָבן די חברה פאַרט שוין באַוויזן גערן צו האָבן די „גוטע רחלע", ווי זיי האָבן זי גערופן. מ'האָט זי בלויז געוואָלט אָפּשרעקן. אָבער דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט איר ווילן איבערצו־לאָזן אַלץ און אַוועק.

נאָך אַ סך גרעסער פּלעגט זיין דער מאַמעס פאַרצווייפלונג, ווען עס פּלעגט אויסברעכן אַן „אַוואַנטורע" צווישן דער חברה און פרעמדע קריסט־לעכע געסט, וואָס האָבן אין אַ זונטיק זיך אַביסל פאַרגעסן, און זיך גע־נומען טשעפּען. ווייל אין געוואַלדיקע „שוואַכקייט" האָבן אָט די ווילדע יונגען געהאַט — זייער יידישקייט. אַלץ וואָלט אַזאַ איינער נאָך געקאָנט דערליידן פון אַ פרעמדן, פון אַן אָנגעשכורטן קריסט, אָבער זיין בלוט איז אויפגעקאָכט געוואָרן אין דער מינוט, ווען דער פרעמדער האָט פּרו־בירט מאַכן וועלכע ס'איז קרומע באַמערקונג וועגן יידן. און ווי איז דע־מאָלט געווען דעם איינצלנעם, אָדער דער גרופּע, וואָס איז נישט געווען פאַרזיכטיק און האָט זיך עפּעס אַזוינס דערלויבט. אין איין מינוט פלעגט אונדזער גרויסע עס־שטוב פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מין סמבטיון, ווו אַלץ און אַלע זענען געשליידערט געוואָרן אין אַ ווילדן אויסברוך. ס'זענען געפלויגן פלעשער, טעלער, שטולן, טישן. קעפּ זענען געשפּאַלטן געוואָרן. מענטשן זענען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן, אָדער אליין געשפּרונגען דורך די פענסטער. ביז ס'איז אָנגעלאָפן „פּאָליציע", און אויך דאָס „קעטשעל" פון דער גיכער הילף. די שלעגערס זענען צעטריבן און די פאַרוואונדעטע באַנדאַזשירט געוואָרן.

ביי אַזעלכע פאַלן איז די מאַמע אַנטלאָפן, וווּהין די אויגן האָבן זי געטראָגן. אָדער אַרויף צו אונדז אין שטוב אַריין, אָדער צו וועמען פון די שכנים. זי האָט שעהן לאַנג בשום אופן נישט געוואָלט זיך אומקערן אין געשעפט אַריין. די שכנטעס האָבן מיט איר מיטגעוויינט. רב שמחה

יאָסל, דער הויפּט־באַלעבאָס פון דער רעסטאָראַציע און זיין איידעם רב חצקל פּלעגן קומען זי אױנבעטן, זי זאָל זיך באַרואיקן און צוריקגיין. אָבער דערביי האָבן זיי נישט באַהאַלטן זייער באַדויער: ניין, ס'איז נישט פאַר רחלען.

דער לעצטער קלאַפּ אָבער, וועלכער האָט די מאַמען שוין אָן שום איבערקלער געצוווּנגען צו פאַרלאָזן דאָס געשעפט איז געווען, וואָס די חברה לייט האָבן אויף א געווּיסן אופן זיך צוגערירט אויך צו מיר, איר בן יחיד. פאַרגעקומען איז עס אזוי:

צוליב מיין נישט שלעכטן קול נגינה פלעג איך א סך מאָל מעביר זיין די סדרה אויפן קול זיצנדיק ביים אָפענעם פענסטער אין אונדזער חסידים־שטיבל. איך פלעג, צוזאַמען מיט אנדערע יינגלעך, לייענען די פרשה מיטן טראָפּ, אויסזינגענדיק פסוק ביי פסוק. נישט איינמאָל פלעגן זיך מענטשן אין הויף אָפּשטעלן ביים פענסטער און זיך איינהערן צו די יונגע ציקלדיקע קולכלעך, וואָס לייענען די סדרה מיט אזא טעם און געשמאַק. אין הויף איז עס געווען א באַקאַנטע זאַך, אז דער רעסטאָראַ־טאָרקעס זון קאָן לייענען די תורה ווי אַן אמתער בעל קורא. און ס'איז דערפאַר נישט געווען קיין גרויסער חידוש ווען איינמאָל, סוף ווינטער, פורים צייט, האָבן זיך צו מיר צוגעשטעלט צוויי פון אונדזערע געסט, בשעת איך בין געזעסן אליין ביי א טיש און עפּעס געלייענט. זיי האָבן אָנגעהויבן צו רעדן וועגן מיר, האַלב אויפן קול, אביסל סודותדיק:

— ווי מיינסטו, ער וועט קאָנען?

— אוודאי, אלע יידן זאָמיר אזוי לעבן...

און פאַרזיכטיק פרעגט מיך דער ערשטער:

— דו וואָלסט געוואָלט פאַרדינען א מצווה און לייענען די מגילה פאַר יידן און יידענעס?

איך האָב לכתחילה נישט פאַרשטאַנען זייער פאַרלאַנג, אָבער זיי האָבן מיר קלאָר געמאַכט, אז אזוי ווי איך האָב א שיין קול און לייען גוט די תורה, איז א זיכערע זאַך, אז איך קאָן לייענען די מגילה, און ס'וואָלט געווען א גרויסע מצווה, איך זאָל ביי זייערס א „מנין" פאַרלייענען די מגילה. נאָר קיינער טאָר דערפון נישט וויסן. איבערהויפּט זאָל איך נישט אויסזאָגן דער מאַמען.

אינדעראַמתן בין איך געווען נישקשהדיק צעשראָקן, אָבער אין דער איינענער צייט שטאַרק נייגעריק. געלייענט אויף א קול האָב איך שוין געהאַט נישט ביי איין געלעגנהייט, אין שטיבל, געזאָגט די ברכות בשעת מען פֿלעגט מיך אמאָל, פּונקט ווי אַנדערע יונגע בחורימלעך אויפֿרופֿן צו דער תורה. איך פֿלעג אויך אָן צוריקהאַלט מיטזינגען ביים שבתדיקן דאַווענען אָדער ביי זמירות צו שלוש סעודות. אָבער איצט, זיין דער גאַנצער פֿאַרלייענער פֿון דער מגילה, און נאָך דערצו אין א פֿרעמד אָרט... זייערע רייד האָבן פֿונדעסטוועגן געהאַט א ווירקונג אויף מיר, איך האָב זיך געלאָזט איבערדערעדן און בין מסכים געווען.

צו דער באַשטימטער שעה פּורים ביינאַכט האָבן מיך א פּאָר פֿון דער חברה אָפּגעוואַרט און מיט א קלאַפּנדיק האַרץ האָב איך אין דער האַלב־טונקלקייט זיך געלאָזט נאָכגיין נאָך זיי פֿון דער ווייטנס. מ׳האָט מיך אוועקגעפֿירט, אויב איך מאַך נישט קיין טעות, ערגעץ אויף דער קראָכמאַלנע גאַס, מיך אריינגעפֿירט אין א טויער, און דאַן איבער שוואַך באַלויכטענע טרעפּ אריינגעבראַכט אין א ליכטיקער, אויסגעפּוצטער שטוב. ס׳האָבן שוין געוואַרט דאָרט א היפּשע צאָל מענטשן, וואָס זענען געזעסן אין די ווינקעלעך און אויסגעקוקט צו זען, ווען מ׳האָט דאָ געבראַכט. איך בין געווען צופֿיל צעטומלט צו באַטראַכטן ווי די מענטשן האָבן אויסגעזען. איינס נאָר האָב איך באַמערקט, אַז דאָס זענען נישט געווען קיין „יידן״ און „יידענעס״. איך האָב בלויז געפֿילט, ווי נייגעריקע, דאַנקבאַרע אויגן האָבן ארומגעטאַפּט דאָס קליינע ייִנגל מיטן לאַנגן קאַפּאָטקעלע און די קליינע פּאהלעך, וואָס האָבן אַפּויסגעשטעקט פֿון אונטערן יידישן היטל. אין מיטן שטוב איז געשטאַנען א ווייס געדעקט טישל, אויף וועלכן ס׳איז געווען צוגעגרייט א צוזאַמענגעלייגטע מגילה. ס׳האָבן געברענט ליכט. ס׳האָט גענומען א קורצע ווײַלע, ביז איך האָב זיך באַרואיקט און געקאָנט איינהאַלטן מיין האַרץ קלאַפּעניש. עטלעכע פֿון די מענער האָבן מיר לייכט געקלאַפּט אין דער פּלייצע, געגלעט דעם קאָפּ און מיר צוגעגעבן מוט. ביז ענדלעך האָב איך זיך אוועקגעשטעלט און אָנגעהויבן צו לייענען:

„ויהי בימי אחשורוש. הוא אחשורוש, המולך מהודי ועד כוש, שבע ועשרים ומאה מדינה״...

מגילת אסתר האָב איך געקאָנט כמעט פֿון אויסנווייניק, און מיר־

איז נישט שווער געווען צו לייענען פון דער פרעמדער מגילה. עפּעס האָט איך, דוכט זיך, מיט מיין יונג האַרץ געפילט, אַז איך טו „אַ גוטע זאַך", און מיין קול האָט זיך געטראָגן וואָס אַמאָל פרייער אין אָט דער פרעמדער אויסגעפּוצטער שטוב, צווישן די פרעמדע, מאָדנע צוהערערס, וואָס האָבן מיך אַרומגערינגלט מיט אַ מאָדנער ־רומקייט. און ווען דער צום אָנהייב פריילעכער מגילה־ניגון האָט זיך געביטן און איז איבערגעגאַנגען אין ווײמוטיקער טרויעריקייט ביי „בלילה ההוא, נדדה שנת המלך", האָט מען געקאָנט ממש פילן דאָס האַרץ קלאַפּן ביי די פרויען, וואָס האָבן זיך געטוליעט אין זייערע קאָלירטע טיכער אַרום די אַקסלען, און ביי די מענער מיט די ערנסטע פּנימער אין די היטלען מיט די לעדערנע דאַשיקעס. זיי האָבן מיטגעלעבט מיט אָט דער פריילעך טרויעריקער מגילה געשיכטע, וועלכע זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען און קוים געוווּסט, וועגן וואָס זי דערציילט. מיטן גאַנצן האַרץ האָבן זיי געגראַגערט מיט די צוגעגרייטע גראַגערס, בשעת ס'איז דערמאָנט געוואָרן דער צורר היהודי המן. דאָס איז געווען זייער צושטייער און זייער אויסדרוק פון מיטגעפיל צו די ייִדישע צרות פון ווייטן אַמאָל. און ווען איך האָב געענדיקט לייענען, האָב איך אומעטום אַרום זיך געזען פאַרטרערטע, פייכטע אויגן פון דאַנקבאַרקייט און צופרידנקייט. פון אַלע זייטן האָבן זיך צעטראָגן די שטילע געפּליפּ־טערן וועגן מיר, כאָטש צוגיין נאָענט צו מיר האָבן זיך די מערסטע נישט געטרויט.

די עטלעכע, וואָס האָבן מיך געהאַט געבראַכט אַהער, האָבן מיר שטילערהייט אַריינגעגעבן אין דער האַנט עטלעכע גילדן, און מיט דרך ארץ און וואַרעמקייט מיך צוריק אַראָפּגעפירט די טונקעלע טרעפּ, באַגלייט מיט די נאָכגעשיקטע ווינטשונגען: אַ גוטע נאַכט, אַ גוטע נאַכט. מ'האָט מיך אַרויסגעפירט צוריק צו דער טוואַרדע גאַס, ווו איך האָב שוין געקאָנט אַליין גיין צו אונדזער הויף.

אָבער ערשט אין דערהיים האָב איך געקאָנט קומען צו זיך און זיך טיילן מיט דער אומרואיק מיך דערוואַרטנדיקער מאַמען, ווו איך בין געווען און וואָס מיט מיר איז געשען. אויב איך האָב פריער זיך געקאָנט איינהאַלטן און איר נישט דערציילן, וואָס איך גיי טון, האָב איך אָבער איצט, נאָך דער שטאַרקער איבערלעבעניש, נישט געקאָנט האַלטן קיין סוד

פאַר איר. און צו מיר האָט זיך אויך איבערגעגעבן די שרעק, מיט וועל־כער זי האָט מיך ארומגעכאַפּט. זי האָט עס נישט ארויסגעזאָגט, אָבער איך האָב עס קלאָר געפילט ווי זי וואָלט מיך געוואָלט ארויסראַטעווען פון עפּעס בייזס, שלעכטס. מיך שיצן פון עפּעס טומאהדיקס, וואָס טאָר בשום אופן קיין שליטה נישט האָבן צו מיר. איך האָב עס בפירוש געקאָנט זען, אז דער לעצטער באַשלוס איז ביי איר געבוירן געוואָרן. א באַשלוס נישט צו ברעכן. זי האָט אויפגעגעבן שמחה יאָסלס רעסטאָראַציע אין בכבודיקן הויף אויף טוואַרדע צוויי, און זיך באַדיי אָנגעכאַפּט איבערצונעמען דאָס ביליקערע געשעפט אין „יאַנאַשעס הויף".

אויב יאַנאַשעס הויף האָט זיך נישט געקאָנט רימען מיט קיין גרויס יחוסדיקייט, האָט ער זיך אָבער שטאַרק אויסגעצייכנט מיט דער פילקאָ־לירעוודיקייט פון די פאַרשידענע פּשוטע פּאָלקס־מענטשן, הענדלערס, הענדלערקעס, מאַרקזיצערס און זיצערינס. אויך אונדזערע עס־שטובן זע־נען תמיד געווען אָנגעפילט מיט די פאַרשידנסטע טיפּן פיש־הענדלערס, פלייש־האַקערס, מעל־הענדלערס, שוואָמען־הענדלער און נאָך און נאָך. א באַזונדער אָרט האָבן פאַרנומען די „טרעגערס". געזונטע, ס'רוב מיטל־יאָריקע, אָבער אויך עלטערע און אפילו יונגע יידן מיט קירצערע בערד, לענגערע בערד, און אָן בערד. אלע אין אויסגעמעליקטע, אויסגעטראָגענע, פאַרלאַטעטע קליידער, ארומגעבונדן מיט גראָבע, פעסטע שטריק ארום די גאַרטלען, און די הויזן אין די הויכע שטיוול אריינגעטון. מיט געזונטע, פון זון און ווינט אויסגעברוינטע פּנימער. מיט פריילעכע, הילכיקע געלעכ־טערס. יידן וואָס האָבן געקאָנט אויפהייבן די שווערסטע משאות מיט דער לייכטקייט פון א שפּענדל, אָבער דערפאַר געקאָנט גוט אריינעסן. ס'איז געווען א פרייד זיי צו זען פרייִלאָזן דעם אַפּעטיט איבער א האַלב ברייטל מיט א טעלער קרופּניק. ס'האָט פאַרשאַפט א סך שפּאַס צו הערן זייערע לוסטיקע געשפּרעכן, און זייער אריינזאָגן איינער דעם אנדערן. און ס'איז אויך געווען א גאַנץ געוויינלעכע זאַך זיי צו זען אמאָל גאָר פּשוט זיך אוועקשטעלן אין א ווינקל און מאַכן א מנין, כדי אריינצוכאַפּן א מנחה, אָדער זאָגן קדיש, ווען איינער פון זיי האָט געהאַט יאָרצייט און

ער האָט נישט געקאָנט באַווייזן צוצולויפֿן אין דעם באַרימטן „גרויסן בית המדרש" אויף דער גנאַינע גאַס.

די יידישע טרעגערס, סיי אַרום יאַנאַשעס הויף און סיי אַרום אַלע „הייף" אין די אַנדערע טיילן פֿון די יידישע גאַסן, האָבן געבילדעט אַ באַזונדערע קאַסטע. אַ מין סאָרט „אייזערנע גוואַרדיע", וואָס איז דורך קיינעם נישט באַפּאַלמאַכטיקט געוואָרן, וואָס האָט זיך אָבער געפֿונען אַ סך מאָל באַרופֿן מיט זייער גבֿורה צו באַשיצן דעם יידישן כּבֿוד. און נישט איינמאָל, ווען „יענע לייט" האָבן זיך פּרובירט פֿאַרטשעפּן און באַפֿאַלן יידישע גאַסן, זענען די טרעגערס געווען די ערשטע אַרויסצוטרעטן גרו־פּעסווייז און שפּאַלטן קעפּ, אַזוי אַז די אָנפֿאַלערס זענען מיט חרפּה אַנט־לאָפֿן.

אַן אינטערעסאַנטע וווּיבערישע גרופּע האָבן געבילדעט די „רייפֿער־קעס", די מעקלערינס, וואָס האָבן צוגעשטעלט דינסטן, קעכינס און אַרומ־העלפֿערינס סיי אין די רעסטאָראַציעס און גאָרגיכן, און סיי אין פּריוואַטע הייזער. יעדע פֿון זיי האָט געטראָגן פֿאַרצייכנט אויפֿן קאָפּ אַ גאַנצן רייס־טער מיט נעמען, אַדרעסן, שטעלעס, מיידלעך, באַלעבאָסטעס, מאַדאַמען. און דערביי האָט זי גענוי געדענקט דאָס אויסזען, די יאָרן, די מעלות און חסרונות, די פֿאָדערונגען און באַדינגונגען פֿון יעדער דינסט, שטובֿ־מיידל, קעכין אָדער סקלעפּאָווע. און אין אונדזער געשעפֿט איז געווען, אַזוי צו זאָגן, די בערזע זייערע. דאָ איז מען זיך צונויפֿגעקומען זיך אָדער טיילן מיט נייעס, אָדער דערשנאַפּן עפּעס איינע ביי דער אַנדערער, אָדער מאַכן אַ בייט מיט סחורה, וואָס מ׳האָט נישט געקאָנט אויסברענגען ביי זיך: „אפֿשר ווייסטו עפּעס פֿון אַ גוטער סקלעפּאָווע פֿאַר אַ „פּיוויאַרניע", וועל איך דיר דערפֿאַר נאַראַיען אַ גאָלדן דינסטמיידל פֿאַר דיין מאַדאַם". דער האַנדל און אויסטויש זענ׳ען אָנגעגאַנגען שעהנווייז יעדן אָוונט, נאָכדעם ווי דאָס לייזן איז אַביסל שטילער געוואָרן.

און ווי אַ קאָנטראַסט צו די פּשוטע, פֿאַרהאָרעוועטע אָבער פֿול מיט לעבן ברויזנדיקע הענדלערס און סוחרים, וואָס האָבן אָנגעפֿילט אונדזער רעסטאָראַציע, איז געווען דאָס מאָדנע פּאָרל פֿאַן און פֿאַני צייסלער. זיי זענען געווען עסטרייכישע אָדער אונגאַרישע יידן. זיי האָבן גערעדט יידיש מיט אַ מאָדנער, אויסטערליש קלינגענדיקער אויסשפּראַך. שטענדיק זענען

זייביידע געווען אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק, מיט א סך די־מענטענע פינגערלעך אויף די הענט. ער אין א קאָלירטן שלום־ראָק, מיט א ברוינעם הארטן קאפּעלוש, און א באַזילבערטן שטעקן אין דער האנט. זי אין א שאַרף קאָלירט, געקעסטלט קלייד, מיט א סך שפּיצן, און א הוט מיט בלומען באַלייגט און א פּאַראַסאָלקע אין די הענט. ביידע מיט פּאַר־פלאַמטע רויטע בעקלעך. און ביידע זענען זיי געגאַנגען אָדער געזעסן ווי מאַנעקענען, אָדער ווי אויף דראָטן געצויגן. זיי פלעגן קומען יעדן טאָג אין דער צייט פון דער גרעסטער לייזונג, אוועקזעצן זיך אין א זייט און וואַרטן שטילערהייט. אָבער ביידע זענען זיי געזעסן אזוי פאָרמעל, אזוי שטייף, אין אזעלכע אָנגעצויגענע פּאָזען און מיט אזעלכע ערנסטע פּנימער, אז זיי האָבן אויסגעזען נישט ווי קיין לעבעדיקע מענטשן, נאָר ווי א פּאָר הילצערנע מאַריאָנעטן.

דער פּאַן צייסלער איז געווען א „באַנקיר”. ער פלעגט אויסבאָרגן קליינע הלוואות אויף וועכנטלעכע אויסצאָלונגען צו די הענדלערס און מאַרקזיצערקעס אין יאַנאַשעס הויף, ווי אין א סך אַנדערע מאַרק־הייף. ער פלעגט זיין גאַנץ געשעפט פירן מיט זיך, און זיין פרוי האָט אים געהאָלפן אָנפירן די באַנק. סיי ער סיי זי האָבן געטראָגן ברייטע לעדערנע פאַר־מאַכטע בייטלען אָנגעטון אויף א רימען איבערן אַקסל. די הלוואות און די אויסצאָלונגען פלעגן געפירט ווערן דורך צעטעלעך, וועלכע פּאַן צייס־לער פלעגט מיטברענגען אויסגעשריבענע. דאָס פּאָרל פלעגט זיצן אומבאַ־וועגלעך און וואַרטן, ביז דאָס לייזן איז אביסל איינגעשטילט געוואָרן. דעמאָלט פלעגן אָנהייבן אַריינצוקומען די בעלי־חובות, אָרימע יידענעס, הערינג־הענדלערקעס, ציבעלע־פאַרקויפערינס, אָדער יידן, אויבס־הענדלער, אָדער הענדלערס פון קעז און פּוטער. יעדער האָט צוגעטראָגן די עטלעכע גילדן, וואָס ער האָט באַדאַרפט איינצאָלן. פּאַן צייסלער האָט געמאַכט א צייכן ביי זיך אָדער ביים צאָלער אויף א צעטעלע. אָבער דאָס חידושדיקע איז געווען, וואָס תמיד האָט מען נאָר געזען ווי די אָרימע יידן האָבן איינ־געצאָלט אויפן חוב, וואָס זיי זענען כסדר שולדיק געווען. ווען זיי האָבן דאָס געבאָרגטע געלט באַקומען, איז קיינמאָל נישט מעגלעך געווען צו זען.

די טראַנסאַקציעס האָבן אזוי געדויערט א שעה אָדער צוויי. ביז דאָס פּאָרל איז פאַרטיק געוואָרן מיטן נעמען די גילדנס און פאַרצייכענען

אין די צעטעלעך. דאן האָבן זיי מיט דער גאנצער ערנסטקייט פארמאכט די לעדערנע בייטלען. און פונקט אזוי פאָרמעל און שטייף ווי זיי זענען געקומען, אזוי האָבן זיי מיט דעם אָפיציעלן „גוטן טאָג" זיך געזעגנט און אוועקגעגאנגען מסתמא דורכצופירן ענלעכע טראנסאקציעס ערגעץ אין „אורליכס הויף", אָדער אין דעם דערנעבענדיקן „גאָשטשינע דוואָר", צי פארן „אייזערנעם טויער", וואָס זענען געווען פול מיט אזעלכע הענדלערס און הענדלערקעס.

כאָטש, ווי געזאָגט, די מאמע האָט דאָס געשעפט אין יאנאָשעס הויף נישט גערן אָנגענומען, וואָלט זי פונדעסטוועגן אפשר דאָרט געווען פארבליבן. מיט איר ליבע צו ארבעטן און איבערגעגעבנקייט צו מענטשן, מיט וועלכע זי איז געקומען אין באריר, וואָלט זי זיך מסתמא איינגעזעסן אפילו דאָ. אָבער אויך פון דאנען האָט זי אין א קורצער צייט ארום געמוזט אנטלויפן. אויך אין יאנאָשעס הויף איז זי געפאלן א קרבן, אָבער דאָס מאָל שוין פון דער רעוואָלוציע... די רעוואָלוציע פון 1904־5, וואָס האָט זיך אָנגעטראָגן מיט אזא שטורעם און מיט אזוי פיל אומגעריכטקייטן אויף דעם פוילישן יידישן לעבן.

ביזן היינטיקן טאָג נישט וויסנדיק ווי אזוי און פארוואָס, איז אונדזער רעסטאָראציע פארוואנדלט געוואָרן אין א מין הויפטקוואַרטיר פאר דער פויליש־יידישער פארטיי „פראָלעטאריוש". אפשר דערפאר ווייל רעסטאָראציעס און קאפע־הייזער זענען בכלל א „מקום המוכן לפורעניות", ערטער וואָס ציען צו אלע סאָרטן מענטשן און טעטיקייטן. און אפשר דערפאר ווייל אונדזער איצטיקע רעסטאָראציע איז געווען אין סאמע קאָך פון א מארק־הויף, וואָס האָט שטענדיק געשווירבלט מיט מענטשן, און ס'איז געווען גרינגער זיך אויסצובאהאלטן און נישט ציען אזוי שטארק די אויפמערקזאמקייט פון דער פאָליציי צו די מענטשן, וואָס גייען אריין און קומען ארויס. ווי ס'זאָל נישט זיין — די פארטיי האָט פשוט רעקווירירט אונדזער לעצטע גרויסע עס־שטוב. אזוי ווי די מיטאָג־גראַטשקע איז נאָר פאראיבער, האָבן זיך אהין אריינשפאצירט די עטלעכע „פאָרשטייערס", אין די לאנגע פעלערינעס און שווארצע ווייכע קאפעלושן. קיין פנימער האָט מען צוליב זייער איילן זיך אָדער קיין צייט נישט געהאט, אָדער נישט געוואגט צו באמערקן. די טיר איז שנעל צוגעמאכט געוואָרן, און אהין האָט

מען געאײַלטערהייט אָנגעהויבן צו ברענגען צום „פּאַרטיי־געריכט" פאַר־שידענע דערשראָקענע יידן, „פאַבריקאַנטן, עקספּלאָאַטאָרן", וואָס האָבן זיך געקווענקלט נאָכצוגעבן די באַדינגונגען און געבן א הוספה צו די דריי אָדער פיר געזעלן זייערע, אָדער צו די עטלעכע משרתים, וואָס האָבן גע־דינט אין זייערע קליינע געשעפטלעך.

ס׳איז דעמאָלט געווען די צייט פון דער גרויסער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער רעוואָלוציע, וואָס האָט פאַרפלייצט רוסלאַנד. וואַרשע, ווי גאַנץ רוסיש־פּוילן, איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון א כוואַליע גרויסע און קליינע שטרייקן. ס׳האָבן געשטרייקט פאַר בעסערע באַדינגונגען די אײַזנ־באַן אַרבעטער, מ׳האָט געשטרייקט אין די ריזיקע זאַוואָדן, אין די גרויסע פאַבריקן, און אין די קלענערע וואַרשטאַטן. און מ׳האָט אויך געשטרייקט אין די היימישע פאַבריקלעך אָדער אין די געשעפטן. די גאָר גרויסע שטרייקן זענען געפירט געוואָרן דורך דער פּ. פּ. ס. די קלענערע שטרייקן זענען גע־פירט געוואָרן דורכן „בונד" און שפּעטער דורך דער „פּועלי ציון". און מיט די היימישע קליינע שטרייקן האָט זיך פאַרנומען דער „פּראָלעטאַריוש". בכלל איז „פּראָלעטאַריוש" (פּראָלעטאַריאַט), אויף וויפל איך געדענק, גע־ווען עפּעס אַן אָרים, נאָכשלעפּעריש פּאַרטייעכל, מיט נישט גאָר קיין גע־הויבענער רעפּוטאַציע. צו איר האָבן באַלאַנגט סיי יידישע סיי קריסטלעכע פּראָלעטאַריער, אָבער אירע פירער זענען נישט געווען פון גאָר דעם אינ־טעליגענטסטן קלאַס. יעדנפאַלס, אויב א יידישער באַלעבאָס פון א קליין פאַבריקל אָדער געשעפטל איז בכלל נישט געווען צופרידן, וואָס זיי, די „סאָציאַליסטן", רופן אַרויס אויף א שטרייק זײַנע עטלעכע אַרבעטער אָדער משרתים, איז אַזא איינער געווען אינגאַנצן אויסגעשטעלט, אויב דעם שטרייק האָבן בײַ אים אָנגעפירט די לײַט פון „פּראָלעטאַריוש". און אָט די „קאַפּיטאַליסטן", בלאַסע איבערגעשראָקענע, פלעגט מען דאָס געאײַל־טערהייט, אונטער א וואַך, אַרײַנברענגען אין אונדזער עס־שטוב, וואָס איז יעדן טאָג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א פּאַרטיי־געריכט, כדי אויסצוגלײַכן זיך, אָדער צו צווינגען „נאָכצוגעבן די פאָדערונגען", וואָס די שטרייקנ־דיקע האָבן פאַרלאַנגט.

ס׳האָט פון יענער שטוב זיך אין די שעהן געטראָגן מיט מורא און סודותדיקייט. אָדער ס׳איז דאָרט געווען שרעקלעך שטיל, אָדער ס׳האָבן

זיך געהערט אױפגערעגטע און אמאָל אױך איבערגעשראָקענע קולות. און ענדיקן פלעגט זיך אזא סעפיע תמיד מיט דעם, װאָס די טיר האָט זיך שנעל געעפנט, און פון דאָרט זענען אױף גיך ארױס די רױט דערהיצטע און אין אנגסטן זיך באַדנדיקע „עקספלאָאטאַטאָרן", װעלכע האָבן זיך אָפּגעטראָגן קוים מיטן לעבן.

צי האָט מען דאָרט בשעת אזעלכע פאַרהערן אַנגעװענדט אױך גװאַלט מיטלען קעגן אימיצן, גלױבט זיך קוים. אָבער דעמאָלט האָט זיך מיר אין מײן, און איבערהױפּט נאָך דער מאמעס צעשראָקנקײט אױסגעמאָלן, אז דאָרט טוט זיך גאָט װײסט װאָס. און סיבות אזױ צו טראַכטן האָבן מיר געהאט גענוג. געלעגנהײטן פאַר דעם האָט אונדז געגעבן דער, װאָס האָט בײ די זיצונגען פאַרנומען דאָס אָרט פון דעם „שטאַרקן", פון דעם גװאַלט־מענטש.

דאָס איז געװען א טשיקאַװער יונג. אױב די איבעריקע פּאַרטײ־פּי־רער פלעגן זיך באַמיען מיט אלע כוחות צו קומען און גײן אזױ אומבאַ־מערקט װי מעגלעך, אזױ אז מ'האָט אפילו זײערע פּנימער נישט געקאָנט כאַפּן, האָט אָט דער דאָזיקער יונג דוכט זיך געטון אלץ אין דער װעלט צו װאַרפן זיך אין די אױגן. ער פלעגט קומען עסן, װען דאָס געשעפט איז געװען געפּאַקט מיט מענטשן. ער האָט ארױסרופנדיק געװיזן, אז ער איז דאָס דער, װאָס קאָן אױספירן אן אורטײל, װי שטרענג ער זאָל נישט זײן. ער האָט אָפן און להכעיסדיק זיך געשפּילט מיט דעם גרױסן גלאַנצנדיקן רעװאָלװער, װאָס ער האָט ארױסגענומען פון דער הינטערשטער הױזנ־קעשענע. ער פלעגט דעם רעװאָלװער דרײען ארום דעם פינגער זײנעם, איבערשרעקנדיק בײם עסן אלע ארומיקע. ער איז נישט געװען קײן פרעמ־דער. אלע האָבן אים געקענט. גערופן האָט מען אים — הינטער די אױגן פאַרשטײט זיך — דער װאַמפּן־יונג. װײל ער פלעגט פריער, אײדער ער איז עולה לגדולה געװאָרן, זיך באַשעפטיקן מיט צעטראָגן װעמפּלעך פון די יאַטקעס אין די פאַרשידענע רעסטאָראַציעס ארײן. איצט הפּנים האָט ער געװאָלט געניסן פון זײן נײער פּאָזיציע אלץ װאָס ס'האָט זיך געלאָזט. ער פלעגט יעדן טאָג קומען, אױב נישט אין קײן נײעם קאָסטיום, איז לכל הפּחות אין א נײעם קאַפּעלוש. אײן טאָג אין א שטרױענעם, צומאָרגנס אין א ברױן װײכן, דאַן אין א שװאַרץ האַרטן, און אזױ כסדר.

דער יונג פֿלעגט זיך האַלטן זייער חוצפּהדיק, און כּסדר לאַכן יעדן אין פּנים אַריין. קיינער האָט אים נישט ליב געהאַט, כאָטש מ'האָט אים אין די אויגן געשמייכלט מיט די זיסטע ווערטער. איך האָב פֿאַר אים פּשוט מורא געהאַט פֿון זינט איך האָב אים איינמאָל געזען אָפּשפּילן די קליינע, אָבער דערווידערדיקע סצענע. ער איז אַריינגעקומען אויף זיין ווילדן, אַרויס־רופֿנדיקן אופֿן. מיט אַמאָל האָט ער דערזען איינעם פֿון די פּשוטע געסט, ביי וועמען ס'האָט אין לאַץ פֿון דער אָרימער מאַרינאַרקע געשטעקט אַ גראָשנדיק בלוי בלימל. גאָט ווייסט פֿון וואַנען ס'איז געקומען אַ בלימל אין לאַץ פֿון אַ באַזוכער פֿון „יאַנאַשעס הויף". איז ער צוגעגאַנגען, דער יונג, אַרויסגענומען זיין רעוואָלווער, אים צוגעשטעלט צו יענעמס שטערן, און לייכט שפּאַסנדיק, אָבער דאָך באַפֿעלעריש אַ זאָג געטון: „אַהער ס'בלימל!" יענער איז בלאַס געוואָרן, אַרויסגענומען פֿון לאַץ דאָס אָרימע קווייטל און עס איבערגעגעבן דעם שמייכלענדיקן יונג. ער האָט עס גע־נומען, און נאָך אַלץ שפּילנדיק זיך מיט זיין רעוואָלווער, האָט ער טרי־אומפֿירנדיק עס אַריינגעשטעקט צו זיך אין לאַץ אַריין. אַלע געסט זענען געבליבן ווי פֿאַרשטיינערט...

כ'פֿאַרשפּאַר צו דערציילן ווי אַזוי דאָס אַלץ האָט געווירקט אויף מיין שטילער מאַמען. איז דאָס געווען די רואיקייט, צו וועלכער זי איז אַזוי גיריק אַנטלאָפֿן? ס'איז געווען קלאָר, אַז זי וועט אויך פֿונדאַנען מוזן אַוועק.

אָבער נאָך שרעקלעכער איז די לאַגע פֿאַר אונדז אַלעמען געוואָרן, ווען יאַנאַשעס הויף איז אויך געטראָפֿן געוואָרן פֿון דער גרויסער בהלה, וואָס האָט דעמאָלט אַרומגעכאַפּט גאַנץ וואַרשע. מ'האָט אין מיטן העלן טאָג, פֿאַר די אויגן פֿון הונדערטער מענטשן, אויפֿן הויף דערשאָסן דעם „רעוויראָווע", דעם אָקאָלאָדאָטשני נאַדזיראַטעל, וואָס האָט געהאַט צו זאָגן איבער יענער געגנט. ס'איז געווען די צייט, ווען די פּוילישע רעוואָ־לוציאָנערע פּאַרטייען האָבן אָנגעהויבן אָפּצוענטפֿערן מיט טעראָר אויף די בלוטיקע פֿאַרפֿאָלגונגען, וואָס די צאַרישע מאַכט האָט איינגעפֿירט. מ'פֿלעגט מאַסנווייז באַפֿאַלן די פּאָליציי־פּאַטרולן אויף זייערע פּאָסטנס אין מיטן גאַס. מ'פֿלעגט דערשיסן פּאָליציילייט, נידעריקערע און העכערע, ווען און ווו מ'האָט זיי נאָר געפֿונען. די „פּראָלעטאַריוש" פּאַרטיי איז זי־

כער נישט אפגעשטאנען פון די איבעריקע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען. און אזוי ארום איז אויך דערשאָסן געוואָרן דער „רעווירּאָווע" אין יאנאשעס הויף.

ס'איז געוואָרן א בהלה, א געטומל. מענטשן האָבן איבערגעלאָזט די געוועלבער און די געשעפטן, און מען איז זיך צעלאָפן. ס'איז באלד אָנגעקומען פּאָליציי, גאנצע חיילות, קאָמיסארן, אָפיצירן, סאָלדאטן. מ'האָט געזוכט, אויסגעפרעגט: ווער? וואָס? ווי אזוי? קיין לעבעדיקער מענטש האָט נישט געזען. קיינער ווייסט נישט. זוך דעם נעכטיקן טאָג.

דער וואמפּן־יונג האָט זיך א וואָך צייט נישט געוויזן. ווי אין וואַסער אריין. נאָכדעם איז ער עפּעס ווי פון ערגעץ ארויסגעשוווּמען, א לאַבנדיקער, און ארויסרופנדיקער. אָנגעטאָן אין א נייעם קאָסטיום מיט א נייעם קאפּעלוש, און געהאַלטן זיך אזוי פריי און חוצפהדיק ווי תמיד.

איבערן הויף איז דערווייל באשטימט געוואָרן א נייער רעוויראָווע, און דאָס לעבן פון האנדל און טומל האָט אָנגעהויבן אָנצוגיין ווי פריער. ביז אין בלויז א פּאָר טעג ארום ווידער א בהלה, ווידער א פּאַניק, ווידער א געלויף — מ'האָט דערשאָסן דעם נייעם רעוויראָווע... ווידער איז דער הויף ארומגערינגלט געוואָרן מיט א מחנה פּאָליציאנטן און מיליטער. ווידער אָבלאוועס. ווידער א שטרענגע דורכזוכונג און אויספרעגונג אין אונדזער רעסטאָראציע. דאָס שיסן איז דאָך פאָרגעקומען פאר אזוי פיל הונדערטער מענטשן אין די אויגן. אָבער קיינער האָט גאָרנישט אָנגעהויבן צו זען. קיינער הייבט נישט אָן צו וויסן ווער און וואָס.

דער וואמפּן־יונג איז ווידער פארשוווּנדן געוואָרן אויף א וואָך צייט ווי אין וואסער אריין.

בשעת יעדער בהלה איז די איבערגעשראָקענע מאמע אויפסניי גע־קומען צו לויפן אין שטוב אריין — מער קערט זי זיך נישט צוריק אין געשעפט אריין. זאָל זיין וואָס עס וויל. מיר, די קינדער, האָבן זי קוים איינגעבעטן: וואָס קאָן מען זיך העלפן? ס'איז דאָך אומעטום דאָס איי־גענע. ס'איז דאָך א צייט אזא. און די געוווינהייט צו ארבעטן, דער עול פון מוזן שאפן פרנסה, האָבן תמיד געוווּנען די אויבערהאנט. א דערשלאָ־גענע און איבערגעשראָקענע פלעגט זי ווידער צוריקגיין אין יאנאשעס הויף, און ווידער זיך איינשפּאנען אין יאָך. איר איינציקע בקשה איז נאָר

געווען, איך זאָל בלייבן וואָס לענגער מיטן רבין, ווי איך האָב איצט גע־לערנט אין „גרויסן בית המדרש" אויף דער גנוינע גאַס, און וואָס ווייניקער זיין נעבן איר אין דעם סכנותדיקן אָרט. אָבער לאַנג געבליבן אין יאַנאַ־שעס הויף זענען מיר שוין סיי ווי סיי נישט. אין אַ רואיקן זומער פאַר־נאַכט איז געקומען דער קלימאַקס, דער לעצטער שטויס, ווען די מאַמע האָט מיך געכאַפּט און איז אַנטלאָפן פון דאָרט, איבערגעלאָזט אַלץ מיט־אַנאַנדער, און זיך קיינמאָל מער נישט אהין אומגעקערט.

געשען איז עס אָט ווי אַזוי.

אין יענע טעג האָבן די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען אָנגעהויבן אַן אויסראָטונג־קאַמף קעגן דער וואַרשעווער אונטערוועלט. ערשטנס האָט מען איינגעזען, אַז צוזאַמען מיט דער איבערקערעניש פון גאַנצן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן סדר פון לעבן מוז אויך קומען אַן איבערקערעניש אין דעם סאָציאַלן לעבנס־איינשטעל. מען מוז אויך אויסרייניקן דעם גאַנצן געזעל־שאַפטלעכן שמוץ, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין די אָרימע אונטערוועלט קוואַרטאַלן. און צווייטנס האָט די צאַרישע מאַכט צוזאַמען מיט אַלע אי־בעריקע פינסטערע כוחות מאָביליזירט אויך די אונטערוועלט, זיי זאָלן זיך אַנטקעגנשטעלן קעגן די נייע „קראַמאָלניקעס", וואָס ווילן אונטער־ברענגען די וועלט און דעם קיסר. און אַזוי ארום האָט זיך אָנגעהויבן אַן אָפענע מלחמה צווישן דיביידע — די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען און די אונטערוועלט מענטשן. אין איין וואָך צייט זענען פאָרגעקומען אַ גאַנצע רייע אָרגאַניזירטע איבערפאַלן אויף די גאַסן, ווו די אונטערוועלט האָט געהאַט אירע נעסטן. מען איז באַפאַלן די „בלאַטע הייזלעך", מ'האָט צע־טריבן די „מיידלעך", צעבראָכן דאָס מעבל, ארויסגעוואָרפן די פּיאַנאָס, און אונטערגעהאַקט די זייטן די אַלפאָנסן, וואָס האָבן זיך אַנטקעגן גע־שטעלט און געוואָלט פּאַרטיידיקן זייער ממשלה.

די פּאָליציי איז געווען מאַכטלאָז קעגן דעם אויפגעברויזטן צאָרן פון די אָרגאַניזירטע ארבעטער, וואָס האָבן איינמאָל פאַר אַלעמאָל גע־וואָלט אויסרייניקן די פּעסט פון זייערע אָרימע גאַסן. וואַרשע האָט געקאָכט מיט די פּאָגראָמען אויף די „הייזלעך" און זייערע נאַכט־העלדן.

אָבער די אונטערוועלט האָט אויך נישט געשוויגן. זיי האָבן באַ־שלאָסן זיך אָפּצורעכענען מיט די „סאָציאַליסטן". זיי האָבן זיך אויך אָר־

נאניזירט און געמאכט זייערע אָנפאלן אויף יעדן אָרט, וואָס מ׳האָט נאָר געוווּסט, אז דאָרט פארזאמלען זיך אָדער האלטן זיך אויף „יענע". און אזוי איז הפנים אונדזער רעסטאָראציע אויך אָנגעצייכנט געוואָרן פאר אזא אָנפאל.

אין א שטילן פארנאכט, ווען צום גליק האָבן זיך דאָרט געפונען גאנץ ווייניק מענטשן, האָט זיך פלוצים פון גאס דערהערט א שרעקלעך שיסעריי. אלע צימערן זענען באהאָגלט געוואָרן מיט קוילן. פון דער גנוינע גאס האָבן זיך אריינגעריסן אין דער קראָכמאלנע גאס אריין דריי פלאַט־פאָרם־וועגענער אָנגעפאקט מיט די אונטערוועלט חברה־לייט, אלע באוואָפנטע מיט רעוואָלווערן, און פארבייפאָרנדיק איינס נאָכם אנדערע פארביי אונדזער געשעפט, האָבן זיי אלע אויסגעשאָסן דורך די פענסטער, און אויף גיך זיך אָפגעטראָגן. אויף דער גאס און אין הויף איז אנטשטאנען א שרעקלעכע פאניק. איבערהויפט איז די פאניק געווען גרויס אינעווייניק אין די רעסטאָראציע־צימערן, ווו עטלעכע מענטשן זענען פארווּנדעט געוואָרן. די געשרייען און די בהלה איז געווען אין לשער. מענטשן זענען געלאָפן אין טויטשרעק באהאלטן זיך ווו מ׳האָט נאָר געקאָנט.

אין דער שיסעריי האָט די מאמע מיך געכאפט און געצוווּנגען צו אנטלויפן מיט איר דורך דער הינטערטיר. קוים א לעבעדיקע איז זי געקומען אהיים. און דאָס מאָל האָט שוין קיינער זי מער נישט געקאָנט איבעררעדן זיך צוריק אומצוקערן אין געשעפט אריין, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט אויף הפקר. זי האָט אפילו נישט געוואָלט גיין אהין עס פארקויפן. דאָס געשעפט איז פארקויפט געוואָרן דורך א מעקלער. און אזוי ארום איז איבערגעריסן געוואָרן אונדזער קורצע, אָבער שטורעמדיקע פארבינדונג מיט דעם אזוי אינטערעסאנטן, עכט יידישן יאנאשעס הויף.

גראניטשנע 7

איינגנטלעך האָבן די אַלע פּאסירונגען, וועגן וועלכע איך גיי דער־ציילן, ניט געהאט קיין ספּעציעלע שייכות בלויז מיט אונדזער הויף. זיי האָבן זיך אָפּגעשפּילט אויף די ווארשעווער גאסן. אָבער געווען איז דאָס, בשעת מיר האָבן געוווינט אין הויף גראניטשנע נומער 7. און כאָטש פּאַ־סירונגען זענען דאָס געווען ניט קיין אויסשליסלעך יידישע, זיי האָבן געהאט צו טון מיטן יידישן, פּונקט ווי מיטן אַלגעמיינעם שטורעמדיקן וואר־שעווער לעבן. איך וויל פונדעסטוועגן דערציילן וועגן זיי, ווייל זיי האָבן זיך אָפּגעפּרעסט אין מיין זכרון ווי א טייל פון „יענע טעג" אין מיין היים־שטאָט ווארשע.

דער הויף פון גראניטשנע זיבן, ראָג קרולעווסקע, איז פאר מיר נאָך וויכטיק געווען מיט דעם, וואָס די פענסטער פון אונדזער וווינונג זענען ארויס צו דער גאס, און פאר מיינע אויגן זענען פאָרגעקומען די אַלע שטור־מישע געשעענישן אויף די שטיינער פון די ווארשעווער גאסן. פארביי אונדזער טויער און אונדזערע פענסטער האָבן זיך טאָג נאָך טאָג געצויגן די ריזיקע דעמאָנסטראציעס מיט די רויט־בלוטיקע פענער פון דער מאר־שאלקאָווסקע, דורך קרולעווסקע און סענאַטאָרסקע צום טעאַטער־פּלאַץ, אָדער צום פּשעיאזד אין די יידישע גאסן אוועק. דורך אונדזערע פענסטער האָט מען אויך געקאָנט זען די סצענעס, ווען די קאָזאקן אויף פערד זענען באפאלן די דעמאָנסטראציעס און געשאָסן, איבערלאָזנדיק פארוווּנדעטע און געהרגעטע, וואָס די דעמאָנסטראנטן האָבן נאָכדעם אויפגעהויבן און געטראָגן פאָראויס פאר די באלד זיך ווידער צוזאמענגיסנדיקע דעמאָנס־טראציעס.

איך געדענק די נאכט פון „ניינטן יאנואר", ווען פון פּעטערבורג

זענען געהאט אָנגעקומען די נייעסן וועגן די בלוטיקע געשעענישן פאַרן צארישן פּאַלאַץ, בשעת דער גלח גאַפּאָן האָט געפירט א פרידלעכע דע־מאָנסטראַציע פון די פּעטערבורגער ארבעטער מיט א פּעטיציע צום קיסר, און דאָס מיליטער האָט געשאָסן אויף די אומבאוואָפנטע דעמאָנסטראַנטן, און איבערגעלאָזט אויפן גרויסן פּלאַץ הונדערטער הרוגים. ווארשע איז ווי עלעקטריזירט געוואָרן פון די שוידערלעכע ידיעות און באשלאָסן צו געבן א געהעריקן ענטפער. א גאַנצן טאָג האָט זיך עפּעס געפילט ווי פאַר א שטורעם. אָבער צעשפּילט האָט זיך עס ערשט, ווען דער אָוונט איז צו־געפאַלן. איך האָב קיינמאָל פריער אונזער געגענט נישט געזען אין אזא צושטאַנד. די גאַסן זענען געווען איינגעהילט אין חושך. אלע עלעקטרישע הויכע לאָמפּן, וואָס זענען בלויז מיט עטלעכע וואָכן פריער געהאַט אויפ־געשטעלט געוואָרן, זענען געווען צעשמעטערט. אלע געשעפטן זענען געווען פּארהאַקט, און אלע פענסטער אין די וווינונגען צו די גאַסן ארויס זענען געווען טונקל. מ'האָט דעם חושך טאַקע ווי געקאָנט אָנטאַפּן מיט די הענט. ווי שוואַרצע סילועטן האָבן זיך מענטשן געפּלאָנטערט און געדרענגט שרע־קנדיק אין אלע זייטן, איבעררופנדיק זיך מיט געדומפּטע, אויסגעלאָשענע קולות. פון אומעטום האָבן זיך געהערט די טויבע קלעפּ פון די העק, מיט וועלכע מען האָט אָפּגעהאַקט שלעסער פון די פּאַרמאַכטע געשעפטן. באַלד האָבן זיך געהערט די שאַרפע גרילצערייען פון ארויפגערוקטע אייזערנע זשאַלוזעס איבער די טירן און פענצטער, נאָכגעפאָלגט פון דעם אימהדיקן געבראַזג פון צעשמעטערטן, צעפּליענדיקן גלאָז, און די הפקרדיקע קולות פון די טונקעלע פּארשוינען, וואָס האָבן זיך אריינגעריסן אין די אויפגע־בראָכענע געשעפטן און אָנגעהויבן ראַבירן און ארויסוואַרפן די סחורות אין גאַס.

דאָ און דאָרט האָבן זיך אויך געהערט די טויבע קלעפּ פון קליינע גרופּעס, וואָס האָבן אין דער פינסטער געבראָכן און געריסן די אייזערנע קעסטלעך מיט די געפּלאָכטענע טעלעפאָן־דראָטן, וואָס מ'האָט נאָר וואָס געהאַט איינגעאָרדנט בשעת מען האָט געצויגן די טעלעפאָנען אונטער דרערד, אָנשטאָט אויף די סלופּעס ביז דעמאָלט. יעדעס מאָל ווען א גרופּע האָט זיך איינגעגעבן אויפצוברעכן אזא קעסטל און חרוב מאַכן די דראָטן־

איינריכטונגען, האָט זיך אין חושך צעטראָגן א טריאומפירנדיקער קאמף אויסגעשריי, וואָס איז אָפּגעענטפערט געוואָרן פון ווייטע, דומפיקע עכאָס.

אָבער שרעקלעכער פון אַלץ זענען געווען די ריזיקע פייערן, וואָס האָבן אָנגעהויבן אויפצופלאַמען באַלד פון איין און באַלד פון א צווייטער זייט גאַסן. דאָס איז מען אין דער פינסטער באַפאַלן די „מאָנאָפּאָלס", די בראָנפן געוועלבער, וואָס האָבן געהערט צו דער רעגירונג. דער נקמה דורשטיקער המון האָט צעשמעטערט די גרויסע זאַפּאַסן בראָנפן־פלעשער, אונטערגעצונדן דעם צעגאָסענעם ספּירט, און אוועקגעלאָזט די געוועלבער מיטן פייער. עס האָבן געברענט די מאָנאָפּאָלן אויף דער רימאַרסקע, אויף סענאַטאָרסקע, אויפן גזשיבאָוו, אויף דער מאַרשאַלקאָווסקע, און די גיהנומדיקע פייערזײַלן האָבן זיך געריסן איבער די דעכער צו די נאַכטיקע הימלען און זיי באַגאָסן מיט אַזא העלישקייט, וואָס האָט אויפגעשווידערט, געשראָקן און אנטציקט. וואָס עס האָט נאָך מער געשטאַרקט דעם שווידערלעכן איינדרוק און דערמאָנט עפּעס מלחמהדיקס, איז געווען דאָס אָנלויפן פון דער „סטראַזש אָגניאָווע", די פייערלעשער, אין זייערע מעשענע קאַסקעס, מיט די ברענענדיקע שטורקאַצן, און דעם שרעק אָניאָגנדיקן טראָמפּייטערן זייערס. זיי האָבן זיך געלאָזט לעשן די אויסגעבראָכענע שׂרפות, אָבער דער צעברויזטער המון האָט זיי פאַרטריבן און נישט דערלאָזט זיך צורירן צו די פלאַמענדיקע מאָנאָפּאָלן.

איך בין געלאָפן איבער די אַזוי אימהדיק פינסטערע גאַסן, אונטער דעם בלוטיק־רויט צעפלאַמטן הימל. די ציין אין מויל האָבן ביי מיר זיך געטרייסלט. דאָס האַרץ האָט זיך געוואָרפן. איך האָב זיך באַדאַרפט דורכרייסן דאָ צו דער טוואַרדע און דאָ איבערן בריק קיין פּראַגע. ביי אונדז אין שטוב איז א האַלב גוססע געלעגן מיין שוועסטער עטל, און די מאַמע האָט מיך געשיקט לויפן ברענגען מיינע שוועסטער רבקהלע און פּערעלע, אפשר זיך געזעגענען מיט דער קראַנקער. דער צער פון דער אייגענער היים האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם פּחד און עקסטאַז פון די גאַסן אינדרויסן. יעדעס מאָל האָט דאָס אביסל טונקל געוואָרענע פייער אין ערגעץ א „מאָנאָפּאָל" ווידער אמאָל זיך צעפלאַקערט אויפסניי, מסתמא ווייל מען האָט צעבראָכן א נייעם זאַפּאַס בראָנפן־פלעשער און צוגעגאָסן צו די הונגעריקע פלאַמען. יעדעס מאָל האָט זיך אין דער פינסטערניש צעטראָגן א נייער־

געבראזג פון צעבראָכענע שויבן און אויפגעריסענע געוועלבער, און אַ נייער נצחון־אויסגעשריי פון הונדערטער שווארצע סילועטן, וואָס האָבן זיך גענומען ארויסוואַרפן פון דאָרט די פעק מיט סחורות.

קיין פּאָליציי אָדער מיליטער האָט זיך אין ערגעץ נישט געוויזן. ביז אַזעלכע פאָלקס־אויסברוכן פלעגן געוועגליך פארשווינדן ווערן אלע פּאָליצייאישע און מיליטערישע פאטרולן. ווער ס'האָט אָנגעפירט סיי מיט די רעוואָלוציאָנערע מחנות, וואָס האָבן אין דער פינסטער געריסן שטיקער פון דעם פארהאסטן שונא, און סיי מיט די גרופּעס אונטערוועלט־מענטשן, וואָס האָבן זיך באַלד באוויזן און אָנגעהויבן ראבירן, איז נישט געווען צו זען. ווארשע איז געווען הפקר. און אין דעם געשפּענסטיקן חושך און גיהנומדיקן טומל פון דער ניינטער־יאנואר־נאכט בין איך געלאָפן צוזאמען־ברענגען די איבערגעשראָקענע קרובים צו דער שטארבנדיקער שוועסטער...

אין זכרון איינגעקריצט האָט זיך מיר אויך די בלוטיקע נאכט פון זיבעצענטן אָקטאָבער, די נאכט פון דער פארַרעטערישער צארישער קאָנסטיטוציע. א גאנצן טאָג האָבן זיך געצויגן פארביי דער גראניטשנע גאס ריזיקע דעמאָנסטראציעס. ווי צוזאמענגעשמידטע אייזערנע ווענט האָבן זיך צוזאמענגעשלאָסן די אָרעמס אָן די רייען דעמאָנסטראנטן. קולות און געזאנג האָבן זיך געהויבן איבער די רויטע פענער, איבער די טראנספּאַראנטן מיט די רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען. ס'האָבן געשאַלט די ווערטער:

„קרעוו נאַשאָן דלוגאָ לעיאָן קאַטי,
ווטשיאָנזש פּלינאָן לודו גאָזשקע לזי.
נאדעידזשע יעדנאַק דזשיען זאפּלאַטי
סענדזשאמי וווטשאס בענדזשיעם מי".

און באַלד דער דונערנדיקער צורוף:

„דאלעי וויענץ, דאלעי וויענץ, וזניעשמי שפּיעוו!"...

די דעמאָנסטראנטן האָבן געזונגען טריאומפירנדיק, נצחונדיק. פון פּעטערבורג האָבן זיך געטראָגן די ג׳ייעסן, אז ענדלעך האָט זיך איינגעגעבן ארויסצורייסן ביים צארישן שונא די גרויסע הנחה — א קאָנסטיטו־

ציע, וואָס גאראנטירט דעם פּאָלק ברייטע פּאָליטישע פרייהייט. און וואָס מער ס'איז צוגעפאלן די נאכט, אַלץ שטורמדיקער, נצחונדיקער און פארשכורנדיקער זענען געוואָרן די זיך ציענדיקע דעמאָנסטראציעס. די פרייד האָט זיך געריסן פון אַלע העלדזער. קינד און קייט האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן די דעמאָנסטראציעס. פון דער טוואַרדע, פון דער גזשיבאָווסקע, פון דער פּאַנסקע, פון דער שליסקע, פון דער קראָכמאַלנע, פון דער גנוינע, פון אומעטום האָט מען געשטראָמט און זיך אריינגעגאָסן אין די מענטשן כוואַליעס, וואָס האָבן זיך געריסן פון די ווייטע קריסטלעכע גאסן. אַלע האָבן זיך געלאָזט צום טעאטער פּלאַץ, דאָרט ווו ס'האָט זיך געפונען דאָס „ראָטהויז" מיט זיינע בארימטע קעלער־תפיסות. דער אַלגעמיינער רוף איז געווען: באפרייען די פּאָליטישע ארעסטאנטן!

איך בין אויך מיטגעריסן געוואָרן מיט דער אַלגעמיינער פרייד און האָב זיך געפונען אויפן טעאטער־פּלאַץ, אויף דעם גרויסן סקווער ארום דעם פארצוימטן גערטל מיט די נידעריקע אייזערנע שטאכייטן. דער פּלאַץ איז געווען פארפּלייצט מיט צענדליקער טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן אויך פארנומען די גאסן ארום. אַלץ איז געווען באגאָסן מיט דעם ליכט פון די גרויסע הענגענדיקע עלעקטרישע לאָמפּן. אָבער ליכטיקער און שטראַלנדיקער איז געווען דער באלקאָן אויפן ערשטן שטאָק פון ראָטהויז, וואָס איז געווען באהאנגען מיט רויטע פענער, און ווו עס זענען געשטאנען די פירער פון די רעוואָלוציאָנערע פּארטייען און האָבן אראָפּגערעדט צו דער הויל קעפּיקער מאסע.

יעדעס מאָל איז דער פּלאַץ אויפגעריסן געוואָרן פון די זיך ארויסרייסנדיקע הורא אויסגעשרייען. די הורראאס האָבן זיך געצויגן לאנג און פריידיק — דאָס האָט זיך יעדעס מאָל געעפנט דער טויער פון ראָטהויז און אן אנדער גרופּע ארעסטירטע איז ארויסגעלאָזט געוואָרן. די גרופּע איז באפאלן געוואָרן פון דער צעשטראַלטער מאסע. מ'האָט די באפרייטע געכאפּט קושן, האלדזן, און אויף די הענט ממש איבערגעגעבן צו די ארומיק ווארטנדיקע. ווי א ווירבל ווינט האָט יעדעס מאָל אויפגעשטורעמט דער געשריי:

„ניעך זשיע וואָלאנשטש!" (זאָ לעבן די פרייהייט). די מאסע האָט מיטגעשריגן, זיך מיטגעקושט און מיטגעיובלט. ארום זיך האָב איך געזען

א ים פון פריידיק פארשכורטע פנימער. יונגע, אלטע, יידן, קריסטן, רייך געקליידטע, אָרים געקליידטע. מאמעס מיט קינדער אויף די הענט. טאטעס מיט קינדער רייטנדיק אויף די אקסלען.

אָבער מיטאמאָל איז ווי א ציטער דורכגעלאָפן איבערן גאנצן פּלאַץ. פון א זייטיקער גאס איז אָנגעקומען צורייטן אן אָפּטייל פון קאָזאקן און זיך געלאָזט דורכרייסן צום סקווער דורך דער געדיכטער מאסע. אויף איין מינוט האָט קיינער נישט געוווּסט וואָס צו טון. עפּעס פאר זיי א וועג און ארויפלאָזן זיי אויפן סקווער, אָדער נישט? זענען זיי די אמאָליקע פּאר־ האסטע משחיתים, וואָס וועלן באַנוצן זייערע נאגייקעס און שווערדן? ווייסן זיי נישט, אז דער צאר האָט געשאָנקען „פרייהייט"? אָבער די קאָזאקן אויף די קליינע פערדלעך האָבן זיך נישט גענומען צו די שווערדן. זיי האָבן באגריסט די מאסע. עס האָבן זיך געעפנט ווי צוויי ווענט און מען האָט געלאָזט דורכרייטן דעם אָפּטייל רייטערס. זיי זענען דורכגעריטן ארום און ארום דעם גאנצן סקווער אונטער די פריידיקע אויסגעשרייען פון די טוי־ זנטער, וואָס האָבן געענטפערט אויף זייערע האנט־נויגונגען. און די קאָ־ זאקן זענען אוועק אויף דעם זעלבן וועג ווי זיי זענען געקומען.

דער אומפארשטענדלעכער אויפטריט פון דעם קאָזאקן־אָפּטייל האָט נאָך מער פארשטארקט די פרייד און דעם גלויבן פון דער מאסע אויפן סקווער. איך האָב זיך נישט געקאָנט צוריקהאלטן און בין אָן אָטעם גע־ לאָפן אהיים אויף גראניטשנע, כדי ארויסצורייסן פון שטוב די מאַמע אָדער כאָטש די שוועסטער — וועלכע האָבן שוין איצט געוווינט מיט אונדז צו־ זאמען— זיי זאָלן קומען זען מיט זייערע אייגענע אויגן די גרויסע פרייד און די גרויסע פרייהייט. איך האָב זיך קוים איינגעבעטן ביי מיין יינגערער רבקהלען און איר מאן, זיי זאָלן מיטקומען מיט מיר צום טעאטער פּלאַץ. דאָרט האָט נאָך אלץ אָנגעהאלטן דער פארשכורנדיקער ענטוזיאזם ארום דעם באלקאָן מיט די רעדנער און דעם טויער, פונוואנען עס זענען געהאט ארויסגעקומען די גרופּעס פּאָליטישע ארעסטירטע. די מאסע איז גאָרנישט מיד געוואָרן זיך צו פרייען מיט דער אזוי לאנג דערוואַרטער פרייהייט.

אָבער מיין שטענדיק איבערגעשראָקענע שוועסטער האָט לאנג נישט געקאָנט אויסהאלטן צווישן דער צעברויזטער מאסע. נאָך עטלעכע מינוט פון מיטפרייען זיך, האָט זי אָנגעהויבן פּאָדערן: „שוין גענוג. כ'האָב שוין

נענוג געזען. קומט אהיים״. איר פאַדערונג איז געווען אזוי שטארק, אז ס׳האָט נישט געהאָלפן קיין בארואיקן זי. און מיט א סך בענקשאפט האָב איך זיך געשיידט פון דעם טעאטער־פּלאַץ, וואָס האָט זיך ממש געוויגט פון ענטוזיאזם און גליק. מיר האָבן לאנגזאם זיך געלאָזט גיין צו דער גראַ־ניטשנע גאס. אָבער ווען מיר זענען בלויז געווען האלב וועגס, ביי דער זשאביע גאס, האָבן זיך שוין דערטראָגן צו אונדז פון טעאטער־פּלאַץ די פארצווייפלטע קולות פון דער באַפאַלענער מאסע, און מיר האָבן שוין גע־זען די אנטלויפנדיקע פון דער גרויסער בהלה, וואָס דאָרט האָט אויסגע־בראָכן.

מיר האָבן געשווינד געאיילט אין אונדזער הויף אריין. דורך די פענסטער האָבן מיר נאָך געזען לויפן מענטשן מיט צעפּליקטע קליידער און פארבונדענע קעפּ. מיר האָבן זיך קוים געקאָנט דערוואַרטן ביז אינדערפרי, ווען ס׳איז באקאנט געוואָרן די שרעקלעכע נייעס, ווי די מענטשן אויפן טעאטער־פּלאַץ זענען באפאלן געוואָרן פון אלע זייטן פון זשאנדארן און קאַזאקן מיט די ביקסן און הוילע שווערדן. אזוי אז הונדערטער זענען צע־שניטן, צעטרעטן און צעשטאָכן געוואָרן אויף די שפּיציקע שטאכייטן פון סקווער, ווען זיי האָבן זיך געוואָלט ראטעווען. דאָס אייגענע איז אויך פאָר־געקומען ביים „פּאוויאַק״ אויף דער גענשע גאס, ווו די יידישע רעוואָלו־ציאָנערן האָבן אָנגעהויבן צו באפרייען די פּאָליטישע ארעסטירטע, וואָס זענען דאָרט געזעסן. מ׳האָט די מאסע פארנארט, זיי מכלומרשט נאָכגע־געבן זייערע פארלאנגען, און באלד דערויף זיי מערדערלעך באפאלן. אזוי האָט זיך געענדיקט די פריצייטיקע פרייד איבער דער געפעלשטער קאָנסטי־טוציע אין דער נאכט פון זיבעצעטן אָקטאָבער.

די אנטוישונג מיט דער כלומרשט געשענקטער קאָנסטיטוציע האָט געבראַכט מיט זיך א סך פארביטערונג און שרעק. איבערהויפּט פאַר דער ווארשעווער יידישער באפעלקערונג. פון רוסלאנד האָבן אָנגעהויבן אָנקו־מען מורא׳דיקע ידיעות פון געגרייטע פּאָגראָמען אויף יידן. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן פארשפּרייטן קלאנגען, אז אויך ווארשע וועט נישט אויסמיידן קיין פּאָגראָם. מ׳האָט געשמועסט, אז די רעגירונג ברענגט ביסלעכווייז מחנות רוסישע כוליגאנעס פּאָגראָמשטשיקעס, און האלט זיי ערגעץ גרייט אויף א געוויסן טאָג, ווען ס׳דארפן זיך אָנהייבן די בהלות. מ׳האָט דער־

ציילט, אז דאָ און דאָרט האָט מען געזען עפּעס פאַרדעכטיקע פאַרשווינען, אין רוסישע בלוזעס און היטלען. און איך געדענק אַ פרימאָרגן, ווען די מאַמע איז אַ צום טויט דערשראָקענע ארויפגעקומען אין שטוב און מיך אויפגעוועקט פון שלאָף, דערלאַנגענדיק מיר אַ ווייס, איינזייטיק צייטונגס־בלאַט, וואָס האָט געהאַט אויף זיך בלויז עטלעכע קורצע שורות אין העברעאיש. דאָס איז געווען אַן עקסטרא־אויסגאַבע פון „הצפירה".

נחום סאָקאָלאָוו, דער רעדאַקטאָר פון „הצפירה", איז גראָד דעמאָלט געהאַט געווען אין פּעטערבורג, און דאָס האָט ער אַלאַרמירט די וואַרשעווער יידן מיט זיין וואָרענונג־דעפּעשע, וואָס די צייטונג האָט ארויסגעלאָזט אויף אַ גאַנצער ליידיקער זייט. בלויז די איינע דעפּעשע. איך האָב מיט שרעק געלייענט, אומגעפער: „יידן, זייט געוואָרנט, זייט גרייט. פון זיכערע קוועלן האָב איך זיך דערוווּסט, אז די „שוואַרצע באַנדעס", וואָס זענען אריינגעבראַכט געוואָרן קיין וואַרשע איינצוּאָרדענען אַ יידישן פּאָגראָם, דאַרפן מאָרגן ארויסטרעטן".

איך האָב געשווינד ארויפגעכאַפּט אויף זיך די קליידער און זיך געלאָזט אַראָפּ אויפן הויף. די טויט בלאַסע מאַמע נאָך מיר. אונטן איז שוין געווען אַ שטאַרקע בהלה צווישן די שכנים. דער טויער איז געווען פאַרשלאָסן און אונטערגעשפּאַרט מיט אַ אייזער גראָבן קלאָץ, מען זאָל נישט קאָנען עפענען פון דרויסן. אויפן גאַס זענען אַלע יידישע געשעפטן געווען פאַרהאַקט. דערשראָקענע שכנים, קורץ געקליידטע, לאַנג געקליידטע, וואָס האָבן זיך געוועלעך נישט אָנגעקערט איינער מיטן אַנדערן, האָבן זיך איצט צוזאַמען געפּילדערט און זיך געראַטן. אַזוי האָט דער יחסנותדיקער הער שטיצער, ביי וועמען די מאַמע האָט געהאַלטן די רעסטאָראַציע אונטן אין הויף, און וועלכער פלעגט זיך תמיד האַלטן ווייט פון אַלעמען, האָט איצט, אַ שטאַרק דערשראָקענער, זיך געעצהט מיט דעם חסידישן רב מענדל שנייוויס פון דעם גבירישן טאַבאַק־געשעפט. מאַמעס האָבן געזאַמלט ארום זיך די צעשראָקענע קינדער. די נישט דייטלעכע באַוועגונג און אָפּגעריסענע קלאַנגען, וואָס האָבן זיך דערטראָגן פון יענער זייט פאַרמאַכטן טויער, האָבן נאָך פאַרשטאַרקט דעם אומבאַוווּסטן פחד.

איך האָב געפאָדערט, מען זאָל מיר עפענען דעם טויער. מען טאָר דאָך נישט זיצן מיט קיין פאַרלייגטע הענט. אין קאָפּ איז געגעבן אַ שווים

אויף: זעלבסטשוץ. ווו קאָן מען זיך פאַרבינדן מיט דער „זעלבסטשוץ", ווען וועלכער מ׳האָט זיך שטילערהייט נאָך געהאַט געסודעט אין די לעצטע טעג. אָבער דאָ איז די מאַמע צוגעפאַלן, און די איבעריקע האָבן צוגע־האָלפן: ניין, כ׳וועל ניט גיין. מ׳וועט מיך נישט אַרויסלאָזן פון הויף. כ׳בין נאָך צו יונג פאַר אַזעלכע זאַכן... כ׳געדענק ווי כ׳האָב זיך געשעמט צו זען ווי די מאַמע וויינט פאַר פרעמדע מענטשן. און מיר האָט זיך אויס־געוויזן, אַז דער זוניקער פרימאָרגן האָט פאַרשפּריט עפּעס אַ פינסטערניש אין דעם הויף מיטן פאַרמאַכטן טויער און צעשראָקענע שכנים.

קיין פּאָגראָם איז דעמאָלט נישט געווען. מען האָט פאַרזיכערט, אַז צוליב דעם שנעלן אַריינמישן זיך פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, די יידישע פּונקט ווי די פּוילישע, וואָס האָבן אויף גיך אָנגעהויבן צו אָר־גאַניזירן די באַפעלקערונג אין זעלבסטשוץ־אָפּטיילן, האָט די מאַכט זיך נישט דערוועגט אויסצופירן אירע פינסטערע פּלענער. אָבער עס האָבן זיך געצויגן אומרואיקע, דערוואַרטונגפולע טעג, און נאָך שרעקפולערע נעכט. אונזער הויף — פּונקט ווי אַלע אַנדערע וואַרשעווער יידישע הייף — איז מאָביליזירט געוואָרן. יעדע נאַכט האָט אַן אַנדער גרופּע פון די איינ־וווינער געמוזט וואַכן. און ס׳איז געווען איינגעשטעלט אַ סיגנאַל־סיסטעם, אַז טאָמער חלילה וועט זיך „עפּעס אָנהייבן" אין מיטן דערנאַכט, זאָל מען באַלד קאָנען צו וויסן געבן און מאָביליזירן די שכנותדיקע הייף. שטילער־הייט האָט מען גערעדט, אַז די גרופּן זענען אפילו באַזאָרגט געוואָרן מיט געווער. געהיימע רעוואָלוציאָנערע פּאַטרולן האָבן זיך אין די נעכט אפילו דורכגעריסן און קאָנטראָלירט, צי די וואַך־גרופּן אין די הייף זענען אויף זייערע ערטער.

אַזוי זענען פאַרגאַנגען עטלעכע וואָכן, ביז די שרעק איז פאַראיבער, און דאָס יידישע לעבן האָט אָנגעהויבן צוריק אָנצונעמען זיין נאָרמאַלן גאַנג.

מיר איז אין יענע טעג געווען באַשערט צו זיין נאָענט ביי אַ גע־שעעניש, וואָס האָט אויפגעטרייסלט גאַנץ, און איבערהויפּט דאָס יידישע וואַרשע. ווען דער יידישער בחור ברוך שולמאַן האָט מיט אַ באָמבע אויפּ־געריסן דעם פאַרהאַסטן צורר ישראל קאָנסטאַנטינאָוו. מיר איז אויסגעקו־מען צו זיין אויף דער באַגנע גאַס, אַרום דער שווענטאָקזשיסקע. ס׳איז געווען אַ זוניקער, ליכטיקער נאָכמיטאָג. אָבער מ׳האָט אַליין נישט גע־

ווּסט פּאַרוואָס. עפּעס ווי אַ נערוועזע אומרואיקייט האָט ווי געשוועבט אין דער לופט. כאָטש קיין נערוועזיטעט האָט אין יענע צייטן קיינמאָל נישט געפעלט אין די וואַרשעווער גאַסן, אָבער יענעם נאָכמיטאָג האָט עס זיך באַזונדערס געפילט. מענטשן האָבן זיך אומרואיק באַוועגט אין דער געגנט אַרום. עפּעס האָבן די טראַמווייען, וואָס האָבן געפירט צו דער מאַר־שאַלקאָווסקער גאַס, זיך פאַרהאַלטן. צי אימיצער האָט זיי פאַרהאַלטן. האָט מען אימיצן איבערגעפאָרן? צי האָט אימיצער געחלשט פונקט אויף די טראַמוויי שינעס?

פּלוצים איז דער גאַנצער אַרום ווי אויפגעריסן געוואָרן דורך אַ שווי־דערלעכער אויפטרייסלונג. די פענסטער אין די הייזער האָבן געפּלאַצט און זיך צעשאָטן מיט אַ מוראדיקן געבראַזג. און אין דער זעלבער סעקונדע, ווי איבער די כוואַליעס פון דער צעטרייסלטער לופט, האָבן זיך צעטראָגן די עטלעכע שווידערלעך פריידיקע ווערטער: „קאָנסטאַנטינאָוו איז דערהרגעט געוואָרן!"...

וואָס די בשורה האָט דעמאָלט געמיינט, איז זיך שווער פאָרצושטעלן. קאָנסטאַנטינאָוו איז געווען דער פאַרהאַסטסטער און געפערלעכסטער צאַרישער הענקער ביי דער וואַרשעווער באַפעלקערונג, איבערהויפּט צווישן יידן. געווען איז ער נישט קיין הויכער באַאַמטער, בלויז אַ געהילפס־קאָמיסאַר פון 8טן צירקל. ער האָט זיך אָבער אויסגעצייכנט מיט זיין שרעקלעכער אכזריות און דעגענערירטן סאַדיזם, מיט וועלכן ער פלעגט פייניקן יעדן פאַרדעכטיקטן רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט געהאַט דאָס אומגליק אַריינצופאַלן אין זיינע הענט. ווער שמועסט נאָך, אויב דער קרבן איז געווען אַ ייד. זיין בלויזער נאָמען האָט אָנגעוואָרפן שרעק און שוידער.

ווען דער פעסט געבויטער, רויטהאָריקער קאָנסטאַנטינאָוו, מיט זיין רציחהדיק פּנים און בלוטדורשטיקע אויגן, פלעגט זיך באַווייזן איבער די יידישע גאַסן, אָן דער שפּיץ פון אַ מיליטערישן פּאַטרול, האָבן זיך די גאַסן אָפּגעליידיקט ווי בשעת אַ מגפה. דער שטראָם פון גאַסן־פאַרקער פלעגט זיך מיט אַמאָל אַ ווענד טון אין איין זייט — אַוועק פון דאָרט וווּ קאָנסטאַנטינאָוו איז געגאַנגען. יעדער איינער האָט איילִיק געוואָרנט די אַנטקעגנקומענדיקע: „צוריק! קאָנסטאַנטינאָוו גייט!" און ווי פון אַ כישוף באַווירקט האָט מען זיך שוין מעכאַניש געגעבן אַ דריי אויס, און אַנגע־

הויבן צו שפּאַנען צוריק, אוועק וואָס ווייטער. אָבער ווי איז געווען דעם, וואָס האָט זיך נישט געקאָנט אַרויסדרייען, אָדער איז צופעליק אַריינגעפאַלן אין קאָנסטאַנטינאָווס הענט. ער האָט פאַרכאַפּט אָן שום איינזעעניש. און דאָרט אין קעלער פון 8טן צירקל פלעגט ער זיך שוין אַליין פאַרנעמען מיטן „אויספאָרשן" די אַרעסטירטע. די שכנים פון די אַרומיקע יידישע הייזער זענען געווען עדות פון די יאָמערלעכע געשרייען, וואָס פלעגן זיך טראָגן יעדע נאַכט פון צירקל־קעלער.

ס'איז געווען דערביי אויך אַ ריין יידישער מאָמענט. וועגן קאָנסטאַנטינאָווס באַזונדערער שנאה צו יידישע אַרעסטאַנטן האָט מען אין וואַרשע דערציילט פאַרשידענע געשיכטעס. ס'האָט דאָ געשפּילט אַ ראָלע אַ יידישע פרוי. די אַדאָפּטירטע טאָכטער פון דעם גבירישן נאַלעווקער גאַלאַנטעריע־סוחר שמואל טויבענהויז. מיט עטלעכע יאָר פריער האָט שמואל טויבענהויז געהאַט געקראָגן די קאָנצעסיע פאַרן פאַרוויילונג־פּלאַץ אין מוראַנאָווער פּאַרק. דאָרט ווו ס'איז שפּעטער געווען דאָס באַרימטע יידישע מוראַנאָווער טעאַטער. קאָנסטאַנטינאָוו איז דעמאָלט געווען געהילפס־קאָמיסאַר אין פערטן, מוראַנאָווער צירקל, און געהאַט די אויפזיכט איבער דעם פּאַרק, ווו ס'פלעגט זיך מערסטנס פאַרווײלן די אָרימערע יידישע באַפעלקערונג. איינמאָל האָט ער דאָרט דערזען און זיך באַקענט מיט טויבענהויזס טאָכטער, אַ בילד שיינע יונגע גרושה. ער האָט, זאָל עס הייסן, זיך שטאַרק איינגעליבט אין איר. אָבער זי האָט פון אים נישט געוואָלט הערן, און אין גיכן חתונה געהאַט פאַר אַ געוויסן נייפעלד. דאָס האָט דעם פאַרצווייפלטן קאָנסטאַנטינאָוו, וועלכער איז ביז דעמאָלט געהאַט געווען אַ נישקשהדיקער גוי, געבראַכט אין אַזאַ צאָרן, אַז ער איז געוואָרן אַ שונא ישראל. און שפּעטער, ווען די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט זיך צעוואַקסן, און ער איז אַריבערגעפירט געוואָרן אין 8טן צירקל, אין האַרץ פון דער יידישער געגנט, האָט ער זיך גענומען אויסלאָזן זיין גאַנצע שנאה מערסטנס צו די יידישע אַרעסטירטע, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין זיינע הענט.

קאָנסטאַנטינאָווס שנאה צו יידן איז שפּעטער נאָך פאַרגרעסערט געוואָרן צוליב דעם פּאָרפאַל, וואָס האָט אים פאַרשאַפט אַ סך שרעק און בושה. אין אַ שבת אינדערפרי, איז ער אויף פּאַנסקע גאַס, בשעת ער איז געגאַנגען אַליין, אָן זיינע היטערס, באַפאַלן געוואָרן פון אַ מחנה יידישע

רעוואָלוציאָנערן, צוזאמען מיט א גאנצן המון, וואָס האָבן דערזען א שעת הכושר זיך אָפּצורעכענען מיט דעם פאַרהאסטן רשע. מען האָט אים גע־וואָלט צערייסן אויף שטיקער. אָבער אין דעם אַלץ גרעסער ווערנדיקן עולם האָבן זיך געפונען גענוג אַזעלכע, וואָס האָבן געזען די סכנה פון טויטן אים. מען האָט אים אָפּגעראטעוועט. דער המון האָט זיך נאָר באגניגנט, וואָס מ'האָט ביי אים צוגענומען זיין רעוואָלווער מיט דער שווערד, אים אראָפּגעריסן די עפּאָלעטן און דאָס פּאָליציייאישע היטל, און מיט א חוזק־פאַראד אים צוגעפירט נאָענט צום צירקל און אים אָפּגעלאָזט. פון דע־מאָלט אָן האָט קאָנסטאנטינאָוום אכזריות נישט געהאט קיין גרענעץ. ער האָט טעראָריזירט די גאנצע געגענט ארום. ער האָט פארשטארקט די צאָל סאָלדאטן אין די פּאטרולן, מיט וועלכע ער איז געווען ארומגערינגלט. ס'האָט געהייסן, אז איצט איז ער שוין אומצוטריטלעך. און מיטאמאָל, דער שרעקלעכער באָמבע־אויפרייס, און די בליץ־שנעלע ידיעה — קאָנ־סטאנטינאָוו צעריסן אויף שטיקער...

פארשפּאָרט צו זאָגן, אז איך, פּונקט ווי אַלע אויף דער באַגנע און די ארומיקע גאסן, האָבן זיך באלד אָפּגעטראָגן. ווייל פון דער מארשאל־קאָווסקע, ווו דער אויפרייס איז פאָרגעקומען, האָט זיך גלייך דערהערט א שטארקע שיסעריי. דאָס האָבן די סאָלדאטן פון קאָנסטאנטינאָווס פּאטרול געהאט א באפעל, אז ווען מיט אים וועט עפּעס פּאסירן, זאָלן זיי שיסן רעכטס און לינקס.

ס'האָט נישט לאנג געדויערט און ס'איז באוווּסט געוואָרן, אז דער באָמבע־ווארפער איז געווען דער יידישער בחור ברוך שולמאַן, א מיט־גליד פון דער „באַיוווקע" ביי דער „פּ.פּ.ס.", די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּארטיי. ער האָט געהאט געטראָגן די פארשטעלטע באָמבע נאָכגעהאנגען אויף דער ברוסט, און אים האָט זיך איינגעגעבן, טראָץ די פּאטרול־סאָל־דאטן, צוצוקומען ביז צום ראָג מארשאלקאָווסקע און שווענטאָקזשיסקע, ווו קאָנסטאנטינאָוו האָט פּאטרולירט. די קראפט פון דער באָמבע איז געווען אזוי שטארק, אז קאָנסטאנטינאָוו איז אויגנבליקלעך צעריסן גע־וואָרן, און שטיקער פון זיין קערפּער האָט מען געפונען הענגען אויף די ארומיקע באלקאָנען און געזימסן פון די הייזער. די צאָל מענטשן, וואָס זענען צוזאמען מיט אים געהרגעט געוואָרן וואָלט געווען א סך גרעסער,

זוען נישט די פּאַרזיכט מיטלען, וואָס די אָנפאַלער האָבן אָנגענומען: פאַר דער באַשטימטער צייט, האָבן אין פאַרשידענע גאַסן יונגע לייט זיך גע־מאַכט חלשן און זיך געוואָרפן אויף די שינעס, כדי אָפּצוהאַלטן די טראַמ־ווייען נישט צוצופאָרן נאָענט צו דער מאַרשאַלקאָווסקע גאַס.

דאָס חידושדיקסטע איז געווען, וואָס דער אָנפאַלער אַליין, ברוך שול־מאַן, איז נישט באַשעדיקט געוואָרן. ער האָט אין טומל אָנגעהויבן צו אַנט־לויפן, ער האָט אָבער דערזען ווי מען איז באַפאַלן איינעם פון זיינע חברים אַרויסהעלפערס, און ער האָט געשאָסן מיט זיין רעוואָלווער, יענעם צו ראַ־טעווען. ער האָט דאַן זיך אַריינגעקראָגן אין „אייזנהויף" אויף דער דער־נעבנדיקער „גרינע" גאַס, אָבער דאָרט האָבן אים די סאָלדאַטן נאָכגעיאָגט און אים דערשטאָכן מיט די באַיאָנעטן.

ברוך שולמאַנס לויה איז פאָרגעקומען שטילערהייט. אָבער זיין קבר אויף גענשער בית עולם איז געוואָרן אַן אָרט, וווּהין די יידישע יוגנט האָט זיך געצויגן מיט געזאַנג און מיט בלומען. דער נאָמען פון דעם פּשוטן בחור, וואָס פלעגט פריער, ווי מ׳האָט נאָכדערציילט, זיך אַרומדרייען פּוסט און פּאַסט, און איז נאָכדעם אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער רעוואָלוציאָ־נערער באַוועגונג און זיך דערהויבן ביז העלדישקייט, איז פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין פּוילן אין אַ סימבאָל פון מסירת נפש און שרעקלאָזן מוט. דאָס יידישע וואַרשע איז געווען שטאָלץ אויף איר יונגן העלד. עס זענען אַפילו געשאַפן געוואָרן אַנאָנימע פאָלקס לידער וועגן דעם ווי

„אַז ברוך שולמאַן איז אויף דער גאַס אַרויסגעגאַנגען,
געגאַנגען איז ער מיט אַ באָמבע אין דער האַנט" . . .

די צאַרישע פּאָליציי האָט נישט איינמאָל צעוואָרפן און צעטרעטן זיין קבר. אָבער די יידישע רעוואָלוציאָנערע יוגנט האָט אויף להכעיס נישט אויפגעהערט ווידער אויפצושטעלן זיין מצבה, און שטראָמען אַהין דע־מאָנסטראַטיוו, כדי צו לייגן יעדעס מאָל פרישע בלומען פאַר זייער באַ־ליבטן ברוך שולמאַן, וואָס האָט זיך נוקם געווען אָן דעם צורר היהודים, אָן דעם בלוטיקן קאָנסטאַנטינאָוו.

29 גענשע

ווארשע 1905־1906 — ווי א צעכוואליעטער, צעברויזטער ים, צע־שמיסן דורך א צעווילדעוועטן שטורעם. ווי דאָס גאנצע רוסישע לאנד איז די אמאָליקע פוילישע הויפּטשטאָט אויך געווען ארומגעכאפּט פון דעם רעוואָלוציאָנערן אוראגאן, וואָס האָט געריסן שטיקער פון דער אלטער אָרדענונג און זי געזוכט אויסצורייסן מיט די פונדאמענטן אירע. אין טייוואָלאָנישן שטורעם פארכאפּט, האָט זי זיך געשלײַדערט פון די טיפסטע טיפענישן ביז די העכסטע הויכן אויף די רעוואָלוציאָנערע כוואליעס. אָט איז זי געזונקען ביז צו דער טיפסטער נידערלאגע קעגן דער ברוטאלער מאכט פון דער צארישער זעלבסטהערשאפט, און אָט האָט זי זיך דער־הויבן ביז צום געוואגטסטן נצחון איבער דעם טעמפּן, אכזריותדיקן שונא.

אָט איז די אומפּארגעסלעכע, עקסטאזפולע נאכט פון „ניינטן יאַ־נואר", ווען אין דער בלינדער פינסטערניש פון דער אויסגעלאָשענער שטאָט האָבן געפלאקערט אין העלישע פלאמען די אונטערגעצונדענע „מאָ־נאָפּאָל" געוועלבער און אנדערע רעגירונגס־אַנשטאלטן. און אָט די מיט קנאלן און זאלפּן פארהילכטע טעג, ווען די גאסן־שטיינער זענען באפלעקט געוואָרן מיטן בלוט פון די קעמפער אין די אלע זיך מערנדיקע דעמאָנס־טראציעס.

אָט איז דער „בלוטיקער מיטוואָך", ווען אין איין אין דער זעלבער צייט זענען דערשאָסן געוואָרן אלע מיליטערישע פּאטרולן אויף די פאר־שידענע גאסן־ראָגן פון ווארשע. און אָט די פיינלעכע דריי טעג, ווען די שטאָט איז איבערגעגעבן געוואָרן אין רשות פון די „וואָלינצעס", דאָס בלוטיקע פאָלק, וואָס האָט זיך נוקם געווען אין די איינוווינער מיט דעם מיליטערישן פּאָגראָם. אָט איז דער דרייסטער אָנפאל אויפן „פּאוויאק",

זוען פּילסודסקי מיט זיינע חבר'ים, פאַרשטעלט אלס רוסישע זשאַנדאַרן, האָבן אַרויסגעראַטעוועט צען רעוואָלוציאָנערע קעמפער, וועלכע מ'האָט געזאָלט פירן צו דער תליה אין וואַרשעווער ציטאַדעל. און אָט דער שענד־לעכער פאַרראַט, ווען דאָס פּאָלק איז ביים פּראָקלאַמירן די מכלומרשטע קאָנסטיטוציע פאַרנאַרט געוואָרן צום ראָטהויז־פּלאַץ, און דערנאָך אין די הונדערטער צעשניטן געוואָרן אין שמיקער דורך די קאָזאַקן און זשאַנ־דאַרן, וואָס זענען זיי באַפאַלן מיט די הוילע שווערדן.

ס'איז געווען אַ געראַנגל אויף לעבן און טויט. אַ געראַנגל צווישן דער אָפּגעלעבטער, אַכזריותדיקער אָרדענונג, און דער צום לעבן זיך ריי־סנדיקער, אַזוי פיל צוזאָגנדיקער פרייהייט. און דאָס יידישע וואַרשע, ווי אַ בלוטיק פאַראינטערעסירטער צד, האָט מיטגעקעמפט, מיטגעשטורעמט, מיטגעפיבערט מיט דעם אַלגעמיינעם געווירבל. זי האָט מיטגעיובלט און מיטטריאומפירט מיט אַלע געווינסן, וואָס ס'האָט זיך איינגעגעבן אַרויס־צוריסן ביי דעם ברוטאַלן שונא. און זי איז אַריינגעפאַלן אין טיפסטן צער ביי יעדן פאַרשפּילטן קאַן אין דעם גרויסן קאַמף. די יידישע יוגנט האָט זיך געפונען תמיד אין די פאָדערשטע רייען פון דעם צעפלאַקערטן גע־ראַנגל. אין אַלע פאַרטייען, אין דער „פּ.פּ.ס", אין דער „ס.ר." אין „בונד", אין „פּועלי ציון", אומעטום האָט איבערגעשווימט דער רעוואָלוציאָנערער עקסטאַז און די קאַמפּסלוסטיקייט פון די יידישע בחורים און מיידלעך. די יוגנט האָט פאַרשפּרייט פּראָקלאַמאַציעס, געזאַמלט געווער, געפירט דע־מאָנסטראַציעס, געוואָרפן באָמבעס. מיט ציין און נעגל, מיט ענטוזיאַזם און פאַרביטערונג האָט מען, סיי זייט ביי זייט מיט דער אַלגעמיינער באַ־פעלקערונג, און סיי באַזונדער אָפּגעטיילט, געקעמפט פאַר דעם גרויסן חלום צו באַפרייען די מענטשהייט און ווערן אַליין אויך באַפרייט.

און ס'איז געווען נישט מער ווי נאַטירלעך, אַז דער ברויזנדיקער שטורעם האָט אויך מיך נישט אויסגעלאָזן. מיט מיינע 15, 16 יאָר בין איך געווען ווי פאַרשכורט דורך דער גראַנדיעזקייט פון דעם פאַרמעסט צו שאַפן אַ נייע וועלט. ס'האָט זיך געריסן בייצוטראָגן די יונגע כוחות צו דעם בלוטיקן שיינעם שפּיל. ס'האָט געלאָקט צו ווערן אַ מיטגליד פון אַ רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. און דער דירעקטסטער וועג דערצו איז געווען

אָנצוקניפּן פאַרבינדונג מיט באַקאַנטע חברים אויף א „בערזשע", אויף איינער פון די יידישע גאַסן.

די „בערזשע" פלעגט זיין דער זאַמל־פּונקט, ווו די מיטגלידער פון איין פּאַרטיי האָבן זיך עפּענטלעך צוזאַמענגעטראָפן אין די פאַרנאַכטן, אָדער שבת נאָכמיטאָג. אין א באַשטימטער שעה פלעגט דער טראָטואַר פון א געוויסער זייטיקער גאַס פאַרפּלייצט ווערן פון הונדערטער און הונ־דערטער יונגע אַרבעטער, אַרבעטאָרינס, אינטעליגענטן, „פאַרשטייערס". ווי א לעבעדיקער טייך האָט זיך דער שטראָם געצויגן פון איין עק גאַס צו דער צווייטער און צוריק. דאָרט פלעגן צעטיילט ווערן פּראָקלאַמאַציעס, איבערגעגעבן ווערן אָנווייזונגען, באַפעלן. דאָרט פלעגט מען מיט פאַר־פלאַמטע פּנימער דיסקוטירן פּאַרטיי געשעענישן און אַרומרעדן די לעצטע פּאַסירונגען. דאָס פלעגט אַזוי אָנהאַלטן אין די שפּעטע שעהן אריין. ביז די רייען פון די שפּאַצירער פלעגן אויפגעריסן ווערן, אָדער דורך דעם וואָס מ'האָט פּלוצים אַנטדעקט צווישן זיך א „שפּיצעל", א פאַרדעכטיקטן שפּיאָן, אָדער דורך דעם וואָס ס'איז אָנגעקומען א מיליטערישער פּאַטרול. אין ערשטן פאַל פלעגן די רייען אָנהייבן צו ראַיען ווי צערייצטע בינען. מיט צעביילטע פויסטן האָט מען זיך געוואָרפן אויף דעם שפּיאָן און אים אַזוי לאַנג געשלאָגן, ביז ער האָט זיך קוים א לעבעדיקער אַרויסגעראַטעוועט פון דער צערייצטער מאַסע. אין צווייטן פאַל פלעגן די רייען זיך צעפאַלן און צעלויפן אין אַלע זייטן, אָדער אריין אין די האַלב אָפענע טויערן, ווו מ'האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון די צעווילדעוועטע סאָלדאַטנס קלעפּ און נאַ־גייקעס. די וויניקער גליקלעכע פלעגן אַרעסטירט ווערן און אָפּגעפירט ווערן אין די תפיסות פון ראָטהויז אָדער פּאַוויאַק, ווו זיי האָבן דורכגע־מאַכט דעם ערשטן קורס אין זיין קרבנות פון דער רעוואָלוציע.

מיין וועג האָט געפירט צו דער דזשעלנע גאַס, ווו ביידע זייטן טראָ־טואַרן זענען געווען פאַרנומען מיט צוויי פאַרשידענע „בערזשעס". אויף איין זייט איז געווען די בערזשע פון „בונד" און אויף דער צווייטער פון דער „פּועלי ציון". איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אָן דער צווייטער. אָנגע־שלאָסן אָן דער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי האָב איך זיך אויס דעם אינערלעכן יונגן באַוווסטזיין, אַז קעמפן פאַר דער אַלגעמיינער מענטשהייט קאָן מען

נאָר ווען מען קעמפט גלייכציייטיק אויך פאַרן גליק פון יידן אלס גלייכ־באַרעכטיקט פאָלק, וואָס פאַרמאָגט אן אייגן לאַנד.

א גרויסן חלק אין אויסצייטיקן אין מיר אָט דאָס באַוווּסטזיין האָבן געהאט צוויי מענטשן. דער ערשטער איז געווען דער ציוניסטישער פּרעדי־קער, צו וועמענס דרשות איך פלעג זיך אזוי גיריק צוהערן. אין יענער צייט האָט זיך אין דער יידישער געגנט ארום גזשיבאָוו צעטראָגן דער שם פון א יונגן ציוניסטישן מטיף, וואָס פלעגט האלטן זיינע דרשות ביים דאַ־ווענען יעדן שבת צווישן שחרית און מוסף אין איינע פון די שטיבלעך אויף טוואַרדע גאַס. מ'פלעגט דערציילן חידושים פון דעם אופן ווי ער פלאַמט אויף די הערצער פון זיינע צוהערערס מיט זיינע באַגייסטערנדיקע רייד, מיט וועלכע ער רופט יידן צו נאַציאָנאַלער אויפוואַכונג, צום נאַ־ציאָנאַלן זעלבסטבאַוווּסטזיין, און צום קאַמף פאַר אן אייגנער יידישער היים אין אן אייגן יידיש לאַנד, אין לאַנד פון אונדזערע אבות. מען פלעגט קומען פון אַלע גאַסן ארום און באַלאַגערן דאָס „שטיבל", ווו דער יונגער מטיף האָט געפּרעדיקט. מערסטנס זענען אהין געלאָפן יונגע חסידישע בחורים, וואָס פלעגן מיט סכנות נפשות זיך ארויסגנבענען פון זייערע איי־גענע „שטיבלעך", ווו זיי האָבן געדאַוונט מיט די טאַטעס. בשעת קריאת התורה האָט מען זיך אריבערגעכאַפּט, כדי מיט קלאַפּנדיקע הערצער אויפ־צונעמען די פלאַמענדיקע רופן צו דעם אַלט־נייעם לאַנד, צו א פריי, זעלבסט־שטענדיק לעבן. טאַטעס פלעגן אזעלכע בחורים שפּעטער „דורס זיין". דער־לאַנגען פּעטש און מאַכן א פאַרשטערטן שבת. אָבער דאָס האָט קיינעם נישט אָפּגעהאַלטן מיט פאַרכאַפּטע אָטעמס צו קומען זיך אריינשטופּן אין דעם באַלאַגערטן שטיבל און זיך אָנזעטיקן מיט די באַגייסטערנדיקע דרשות.

איך בין אויך געווען איינער פון די ענטוזיאַסטן, וואָס פלעגט א דורשטיקער קומען שבת נאָך שבת, כדי צו לאָזן זיך מיטרייסן מיט דעם יונגן מטיף. אין זיין שוואַרצער, פיין געפּוצטער אַטלאַסענער קאַפּאָטע, מיט דעם קליינעם קאַפּעלע אויפן קאָפּ האָט ער אויסגעזען ווי א יונגער אוריאל אקאָסטאַ, מיט דעם בלאַסלעכן פּנים ארומגענומען פון קוים אָנ־געשפּראָצטן שוואַרצן בערדעלע, און מיט די טיף שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן געגליט פון באַגייסטערונג, בשעת זיין אנגענעמע, פרישע שטימע האָט

געשילדערט די שיינקייטן פון א פריי, ליכטיק לעבן אין דעם צוריק אויפ־געבויטן יידישן לאנד. מיט אזוי פיל יארן שפעטער האב איך זיך מיט אט דעם מטיף ציוני באגעגנט אין תל אביב. דאס איז געווען דער באקאנ־טער ארץ ישראלדיקער שרייבער י. ל. וואלמאן.

דער צווייטער, וואס האט מיך מדריך געווען און אין מיר דערוועקט די בענקשאפטן צו דעם אוראלטן לאנד אונדזערן, איז געווען מיין העב־רעאישער לערער בן צבי גאטליב. זיין השפעה אויף מיר איז געווען זייער שטארק. ער האט געהאט א גוואלדיקן כוח צו באצויבערן מיט זיין וואר־רעמער, מוזיקאלישער שטימע, פונקט ווי מיט זיינע ארייננדרינגענדיקע שטאל־גרויע אויגן. ער האט געקאנט מיטרייסן בשעת ער האט אין זיין פריי פליסיקן און פארביקן העברעאיש פאנטאזירט וועגן דער גרויסער וועלט, וועגן דער שיינקייט פון בילדונג, וועגן דער חשיבות פון מענטש, און וועגן דער וויכטיקייט, אז יעדער איינער זאל זיך קאנען אויסלעבן פריי אין זיין אייגן לאנד, אין זיין אייגענער היים, אלס גלייכער מיטגליד אין דער גרויסער פעלקער־משפחה. זיין פיין געפארעמטער קאפ מיט די ציכטיק געפלעגטע לאקן האבן תמיד געשיינט צו זיין באשטראלט מיט דער ליכ־טיקייט פון דעם אינערלעכן פייער, וואס האט אין אים געלויכטן. לאנגע שעהן האב איך נעבן אים פארבראכט אדער ביי אונדז אין דער היים, אדער אין זיין ארימער, ציכטיקער וווינונג. אויך אים האב איך שפעטער באגעגנט אין ארץ ישראל, בשעת איינעם פון זיינע ארויסטריטן אלס רעד־נער אין „בית עם" פון תל אביב — בן צבי ידידיה.

אין דער פועלי ציון גרופע, צו וועלכער איך בין צוגעטיילט געווארן, איז דער „פארשטייער" געווען חבר לאמפערט. א מיטלגעוויקסיקער, פעסט נעבויטער, קרעפטיקער בחור, מיט א קאפ וואס האט שטארק דערמאנט אן בעטהאווען, נאר אן יענעמס גדיכט געלאקטן קאפ. ער איז געווען א טשי־קאווער טיפ פון א קאנספיראטאר רעוואלוציאנער. ער האט געקאנט זיין זייער געהיימנישפול, שווייגעוודיק. איבערגעבן זיין ווילן בלויז מיט א בליק פון זיינע שארפע אויגן. אויף דער „בערזשע" אבער פלעגט ער זיך שנעל באוועגן אין זיין לאנגער פעלערינע, מיט דעם גראבן שטעקן אין דער האנט. צושטיין דא צו איין גרופע, דא צו א צווייטער, און הויך אויפן קול געבן אנווייזונגען אין העברעאיש אויף אביסל דעמאנסטראטיוון אופן.

איך געדענק, אַז מיר האָבן אים ליב געהאַט און אים געווען שטאַרק איי־בערגעגעבן.

איך געדענק נאָך גאַנץ גענוי, אַז אויף „אונדזער" זייט בערזשע, ביי די „פּועלי ציון" האָט מען זיך געפּילט אַזוי פּיל וואַרעמער, היימישער. פּלעגט מען זיך אַמאָל אַריבערכאַפּן אַהין אויף דער „בונדישער" זייט, אָדער איז ווער פון זיי אַריבערגעקומען צו אונדז כדי צו פאַרפירן אַ שמועס, אָדער זיך אַריינלאָזן אין אַ דיסקוסיע, האָט מען געפּילט, אַז „מיר" פאַר־מאָגן עפּעס אַזוינס, וואָס איז מ ע ר אינטימער און האַרציקער. די אויגן ביי אונדזערע חברים האָבן געלויכטן מיט אַ פייער, וואָס האָט געשטראָמט פון ערגעץ טיפער. אונדזער באַגייסטערונג איז געווען אייגענער און פריי־דיקער. אין מיין יונגקייט האָב איך געהאַט דאָס געפּיל, אַז דער חלוק איז געווען ווי צווישן וואַרעם האַרציקע חסידים און שטרענג מוחדיקע מתנגדים...

צונויפקומען זיך אויף אויפקלערונגס־שמועסן און לעקציעס פלעגט אונדזער קאָנספּיראַטיווע גרופּע אין שלומס קאַוויאַרניע אויף געשנע גאַס נומער 29, פונקט אַנטקעגן דער באַרימטער „וואָיענע טורמע". אויף עט־לעכע טרעפּלעך איז מען אַרויפגעגאַנגען אין דער נישט צו גרויסער עס־שטוב, מיט די טישלעך, וואָס זענען תמיד געווען באַלאַגערט מיט בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן זיך געהיצט און דיסקוטירט, געלאַכט און זיך געבייזערט הויך אויפן קול. דאָס אָרט איז שטענדיק פול געווען מיט דעם יונגנטלעכן גערויש, אויסגעמישט מיט דעם געדיכטן פּאַפּיראָסן רויך, און דעם שאַרפן ריח פון קאַווע מיט קעזקוכן. דאָס אייגענע אויך אין די ווייַ־טערדיקע קלענערע צימערלעך. אָבער דאָס גאָר לעצטע חדרל איז געווען אָפּגעגעבן פאַר אונדזער גרופּע, ווען מיר פלעגן אין די אָוונטן צוזאַמענ־געדריקטע, שטאַרק פאַראינטערעסירטע זיך איינהערן צו די שמועסן פון אונדזער פאָרשטייער, חבר לאַמפּערט, אָדער צו די פאָרשטייערס פון אַנ־דערע גרופּעס, וואָס פּלעגן קומען צו אונדז.

פאַרוואָס די קאָנספּיראַטיוו און האַלב קאָנספּיראַטיווע צוזאַמענקונ־פטן זענען דווקא פאָרגעקומען אין דער קאַוויאַרניע, וואָס איז געווען בלויז עטלעכע טריט פון דער טורמע, ווו ס'האָט תמיד געראָיעט מיט סאָלדאַטן און תפיסה־וועכטער, קאָן איך ביז איצט נישט דערקלערן. אפשר איז עס

געוועז א טייל פון א מעטאָדע אָפּצוטון די געפּערלעכסטע זאַכן פּונקט „אונטער דער נאָז" פון דער מאכט, קעגן וועלכער מ'האָט געקעמפט. ווייל, אַזוי געדענק איך, האָט זיך די קליינע קאָנספּיראַטיווע ביבליאָטעק, וואו מיר האָבן געקראָגן צו לייענען די אומלעגאַלע דינגע בראָשורן פון רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור, אויך געפונען בלויז עטלעכע טריט אַנטקעגן א צווייטער מיליטערישער קאַזאַרמע אויף דער צעגלאַנע גאַס. ווייטער אַוועק פון דעם באַרימטן אַדרעס צעגלאַנע נומער איינס, וואו עס האָט געוווינט י. ל. פּרץ.

דאָס איז געווען א קליין טאַבאַק־געוועלבל, דלת על דלת. די קונים פלעגן מערסטנס זיין די סאָלדאַטן פון דער אַנטקעגנאיבערדיקער קאַזאַרמע. דער באַלעבאָס איז געווען א יידישער יונגערמאַן, א העל בלאָנדער, מיט בלויע שמייכלענדיקע אויגן. ווען נישט זיין יידישע קליידונג וואָלט ער זיכער געקאָנט אָנגענומען ווערן פאַר א קריסט. ער פלעגט זיך האַלטן זייער רואיק, בשעת זיין האַנדלען מיט די זעלנערישע אָדער פּריוואַטע קונים. ער האָט אָבער באַוויזן מיט א זייער פלינקער רירעוודיקייט צוצונעמען ביי אונדז די צוריקגעבראַכטע אומלעגאַלע בראָשורן, וואָס זענען געווען געדרוקט אויף דעם דינסטן ביבולע פּאַפּיר, איינגעהילט אין שוואַרצע הילעס. מיט איין שנעל אַרויסגערעדט וואָרט האָט ער געוווּסט וואָס ווייטער צו געבן. אויף בלויז א סעקונדע פלעגט ער פאַרשווינדן אין דעם קליינעם אַלקערל הינטערן געוועלבל, צוריק אַרויסקומען, און כמעט אומבאַמערקט אונדז איבערגעבן דאָס קאָנספּיראַטיווע פּעקעלע, מיט וועלכן מ'האָט זיך אַרויסגעשמוגלט אין גאַס אַרויס. איך באַדויער זייער וואָס זיין נאָמען האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון מיין זכרון. אָבער ער שטייט פאַר מיר ווי א לעבעדיקער, דער בלאָנדער, גויאיש אויסזעענדיקער יידישער יונגערמאַן, וועמען איך בין אַזוי פיל מאָל דאַנקבאַר געווען, און צו וועמעס קליינעם טאַבאַק־געוועלבל איך פלעג גיין מיט אַזוי פיל האַרצקלאַפּעניש.

פונדעסטוועגן איז דאָס אָפּהאַלטן קאָנספּיראַטיווע פאַרזאַמלונגען דווקא אונטער דער נאָז פון דער מאכט, נישט תמיד געווען א פעסטע פאַרזיכערונג. אַזוי געדענק איך אפילו, ווי בשעת איינער פון אונדזערע צוזאַמענקומען אין דעם קליינעם הינטערשטן חדרל אין שלומס קאַוויאַרניע, איז פּלוצים געוואָרן א טומל. זעלנער זענען באַפאַלן דאָס פאָדערשטע גע־

וועלכע פון גאַס. מיר, יונגע חברה, האָבן זיך אַלע ארויסגעקראָגן דורכן נידעריקן פענסטער אין הויף אריין. האַלב צעשראָקענע און דאָך בראַוו־ריש שמייכלענדיקע האָבן מיר זיך ווי ס'איז צעשפּרייט און זיך ארויסגע־קראָגן דורכן נישט פארמאכטן טויער. צום גליק איז די אַבלאַווע נישט געווען קיין שטרענגע, און איך געדענק נישט, אַז ווער פון די חברים זאָל האָבן ארעסטירט געוואָרן.

אָבער יענע טעג פון „באַלאַנגען צו דער פּאַרטיי" האָבן פארשאַפט אַזוי פיל פרייד. זיי האָבן אָנגעפולט דאָס יונגע האַרץ מיט אַזוי פיל ענ־טוזיאַזם און גלויבן. ווען כ'האָב זיך די לעצטע יאָרן, דאָ אין אַמעריקע, אָנגעטראָפן מיט וואַרשעווער חברים, וואָס האָבן זיך נאָך געדענקט פון יענער צייט; ווען מיר האָבן זיך צערעדט און דערמאָנט ביי די נעמען מענטשן און ערטער, וועלכע מיר האָבן צוזאַמען געקענט אין יענע בליענ־דיקע טעג, האָב איך ווידער אויפגעכאַפּט די עכאָס פון יענעם גלויבן און באַגייסטערונג. אויגן האָבן זיך צעשטראַלט, פּנימער האָבן זיך צעשמייכלט, און הענט האָבן זיך געדריקט אין וואַרעמער, חברישער נאָענטקייט.

מיט גוטמוטיקע שמייכלען האָט מען זיך דערמאָנט אָן דעם פאַל בשעת דעם שטרייק, וואָס די פּ"צ האָט אָנגעפירט ביי די יידישע רעסטאָ־ראַטאָרס, זיי צו צווינגען צו פארבעסערן די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון די קעלנערס. אונדזער גרופּע מיט אונדזער „פּאַרשטייער" איז אויסגע־קומען צו פארהאַנדלען דעם סכסוך מיט דעם רעסטאָראַטאָר פון ראָג דזשיקע און נאַוואַליפּקע. די אַלגעמיינע טאַקטיק איז דעמאָלט געווען — נישט ווי אין אַמעריקע, צו לאָזן די געשעפטן, ווו דער שטרייק קומט פאָר, אָפן. בלויז „פּיקעטן" — מ'האָט ארונטערגענומען די קעלנערס פון דער ארבעט, און געצוווּנגען דעם אייגנטימער צו האַלטן פארמאַכט זיין גע־שעפט, ביז ער האָט נישט נאָכגעגעבן די פאָדערונגען, וואָס די פּאַרטיי האָט אים געשטעלט. דער רעסטאָראַטאָר פון דעם דערמאָנטן געשעפט האָט זיך איינגעשפּאַרט און בשום אופן נישט געוואָלט לאָזן פארמאַכן די טירן. ער האָט געסטראַשעט מיט רופן פּאָליציי. ער איז געוואָרן אַלץ חוצפּה־דיקער, און די פּאַרטיי־פּאַרשטייער, וואָס האָבן מיט אים און זיינע מיט־העלפערס פארהאַנדלט, האָבן זיך פאַרגענומען מיט אַלע מיטלען צו ברעכן זיין עקשנות. אונדזער חבר לאַמפּערט האָט זיך דאָ געפונען אין זיין ריכ־

טיקן עלעמענט. זיין פעסטע פיגור האט אויסגעדריקט אייזערנעם ווילן. ער האט דיסקוטירט און געפאדערט ביי דעם רעסטאראן־אייגנטימער אויף יידיש, און אפגעגעבן אונדזערע חברים זיינע סטראטעגישע באפעלן אין העברעאיש. מיר, יונגע חברה, האבן זיך געטומלט ארום די אויסגעבראַכענע שויבן. סוף כל סוף האט זיך איינגעגעבן דעם רעסטאראטאר איבערצוצייגן, אז מיט זיין אנטקעגן שטעלן זיך וועט ער ערגער מאכן. די טירן פון געשעפט זענען צוגעשלאסן געווארן. און פול מיט נצחון זענען מיר זיך געשווינד צעגאנגען, אויסצומיידן די אנקומענדיקע פאליציי...

אין זכרון איז מיר פארבליבן די פארשטעלטע דעמאנסטראציע, וואס די פארטיי האט איינגעארדנט אום תשעה באב פארנאכט אין דער גרויסער שול אויף דזשיקע נומער 16. דאקטאר קלומעל איז געקומען אדרעסירן די פארזאמלונג, וואס איז זיך צוזאמענגעקומען פארנאכט, ווען די יידן האבן געהאט אפגעדאוונט מנחה נאכן תענית. די שול און דער הויף פון דער שול זענען געווען איבערגעפאקט. נאכדעם ווי אלע רעדעס האבן געזאלט זיין געענדיקט, האט זיך די פארזאמלונג באדארפט פארוואנדלען אין א דעמאנסטראציע פאר ארץ ישראל. די געמיטער זענען געווען געשפאנט. איך קאן זיך נאך דערמאנען ווי מיין יונג הארץ האט געקלאפט פון דערווארטונג. צום אומגליק אבער איז אנגעקומען פאליציי און די פארזאמלונג איז צעטריבן געווארן.

לאנגע יארן האב איך נאך מיטגעפירט מיט זיך די זכרונות פון יענע יונגע שטורמישע טעג אין ווארשע, ווען מען האט מיט אזוי פיל ענטוזיאזם געגלויבט, אז אט אט וועט זיך איינגעבן צו באפרייען די וועלט, און שאפן א ליכטיקן מארגן פאר דעם אייגענעם פאלק, צו וועלכן מען איז אזוי בלוטיק צוגעבונדן...

ביבליאטעק אין אנדענק די
קדושים פון לודמיר
און אומגעקומענע
ביים לודמירער
ל.פ. פאריין אין בוענאס איירעס

13 נאַלעווקעס

דער לויף פון די פּאַסירונגען האָט מיך געפירט אויפן הויף פון די נאַלעווקעס נומער פופצן, ווו איך בין אָנגעקומען אַלס אָנגעשטעלטער אין דער בוכהאַנדלונג פון דוד סאָווע. די אומרואיקע צייט און די געשעע־נישן ארום האָבן מיך ארויסגעריסן פון דער היים און פון בית המדרש. ס'איז נישט געווען קיין צייט מער אויף צו זיצן רואיק און לערנען. מ'האָט באַדאַרפט זען צו זוכן עפּעס א תכלית און ארויסגיין אין דער וועלט אריין. און מיין שטענדיקע ליבע צו ביכער האָט מיך געפירט אָנצוקומען אין א יידישן ביכער געשעפט, ווו מ'קאָן זיין אזוי נאָענט און ממש אָטעמען מיט די אַלע נייע און אַלטע ביכער, אויף וועלכע איך פלעג ביז דעמאָלט קאָנען קוקן בלויז אין די אויסגעשטעלטע שויפענסטער.

דער פרישער אינטערעס אין מיין נייער שטעלע האָט מיך אזוי פאַר־כאַפּט, אז איך האָב כמעט גאָר קיין אויפמערקזאַמקייט נישט געשענקט דעם הויף, ווו די בוכהאַנדלונג איז געווען, אָדער בעסער געזאָגט די הייף — ווייל נאַלעווקעס נומער 13 איז געווען איין לאַנגע ריי הייף, א גאַס א גאַנצע, וואָס האָט זיך געצויגן ביז צום ארויסגאַנג אויף דער דזשיקע גאַס. וואָס איז דאָרט נישט געווען? פאַבריקן און פאַבריקלעך, געוועלבער און געוועלבלעך. א שול און א בית המדרש. א גאַנצן טאָג האָבן געפלייצט שטראָמען מענטשן פון דער דזשיקע צו דער נאַלעווקעס, און פון די נאַ־לעווקעס צו דער דזשיקע. אָבער, ווי געזאָגט, איך בין געווען אינגאַנצן ארייננגעטון אין דוד סאָוועס ביכער געשעפט, ווו איך בין צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן געקומען אין דירעקטן באַריר מיט מענטשן.

דוד סאָווע איז געווען א טשיקאַווער טיפּ. א הויך געוואַקסענער, פיין געבויטער, פון א יחסנישער פאַמיליע. ער האָט געהאַט געענדיקט אַן אור־

ניווערסיטעט אין דייטשלאנד, אין בערלין צי אין מינכן. א געמיש פון א האלבן ציוניסט און האלבן אסימילאטאָר. ער האָט תמיד ווי אונטערגע־שטראָכן, אז ער טוט אימיצן א טובה, וואָס ער רעדט יידיש און באשעפ־טיקט זיך מיט יידישע ביכער. שטארק ענלעך אויף אים איז געווען זיין פרוי. א שלאנקע, שיין געבויטע, א יחסנישע טאָכטער —ביידנס עלטערן זענען געווען הייזער־באזיצערס — וועלכע האָט אויך געענדיקט דעם אוני־ווערסיטעט אין דער אייגענער שטאָט ווי דער מאן אירער. זיי האָבן זיך טאקע דאָרט אין אוניווערסיטעט באקענט און חתונה געהאט. צווישן זיך האָבן מאן און ווייב גערעדט אָדער פויליש אָדער דייטש. און וואָס האָט זיי ביידן צוגעגעבן עפּעס אומסימפּאטישעס איז געווען זייער דייטשע גרויסהאלטערישקייט און דאָס קוקן פון אויבן אראָפּ אויף אלע ארומיקע. אפשר איז דאָס געווען די הויפּט־סיבה, וואָס אין זייער בוכהאנדלונג איז מען זיך זעלטן צוזאמענגעקומען, שרייבערס, אינטעליגענטן, ווי ס'פלעגט מערסטנס זיין אין אנדערע יידישע בוכגעשעפטן. זיי אליין זענען אין בוכ־האנדלונג נישט געזעסן ווי אייגענע, ווי מענטשן צו וועמען דאָס געשעפט געהערט.ביידע זענען זיי יעדן טאָג געקומען אויסגעפּוצטע. זי תמיד מיטן הוט, וואָל און הענטשקעס, וועלכע זי האָט קיינמאָל נישט אויסגעטון. ער מערסטנס אין העלן שלוסראָק, גלייך ווי פּארטיק צו גיין ערגעץ אויף א שפּאציר, און ווי זיי וואָלטן ביידע נאָר אָפּגעטרעטן דאָ אויף א ווײַלע.

דאָס געשעפט איז באשטאנען פון צוויי טיילן. ביכער און זשורנאלן צום פארקויפן אין פעדערשטן געוועלב, און אין דער הינטערשטער טייל די לייַ־ביבליאָטעק, וווּ פאר צוואנציק קאָפּיקעס א חודש פלעגט מען קאָנען ארויסנעמען ביכער צום לייענען. און אָט דער הינטערשטער טייל איז אינ־גיכן געוואָרן מיין באליבטסט אָרט, אין וועלכן איך האָב זיך ארייַנגעטון מיט אלע חושים. איך האָב אין א גאָר קורצער צייט זיך באקענט מיט די אלע פּאָליצעס און מיט די אלע ביכער, וואָס האָבן זיי אָנגעפילט. איך האָב מיט איין שנעלן בליק געקאָנט געפינען יעדעס בוך, וואָס מ'האָט נאָר פאר־לאנגט. איך האָב מיט איינמאָל רעדן מיט א לייענער אויף גיך געקאָנט אויסגעפינען זיין געשמאק און זיין פארלאנג, אזוי אז מערסטע פון זיי האָבן נישט באדארפט אָנקומען צו דעם שלעכט צוזאמענגעשטעלטן קאַ־טאַלאָג, כדי אויסצוזוכן עפּעס צו לייענען. איך פלעג עס זיי צושטעלן אָן

שוועריקייטן. עס איז פאַר מיר געווען אַ שטאַרקע באַפרידיקונג צו זען, ווי כמעט אַלע לייענער האָבן זיך צו מיר צוגעבונדן און זיך פאַרלאָזט אויף מיין אויסקלייב. און לייענער זענען געווען פון פאַרשידנסטן סאָרט. יונגע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, וואָס האָבן געזוכט מערסטנס אויפקלערונגס־ליטעראַטור, די ערשטע פּאָפּולערע ביכלעך וועגן נאַטור־וויסנשאַפט. פּרצס, פּינסקיס, שלום עליכמס, נאָמבערגס, רייזענס און אשם אַזוי קוויקנדיקע, פריש געדרוקטע ביכלעך. עלטערע, שיין געקליידטע, אפילו אויסגעפּוצטע פרויען, וועמען מ׳האָט באַדאַרפט אונטערטראָגן די האַרץ־רייסנדיקע, סענטימענטאַלע ראָמאַנען ווי „דער בלוטיקער אדיע", „די אומגליקלעכע אמאַליא", „רינאַלדאָ רינאַלדיני". יונגע, היימישע מיידלעך וואָס האָבן זיך געזעטיקט מיט שאָמערס ליבעס־דערציילונגען, מיט דינעזאָנס „שוואַרצן יונגעמאַנטשיק" אָדער טענענבוימס דערציילונגען וועגן ווייטע רייזעס און לענדער.

איך האָב תמיד געהאַט דאָס געפיל, אַז איך לעב מיט מיט די אַלע מענטשן, וואָס האָבן זיך אויף אַזאַ שטילן, אינטימען אופן מיט מיר געטיילט מיט זייערע פאַרלאַנגען, וואָס זיי וואָלטן געוואָלט לייענען, אָדער מיט דעם איינדרוק, וואָס דאָס געלייענטע האָט אויף זיי געמאַכט. כאָטש דאָס איז מעגלעך געווען בלויז אין די מיטנוואָך טעג, ווען מען האָט זיך געקאָנט פאַרגינען אביסל לענגער צו שמועסן מיט יעדן באַזונדער. אַנדערש איז געווען אַרום דאָנערשטיק ביינאַכט, אָדער פרייטיק אַ גאַנצן טאָג, ווען דער עולם לייענער האָט זיך געפעדערט אָנצוגרייטן צו לייענען אויף שבת, און דאָס נישט גרויסע ביבליאָטעקל איז געווען באַלאַגערט. דעמאָלט האָט מען געמוזט מיט איין וואָרט זיך איינפאַרשטיין, וואָס מ׳וואָלט געוואָלט און וואָס מ׳קאָן קריגן צו לייענען.

כ׳ווייס נישט אויף באַשטימט, צי דערפאַר ווייל די געשעפטן אין בוכהאַנדלונג זענען געגאַנגען נישט גוט, צי דערפאַר ווייל די סאָוועס האָבן געזען, אַז מ׳קאָן מיך אויסנוצן, אָבער גאָר אינגיכן האָט מען אָפּגעשאַפט איינעם פון די מענטשן, וואָס איז פריער געווען אין געוועלב ביים ביכער־פאַרקויף, און מ׳האָט מיך אַריינגעצויגן אויך אַהין. אויף מיר זענען אַרויפגעלייגט געוואָרן גרעסערע אחריותן. איך האָב אויך באַדאַרפט גיין באַזאָרגן באַשטעלונגען צו די ביכער־פאַרלעגערס, און צו די בוך־הענדלערס, ביי

ווען מ'האט באדארפט קריגן אזעלכע ביכער, וואס נאר זיי האבן גע־האט. איך האב אפט באדארפט אנקומען מיט באשטעלונגען צו יעקב לידסקין אין זיין ביבליאטעק און ביכער־פארלאג אויף די נאלעווקעס.

יעקב לידסקין האב איך פון ווייטן געקענט נאך פון, פריער, ווען איך פלעג קומען אין זיין ליי־ביבליאטעק, ערגעץ אויף אן ערשטן שטאק, בארגן ביכער צום לייענען. ער האט תמיד געמאכט אזא ליבלעכן איינדרוק און ארויסגערופן א שטילן דרך ארץ צו זיך מיט זיין האלטונג און באנעמען זיך מיט לייענער און קונים. ער איז געווען א הויכער, א שלאנקער, דייטש געקליידטער, מיט א טונקל בלאסלעך ערנסט פנים איינגעראמט אין א שווארץ גרוילעך בערדל. איך האב אים קיינמאל נישט געהערט רעדן הויך. ער פלעגט אזוי בנימוסדיק, שטילערהייט, ווען זיינע אנגעשטעלטע זענען געווען באשעפטיקט, אויספרעגן וואס מען וואלט געוואלט לייענען אדער קויפן. און א רואיקער, געלאסענער פלעגט ער צוגיין ארויסנעמען פון גרוי־סע, הויכע פאליצעס דאס פארלאנגטע בוך און עס דערלאנגען. די זעלבע ערנסטע פריינטלעכקייט איז אויך געווען אין זיין באציאונג, ווען איך פלעג שוין קומען דורכפירן באשטעלונגען, אדער צאלן רעכענונגען פאר גע־קויפטע ביכער.

לחלוטין אן אנטקעגנגעזעצטער טיפ איז געווען דער בוכהענדלער בערלינערבלוי, וואס האט זיין געשעפט געהאט אויף טווארדע גאס. ער איז געווען א צעיאכמעטער, אויפגערעגטער כעסניק. ער איז נאך געווען נאר א יונגערמאן, פון א חסידישער משפחה, אבער ער איז שוין געגאנגען האלב דייטש געקליידט. גערעדט האט ער הויך, און קיינמאל קיין גערולד נישט געהאט אויסצוהערן, וואס אן אנדערער זאגט. ער פלעגט נעבן א פאררוק דאס קליינע טוכענע היטעלע, א שפרייט אוים די הענט און א שטעל אן א קאר כעסדיקע אויגן, אז מ'האט געמיינט, ער גייט אייך איינ־שלינגען. אבער ביי דעם אלעם איז ער געווען א יידישער גזלן. ער פלעגט זיך אפקילן אזוי גיך ווי ער איז אין כעס געווארן, און א סך מאל נאך פארענדיקן מיט א ברייטן נעלעכטער. יידישע ביכער האט ער ליב געהאט מיט אן אמתער פאכמענישער ליבשאפט. ער האט זיך שטארק אפגעגעבן מיט יקר המציאותן. און איך האב נישט איינמאל געפירט מיט אים אונ־

טערהאַנדלונגען, װען איך האָב באַדאַרפט קריגן עפּעס אַ בוך פאַר אונ־
דזערן אַ באַשטעלער, אָדער אומבייטן אויף אַ בוך, וואָס ער האָט באַדאַרפט.

מיר איז איינמאָל — מיט אַ יאָר אָדער צוויי פריער — געהאַט אויס־
געקומען אין בערלינערבלוימס בוך־געשעפט בייצוווינען איינע אַזאַ גאָר
טשיקאַווע סצענע. אַ ווינטער טאָג. בערלינערבלוי איז צוליב עפּעס אין
כעס און שרייט אויפן קול. זיינע אויגן שפּריצן פייער, און מיר, עטלעכע
שטענדיקע קונים, וואָס זענען פּונקט דאָ, האָבן זיך מורא צו רירן פון די
ערטער. עס מאַכט זיך אויף די טיר און עס קומט אריין אַ מיטליאָריקער
מאַן, אין אַ ווינטערמאַנטל מיט אַן אויפגעשטעלטן באַראַנקאָווען קאָלנער
און באַראַנקאָווע היטל. בערלינערבלוי מאַכט זיך נישט דערפון, וואָס אַ
נייער מענטש איז אַריינגעקומען. דער אַריינגעקומענער גייט צו צו אים
און באַגריסט זיך:

— שלום עליכם!

בערלינערבלוי לאָזט זיך נישט שטערן, און נאָך כמעט האַלב שרייענ־
דיק ענטפערט ער ווי כלאחר יד:

— שלום עליכם!

דער גאַסט אָבער פאַלט ביי זיך נישט אַראָפּ, און זאָגט אונטער־
שטרייכנדיק:

— כשמו כן הוא. שלום עליכם...

דאָ כאַפּט זיך שוין בערלינערבלוי:

— שלום עליכם?

יאָ. און זיין פּנים ווערט באַגאָסן מיט אַ מאָדנער שולדיקייט. ער
צעשמייכלט זיך פאַרלעגן, אָפּענטפערנדיק אויף דעם גאַסטס ברייטן שמייכל.
און ערשט דאָ כאַפּן מיר זיך אַלע: יאָ, טאַקע ער אַליין, דער גרויסער
שלום עליכם, מיט זיינע דורך די ברילן אַדורך לאַכנדיקע אויגן. אונדזער
שלום עליכם. עס ווערט אַ שטיקל סומאַטאָכע. בערלינערבלוי קומט אַפּויר
פון הינטער דעם געוועלב־טיש, דערלאַנגט דעם גאַסט אַ שטול צום זיצן.
ער שטייט פאַר אים אַ האַלב פאַרלוירענער. מיר, די ביישטייענדיקע, וואַגן
נישט צוצוגיין נאָענט. מיר הערן זיך בלויז פון דער ווייטנס צו צו דעם
שמילן געשפּרעך, וואָס שלום עליכם פאַרפירט מיט דעם באַלעבאָס פון
געשעפט. מיר באַוואונדערן בלויז זיין אַזוי באַקאַנט פּנים, וואָס ענדערט זיך

כסדר, ווערנדיק דאָ באַלעבט מיט אַ קלוג געלעכטערל, און באַלד פאַר־צווינגען מיט אַ טיפער ערנסטקייט.

דער געשפּרעך האַלט נישט לאַנג אָן. שלום עליכם הייבט זיך אויף, געזעגנט זיך מיטן באַלעבאָס, שיקט אין אונדזער זייט אַ שאָקל מיטן קאָפּ, אַלס אָנערקענונג פון דער פאַרערונג, וואָס מיר ווייזן אים אַרויס נישט דרייסטערהייט פון דערווייטנס.

לײדער איז דאָס געווען דאָס איינציקע מאָל, וואָס מיר איז באַשערט געווען צו זען דעם גרויסן שלום עליכם פּנים אל פּנים.

נאָך זיין אוועקגיין צעגיסט זיך בערלינערבלוי ווידער אין איינעם פון זיינע צופרידענע געלעכטערס. ער פאַררוקט דאָס היטל, און שפּרייט אויס די הענט:

— נו גיי וויים — שלום עליכם!...

אַ טשיקאַווער טיפּ מוכר ספרימניק איז אויך געווען פאַניע פּערל־מאַן, וואָס האָט קיין אָפּן ביכער־געשעפט נישט פאַרמאָגט, נאָר געפירט זיין האַנדל אין דעם גרויסן סקלאַד ביכער, וואָס ער האָט געהאַט אָנגע־זאַמלט אין זיין פּריוואַטער שטוב אויף טוואַרדע נומער 6 אָדער 8. מען איז ביי אים אין דער היים דערטרונקען געוואָרן אין ביכער. זיי זענען געווען אָנגעלייגט און אָנגעשטעלט אונטער די בעטן, איבער די בעטן, אין די שענק און אויף די שענק. אויף די פענסטער און אונטער די טישן. אויך ער האָט זיך מערסטנס פאַרנומען מיט זעלטענע ביכער, וועלכע ער פלעגט ערגעץ אויפקויפן, און דערנאָך ברענגען צו באַרימען זיך מיט זיי, אָדער צו סאָווען אין בוכהאַנדלונג, אָדער לאָזן ווייזן וועגן זיי, און מ'האָט זיך געמוזט מטריח זיין צו אים אהיים, אויב מ'האָט זיי געוואָלט קויפן. ער איז געווען שטאַרק פאַרגלויבט אין זיך און אין זיין מבינות אויף ביכער. אין זיין גאַנצער האַלטונג איז מערסטנס געווען: ווי קומט איר? וואָס ווייסט איר וועגן ביכער?... ער האָט זעלטן געקוקט אויפן מענטש, מיט וועמען ער האָט גערעדט. תמיד אָן אַ זייט. ער איז תמיד געווען אַביסל אַ ברוגז־לעכער. תמיד דעם מאַנטל פאַרקנעפּלט און דעם האַרטן קאַפּעלוש פעסט אָנגעטון אויפן גרויליכן קאָפּ. ער האָט נישט גערן געטרויט דאָס באַטרע־פנדיקע בוך פון דער האַנט אַרויס. און האָט מען עס שוין יאָ געקראָגן אָנצוקוקן, און מ'האָט חלילה זיך דערוועגט אַרויסצוזאָגן עפּעס אַ נישט

איננאנצן שמייכלענדיק וואָרט וועגן דעם ווערט אָדער וויכטיקייט פונעם בוך, פלעגט ער עס טון א כאַפּ ארויס פון דער האנט, און זיך געלאָזט אוועקשפּאנען, איבערלאָזנדיק אייך מיט אן אָפן מויל און נישט דערענדיקטן זאָג. ער איז געווען צופיל זיכער, אז מען וועט סוף כל סוף מוזן אָנקומען צו אים, אויב מען וועט זיך טאקע דארפן איינשאפן דאָס פארלאנגטע בוך.

אויך אים, פערלמאנען, האָב איך געקענט פון פריער, ווען איך, צוזאמען מיט מיין יוגנט־חבר בנימין, האָב געפלעגט אים אוועקצוטראָגן אין זיין היימישן ביכער־סקלאַד יעדן גילדן, וואָס מיר האָבן געהאט, כדי איינצוקויפן ביי אים די ביכער, יידישע און העברעאישע, וואָס מיר האָבן געזאמלט אין אונדזער קליינער פריוואטער ביבליאָטעק.

ווי שוין דערמאָנט, פלעגט צוליב סאָוועס נישט שטארקער פריינטלעכקייט אונדזער בוך־געשעפט ניט זיין קיין פארזאמלונגס־אָרט, ווו מ׳זאָל זיך קאָנען צוזאמענקומען. ביי די זעלטענע געלעגנהייטן, ווען ס׳פלעגט אמאָל פארפירט ווערן א שמועס איבער א ליטעראַרישן אָדער פּאָליטישן ענין מיט אימיצן פון די אריינגעקומענע, פלעגט סאָווע תמיד רעדן מיט אזא אויטאָריטעט און זעלבסטזיכערקייט, אז ס׳איז נישט געבליבן קיין אָרט פאר אן אנדערנס מיינונג, וואָס אימיצער וואָלט געוואָלט ארויסזאָגן.

אזוי געדענק איך עטלעכע צוזאמענשטויסן מיט דעם פּאָלקס שרייבער ה. עפּעלבערג, דער מחבר פון דעם בינע שטיק „דוד אין דער וויסטע", וועלכער איז שפּעטער געוואָרן א טעאטער־דירעקטאָר. צו יענער צייט פלעגט עפּעלבערג ארויסגעבן ליטעראַרישע זאמלביכער, אָדער קאלענדארן. ער פלעגט אליין צוזאמענשטעלן דעם ליטעראַרישן טייל, אליין ארומגיין צוזאמענעמען די אנאָנסן, וואָס האָבן באדארפט דעקן די הוצאות פון די ארויסגעגעבענע זאמלביכער, און אויך ארומגיין איבער די בוך־געשעפטן אָפּצונעמען חשבון פון די פארקויפטע עקזעמפּלארן. צוליב דעם ענין האָט ער פון צייט צו צייט געדארפט באזוכן אונדזער בוך־האנדל. ער איז געווען א הויכער, פעסט געבויטער, מיט א געזונט, רויט פּנים און א געל־רויטע געשוירענע באָרד. ער איז געווען זייער א שטאָלצער, און גערעדט מיט כמעט דער זעלבער זעלבסטזיכערקייט ווי דוד סאָווע. איז תמיד, ביי די ערשטע עטלעכע ווערטער, וואָס ער פלעגט ארויסרעדן, בשעת ער איז געשטאנען

פאר דעם ברייט זיצנדיקן סאָוועז, צי דאָס איז געווען וועגן געלט־חשבונות, צי עפּעס איבער אַן ענין וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו די דעמאָלטיקע פּאָליטישע געשעענישן, האָבן באַלד אָנגעהויבן צו פליען פונקען. עפּעל־בערגס רויט פּנים פלעגט זיך ווי אָנצינדן, און סאָוועס גאַוהדיק, להכעיס־דיק קול האָט זיך צעלייגט מיט אַזאַ ברייטקייט, אַז ס'האָט אָנגעהויבן שמעקן מיט מלחמה. נאָך עטלעכע מינוטן פלעגט עפּעלבערג אַ נעם טון זיין אָנגעשטאָפּטן פּאָרטפעל און אַנטלויפן אָן אַ זייט־געזונט, בשעת סאָווע פלעגט אים נאָך נאָכבאַגלייטן מיט נישט גאָר קיין שמייכלענדיקע נאָכרופן.

אנדערע ענלעכע באַזוכן וועגן „ליטעראַרישע" געלטלעכע חשבונות פלעגט ביי אונדז מאַכן דער אין יענער צייט באַקאַנטער מאַרשאַליק־בדחן משה שלאָפּשטיין, אָדער ווי מען פלעגט אים רופן, משה לאָלקעמאַכער. אָבער זיינע באַזוכן זענען תמיד געווען אין אַ לייכטער געמיט. משה לאָלקע־מאַכער איז אַחוץ בדחן געווען אויך אַ פּאָלקס זינגער. ער פלעגט פאַר־פאַסן לידער אויף טעמעס וועגן וויכטיקע פּאַסירונגען, וואָס האָבן זיך פּאַרלאָפן. ער פלעגט צו די לידער צופּאַסן פּאָפּולערע מעלאָדיעס, זיי אָפּ־דרוקן — צוזאַמען מיט זיין בילד — אויף איינצלנע אָדער טאָפּלטע בלעט־לעך, און זיי פאַרשפּרייטן צווישן פאָלק. די לידלעך זענען געווען זייער באַליבט און פלעגן געזונגען ווערן דורך קינד און קייט אין אַלע יידישע שטיבער. אַזאַ איז, למשל, געווען זיין באַרימט ליד וועגן דעם יידישן בוכ־האַלטער פייגעלעס, וועמען צוויי קאָלעגן האָבן דערמאָרדעט, כדי צוצו־נעמען ביי אים דאָס געלט, וואָס ער האָט באַדאַרפט אַריינטראָגן אין באַנק אַריין. דאָס ליד איז געווען אַן איבערדיכטונג אויף אברהם גאָלדפאַדנס טעאַטער־ליד פון „ד"ר אַלמאַסאַדע" — „פאַריאָמערט פאַרקלאָגט", און טאַקע געזונגען געוואָרן מיט דער זעלבער מעלאָדיע ווי דאָס אָריגינעלע ליד.

אויך משה לאָלקעמאַכער פלעגט אין אונדזער בוכהאַנדלונג קומען, ווייל ער פלעגט אַליין צעטראָגן די בלעטלעך מיט די אָפּגעדרוקטע לידער זיינע איבער די בוכהאַנדלונגען, מ'זאָל זיי דאָרט פאַרקויפן. אָבער מיט אים האָט זיך דוד סאָווע נישט געקריגט. ער איז נישט געווען קיין גענוג וויכטיקער קעגנער זיינער. פאַרקערט, מיט אים האָט ער ליב געהאַט צו טרייבן קאַטאָוועס און וויצלען זיך אויף זיין חשבון. דער בדחן איז געווען אַ ייד אַן אָרימאַן, אַ לצנות טרייבער, און האָט אָדער אַראָפּגעשלונגען עפּעס

אַ חוזקל אויף זיין חשבון, אָדער גוטמוטיק אָפּגעענטפערט מיט אַן איי־גענעם חוזק, פון וועלכן דוד סאָווע, און צייטנווייז אפילו די אויסגעפּוצטע מאַדאַם סאָווע, האָבן ברייט און הנאהדיק געלאַכט. משה לאַלקעמאַכער איז געווען אַ ייִד אין די מיטעלע יאָרן, אביסל גרווילעך. אָנגעטון אין אַ לענג־לעכער קאַפּאָטע איבער די שטיוול. אַ טוכן היטל, וואָס האָט אָבער נישט געקאָנט פאַרשטעלן זיינע רירעוודיקע, לאַכנדיקע אויגן. ער האָט זיך תמיד אָנגעשפּאַרט אויף זיין שטעקעלע — די באַרימטע וואַרשעווער יידישע שטעקעלעך. ער פלעגט נישט וואַרטן ביז מ׳האָט אים געבעטן זיצן. ער פלעגט זיך אליין מאַכן היימיש. און באַלד זענען שוין אַפילו די עטלעכע קונים, וואָס פלעגן זיך צופעליק געפינען אין געשעפט, געשטאַנען אַרום אים, ווען ער פלעגט אויפן קול דערציילן עפּעס אַ נייעם וויץ, אָדער אפילו פאַרזינגען אַ ניי ליד, וואָס ער האָט פאַרפאַסט און געגרייט זיך אָפּצודרוקן.

משה לאַלקעמאַכערס וויזיטן זענען געווען, אַזוי צו זאָגן, די דער־לייכטערנדיקע מאָמענטן אין דער נישט צו לייכטער אַטמאָספערע ביי דוד סאָווען אין בוך־געשעפט.

נאָך איינער פון די מער וויניקע שטענדיקע באַזוכערס איז געווען דער יונגער פּאָעט ל. בערמאַן. דאָס איז געווען אַ בלאָנד בחורל, מיט בלויע, שמראַלנדיקע אויגן, און מיט שמייכלענדיקע ליפּן, וואָס אָט אָט וועלן זיי זיך אָן עפּן טון און אַרויסשטורעמען אַ גאַנצן שלל מיט געפילן, איבער־לעבונגען און איינדריקן, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט טיף אין האַרצן און וואַרטן אויף אַ פּאָעטישער געשטאַלטונג. ער איז געווען ערגעץ פון דער ליטע, און געהאַט געקומען קיין וואַרשע, כדי צו זיין נאָענט צו דער דע־מאָלטיקער ליטעראַרישער סביבה. צי דאָס האָט זיך אים איינגעגעבן, ווייס איך נישט. אָבער צוליב דער אָדער יענער סיבה האָט ער געהאַט אַ צוטריט אין אונדזער בוכהאַנדלונג. ער פלעגט אַריינקומען אביסל אַ נישט דרייס־טער, סאָווע האָט אים יאָ און נישט באַמערקט. ער פלעגט זיך מאַכן נישט זעענדיק, ווען יענער פלעגט אביסל פאַרשעמט נעמען און אַריינקוקן דאָ אין אַ זשורנאַל, דאָ אין אַ נאָר וואָס אָנגעקומען בוך. ביז נאָך אַ ווײַלע, ווען בערמאַן האָט זיך שוין געפילט היימישער, און עס האָט זיך געמאַכט, אַז ער האָט אָנגעטראָפן סאָווען אין אַ גוטער שעה, האָט ער זיך שוין אָנ־געהויבן אַריינצומישן אינעם אָנגעגאַנגענעם געשפּרעך, און געענדיקט אפילו

מיט דעקלאמירן איינס פון זיינע לידער. ער איז געווען משוגע פאר יידישע פּאָעזיע. זיין אָפּגאָט איז געווען מאָריס ראָזנפעלד. ער האָט ראָזנפעלדס דעמאָלטיקע לידער געקענט אויף אויסנווייניק, און פלעגט זיי דעקלאמירן ביים מינדסטן ארויסרוף. זיין פּנים פלעגט זיך צעשטראלן, זיינע אויגן צעפלאמען, ווען ער האָט מיט פּאַטאָס און מיט פייער כמעט אויסגעזונגען:

„וואָס רוקט איר אלץ דאָס פלייש צו זיך,
און שארט צו מיר די ביינער?
וואָס מיינט איר וואָס, א הונט בין איך?
א הונט מיט קהלישע ציינער?"...

א לויכטנדיקע זוניקייט פלעגט זיך צעלייגן איבער זיין פּנים, ווען ער האָט אויסדעקלאמירט:

„ווידער איז דער מאי געקומען
מיט זיין פרילינג מיט זיין פראכט"...

בערמאן פלעגט אלעמען אָנשטעקן מיט זיין פריי געלאָזענעם דיכ־טערישן טעמפּעראמענט, און אין בוך־געשעפט פלעגט זיך ווי דורכטראָגן א פרילינגדיק ווינטל. אלס באלוינונג האָב איך שוין געהאט סאָוועס „נו זאָל שוין זיין" הסכמה צו באָרגן אָן געלט דעם יונגן דיכטער די עטלעכע ביכער, וואָס ער האָט גראד געוואָלט איבערלייענען.

כ'האָב שפּעטער פון צייט צו צייט באגעגנט אין א לאָדזשער אָדער ווארשעווער יידישער צייטונג א ליד פון ל. בערמאן. אָבער מיר איז נישט באקאנט, וואָס ס'איז געוואָרן פון דעם בלאָנדן, שמייכלענדיקן און געפיל־פולן פארערער פון דעם גרויסן מאָריס ראָזנפעלד.

אָבער נישט געקוקט אויף די איינצלנע מאָמענטן פון „אָטעם אָפּ־כאפּן" און פון דער גרויסער פרייד פון זיין כסדר צווישן ביכער, איז מיין מעמד אין סאָוועס בוך־געשעפט געוואָרן אלץ שווערער און שווערער. איך בין איצט שוין געווען דער איינציקער אָנגעשטעלטער איןביידע אָפּטיילן, און כ'האָב באמת קיין צייט נישט געהאט צו לעבן. איך האָב נאָך דערצו

באדארפט אינדערפרי, פארן קומען עפּענען דאָס געשעפט, באַזאָרגן די צייטונגען — העברעאישע און פּוילישע — צום פארקויפן. דאָס פלעגט מיך אריינברענגען אין א זייער טרויעריקער לאגע. נישט געקוקט וואָס איך בין שוין צו יענער צייט געווען אביסל „געכאַפּט אין דער מעשה״; נישט גע־קוקט וואָס בראנדשטעטער האָט שוין איבערפלעכלעך געהאט א תל גע־מאכט פון מיין חסידות, און פייערבערג האָט שוין געהאט געמאכט אויף מיר א טיפן רושם מיט זיינע ספקות, האָב איך פונדעסטוועגן נאָך אלץ נישט געקאָנט פועלן ביי זיך צו עסן אומגעדאוונט. איז ווייל איך האָב געמוזט אויפשטיין זייער פרי און איילן אין געשעפט אריין, האָב איך קיין צייט נישט געהאט אָפּצודאווענען. שפּעטער האָב איך קיין פרייע מינוט נישט געהאט, אזוי אז מיר פלעגט אויסקומען צו פאסטן יעדן טאָג ביז דריי, פיר אזייגער. ערשט ווען כ׳האָב שוין נישט געקאָנט לענגער אויס־האלטן, האָב איך זיך אריבערגעכאַפּט אין דער שול, אויפן זעלבן הויף, אויף גיך אָפּגעלייגט די תפילין, אָפּגעדאַוונט, און ערשט דעמאָלט זיך פארגינען עפּעס איבערצוכאַפּן.

דאָס האָט מיך שטארק געמאַטערט. איך בין געווען זיכער, אז ביידע, דוד סאָוועו און זיין מאדאם, האָבן דערפון געוווּסט, אָבער זיך נישט וויסנ־דיק געמאכט. זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט אינטערעסירט צו פרעגן: ווען גייט איר עסן? איך האָב דעמאָלט בפועל ממש אָנגעהויבן צו פארשטיין דעם באטייט פון דעם אזוי פּאָפּולער געוואָרענעם וואָרט „עקספּלאָאַטאַציע״. און אחוץ דעם האָב איך נישט געקאָנט אריבערטראָגן דעם אופן ווי אזוי זיי האָבן זיך באַצויגן צו די טאָג־טעגלעכע געשעענישן, מיט וועלכע דאָס ווארשעווער לעבן איז דעמאָלט געווען פול. די אָפענע פיינטשאפט, מיט וועלכער זיי האָבן גערעדט וועגן די וואָס האָבן זייערע לעבנס איינגע־שטעלט פאר א בעסערער, יושרדיקער וועלט. און איך מוז מודה זיין, אז זיי ביידע, די צוויי אין דייטשלאנד אויסשטודירטע, יחסנישע „אינטעלי־גענטן״, זענען געווען די ערשטע מענטשן, צו וועמען איך האָב אין מיין יונג לעבן אָנגעהויבן צו פילן פארביטערונג. איך האָב דערפילט א פאר־לאנג זיי איבערצולאָזן, און אָפּזאָגן זיך אפילו פון דער פרייד צו לעבן צווישן ביכער, אנטייל צו נעמען אין די איבערלעבונגען פון די לייענער,

וואָס זענען איצט צו מיר געווען אזוי צוגעבונדן, אז אָן מיין הילף האָבן זיי קיין ביכער נישט געוואָלט נעמען צו לייענען.

אז די לייַ־ביבליאָטעק איז איצט אינגאנצן געווען אָפּהענגיק פון מיר, האָב איך געהאט די געלעגנהייט זיך צו איבערצייגן: ווען כ'האָב צום ערשטן מאָל זיך אנטקעגן געשטעלט דאָס, וואָס די סאָוועס האָבן מיך אַלץ מער אויסגענוצט און ארויפגעלייגט אויף מיר אַלץ מער ארבעט, און כ'האָב זיך אָפּגעזאָגט ווייטער צו זיין אָנגעשטעלט אין זייער געשעפט, האָט זיך די מאדאם סאָווע, אָן אויסגעצירטע, אָן אויסגעפּוצטע און שטאָל־צע, פאַרט זיך מטריח געווען און געקומען אהיים צו אונדז, מיך איינבעטן, איך זאָל צוריקקומען, ווייל כמעט אַלע לייענערס האָבן דערקלערט, אז אָן מיר וועלן זיי ווייטער נישט באָרגן קיין ביכער. איך בין דעמאָלט טאקע צוריקגעגאנגען, אָבער נישט אויף לאנג. די אומפּריינטלעכע, אָנגעצויגענע אַטמאָספערע האָט מיך ווידער פארטריבן. כאָטש אין יענע טעג איז מיר נאָך באַשערט געווען מיטצומאכן איין גרויסע, פריידיקע פאסירונג: דאָס אָנקומען קיין ווארשע פון די ערשטע נומערן פון דער נאָר וואָס געבוירע־נער יידישער טאָג צייטונג „דער פריינד".

ביי דעם אַלץ שטארקערן דורשט נאָך א יידיש וואָרט, וואָס די יונגע יידישע ליטעראטור האָט דעמאָלט אויפגעוועקט ביי די ברייטע פאָלקס־מאסן, און ביי דעם גרויסן הונגער נאָך נייעס, וואָס די שטורמישע פאסי־רונגען האָבן מיט זיך געבראכט, האָט זיך דאָס פעלן פון א טעגלעכער צייטונג אין יידיש שטארק געלאָזט פילן. מ'האָט טאקע געלייענט די „הצפירה", דעם „הצופה", אָדער די מער ליבעראלע פּוילישע טאָג צייַ־טונגען. מ'האָט אָבער געלעכצט צו קאָנען לייענען וועגן די טאָג־פאסי־רונגען, אָדער זייער אויסטייטשונג אין פּשוטן מאמע לשון, אויף דער נאַ־טירלעכער שפּראַך, אויף וועלכער מ'האָט די פאסירונגען איבערגעלעבט. און ענדלעך קומען אָן ידיעות, אז אזש אין ווייטן פעטערבורג, דאָרט ווו עס איז קאָנצענטרירט אַלעס שלעכטס, קעגן וועלכן מען קעמפט אזוי מסירת נפשדיק — אין פּעטערבורג הייבט אָן צו דערשיינען א יידישע טעגלעכע צייטונג. דער נייגער און די אומגעדולד זענען געווען אין לשער. ס'איז געווען ממש שווער זיך פאָרצושטעלן: ווי וועט אויסזען אזא צייטונג גע־דרוקט אין פּשוטן יידיש? מיט וואָס פאר א טאָן וועט זי רעדן? ווי אזוי

וועט זי אויפכאַפּן די שטימונגען און אַרויסזאָגן דאָס, וואָס עס ליגט אויף די הערצער ביי די יידן אין וואַרשע, ביאַליסטאָק, מינסק, קיעוו און אָדעס? אַ סך טעג האָט מען וועגן דעם גערעדט. סיי ביי אונדז, ביי סאָווען, און סיי אין די אַנדערע יידישע בוכהאַנדלונגען. פּונקט ווי מען האָט וועגן דעם גערעדט אין די שולן, אין די שטיבלעך, אויף די פּאַרטיי־בערזשעס, און אומעטום ווו יידישע מענטשן זענען זיך צוזאַמענגעקומען. די שפּאַנונג און דערוואַרטונג זענען געוואַקסן מיט יעדן טאָג.

און אָט איז אָנגעקומען דער אָוונט, ווען איך האָב באַדאַרפט גיין אין דער ביוראָ, וואָס „דער פריינד" האָט געהאַט געעפנט אין וואַרשע, און אָפּנעמען דעם ערשטן נומער פון דער לאַנג אויסגעקוקטער יידישער צייטונג. כ'וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן די ערב יומטובדיקע, אָנגעשטרענגטע שטימונג, וואָס האָט געהערשט אין דעם נישט גרויסן, פאָדערשטן צימער פון דער „פריינד" ביוראָ. דער געדרענג און די נערוועזיטעט, וואָס האָבן דאָרט געהערשט, האָבן געשמעקט מיט ערב עפּעס אַ גרויסער פּאַסירונג. ווער איז דאָרט נישט געווען? יידישע בוכהענדלער, פאַרשידענע יידישע שרייבערס, מענטשן פון די פאַרשידענע יידישע פּאַרטייען, און סתם יידן, וואָס האָבן געוואָלט האָבן די זכיה צו האַלטן דעם ערשטן נומער „פריינד" גלייך ווי ער וועט נאָר אָנקומען. אָבער ווי אויף צו להכעיס האָט זיך דער צוג פון פּעטערבורג געהאַט פאַרשפּעטיקט. ס'האָבן זיך גערוקט די פערטלשעהן, די האַלבע שעהן און די צייטונג האָט זיך נאָך נישט באַוויזן. פונעם צווייטן צימער, ווו עס האָבן זיך געפונען די באַאַמטע פון דער ביוראָ, צוזאַמען מיט די וואָס האָבן געהאַט אַהין אַ צוטריט, האָבן זיך געהערט אָנגעשטרענגטע שטימען און קלאַנגען — דאָס האָט מען דאָרט כסדר גע־קלונגען אויפן טעלעפאָן און זיך נאָכגעפרעגט ביים פּעטערבורגער וואָקזאַל. פון צייט צו צייט האָט זיך די טיר געגעבן אַ פּראַל אויף, און פון דאָרט איז אַרויסגעקומען דאָ דער יונגער, און דאָ דער עלטערער פרייד — די פּאַרטרעטער פון „פריינד" אין וואַרשע. פאַרפּלאָנטע, פאַרשוויצטע האָבן זיי פּרובירט באַרואיקן די אויפגערעגטע וואַרטערס: אָט אָט, דער צוג קומט באַלד אָן. אָבער מיט זייער יעדן אַרויסקום איז די געשפּאַנטקייט אינעם וואַרט־צימער געוואָרן אַלץ שטאַרקער. ביז ענדלעך, נאָך אַ צוויי שעהאיקער פאַרשפּעטיקונג, האָט זיך דערהערט דער רעש פון די צוגעפּאַרענע פּלאַט־

פאַרמעס מיט די פּעק פּרישע, שיינעדיקע, אזוי ליבלעכע יידישע בלעטער. די פרייד פון די ווארטנדיקע האָט זיך פארוואנדלט שיעור נישט אין א פּאניק. יעדער האָט געוואָלט זיין דער ערשטער צו קריגן די צייטונג. מען האָט זיך געריסן צו זיין וואָס נענטער צו דער טיר, ווו די צייטונג איז אויסגעטיילט געוואָרן. מ'האָט זיך געריסן איבער די אקסלען, איבער די קעפּ פון די ארומיקע. דער יונגער פרייד האָט מיט אלע כוחות געזוכט צו קאָנטראָלירן דאָס אויסטיילן פון דער צייטונג, און אָנצוהאלטן כאָטש א סימן פון א שטיקל אָרדענונג. און מיט גליקלעכער פרייד האָבן די, וואָס האָבן סוף כל סוף דערלעבט צו קריגן דאָס פּעקל יידישע בלעטער, אָן אָטעם זיך אוועקגעלאָזט איבער די ווארשעווער גאסן, כדי זיך צו טיילן מיט דער גרויסער מתנה, די ערשטע יידישע טאָג־צייטונג...

יאָרן שפּעטער, בשעת מיין זיין אין ארץ ישראל, ווען איך בין דורך דעם פארשטאָרבענעם מעיאָר פון תל אביב ה' דיזענגאָף איינגעלאַדן גע־וואָרן אויף א שבת נאָכמיטאָג, צו „א גלעזל טיי” ביי אים אין הויז, האָב איך צווישן דער קליינער גרופּע געסט געטראָפן דעם „יונגן” פרייד. א ליבן, הארציק פריינטלעכן, שוין עלטערן מענטש, וואָס האָט מיט אזוי פיל ווארעמקייט און קלוגשאפט אָנטייל גענומען אין דעם אינטימען שמועס, וואָס האָט זיך געפירט ארום דעם שבתדיקן גלעזל טיי.

איך האָב אים דערמאָנט אָן יענעם גליקלעכן אָוונט אין ווארשע, בשעת מיר האָבן אלע מיט אזא התפעלות און אזוי פיל הארצקלאַפּן דער־ווארט דאָס אָנקומען פון די ערשטע נומערן „דער פריינד”. פרייד האָט גליקלעך געשמייכלט, און אזא פיינע בענקשאפט האָט זיך פארצויגן איבער זיינע קלוגע אויגן אונטער די גרוילעכע ברעמען...

20 פאנסקע

אויף א שטיקל צייט בין איך אַנגעקומען אין דער אדמיניסטראַציע פון „הצופה", אויף פּאנסקע נומער 20. עס האָט אין דעם אויך מסתמא געהאַט א חלק מיין פארלאַנג צו זיין נאָענט צו שרייבערס און די וואָס שאַפן יעדן טאָג די צייטונג, וועלכע איז געווען אַזוי נאָענט דעם ווארשעווער פּשוטן פאָלקס־מענטש. ווייל נישט געקוקט דערויף, וואָס „הצופה" איז געווען א העברעאישע צייטונג, געשריבן אין לשון קודש, איז זי אָבער שטאַרק געליינט געוואָרן דורך די ברייטע יידישע קרייזן. איבערהויפּט נאָך, ווען כדי צו לייענען די נייעס אין יידיש האָט מען געמוזט וואַרטן עטלעכע טעג, ביז „דער פריינד" פלעגט אָנקומען פון פּעטערבורג. מיטן „הצופה" זענען דעמאָלט געווען פארבונדן י. ל. פּרץ, ה. ד. נאָמבערג און אנדערע, וואָס האָבן געהאַט א שטאַרקע צוציאונג פאַר די לייענער פון דער יידישער ליטעראַטור.

די רעדאַקציע און אדמיניסטראַציע פון „הצופה" האָבן פארנומען דעם גאַנצן אונטערשטן שטאָק פון הויף. און כאָטש זיי זענען מיט גאָרנישט געווען אָפּגעטיילט, דאָך אָבער האָט זיך געפילט ווי א מין גרענעץ — ביז אַהער ציט זיך די אדמיניסטראַציע, און אין יענע שטיבער געפינט זיך די רעדאַקציע מיט די שרייבערס, צו וועמען מ'האָט אַזוי גענאַרט. איבער ביידע טיילן, אויפן ערשטן שטאָק, האָט זיך געפונען די וווינונג פון רעדאַקטאָר, ד"ר עליאשעוו.

דער ממונה איבער דער אדמיניסטראַציע איז געווען — אויב איך געדענק ריכטיק — א געוויסער ל. פרידמאַן. א געלבלעך בלאָנדער יונגערמאַן, א פריינטלעכער און צוגעלאָזענער. ער האָט זיך באַצויגן ווי מעשה עלטערער ברודער צו מיין יונגקייט און צו מיין שוואַכקייט פאַר יידישע

שרייבערס. אָבער ארבעטן איז מיר די ערשטע צייט אויסגעקומען מערסטנ־טיילס ביינאכט, ווען סיי דער הויף ארום און סיי דער טייל פון רעדאק־ציע זענען געווען איינגעהילט אין טונקלקייט. אזוי אז מיין געדענקען דעם „הצופה" איז א טונקלס, א ביינאכטיקס. כאָטש דאָס ביינאכטיקע לעבן אפילו איז נישט געווען אָן קאָליר און קלאנג. די ארבעט פון צוגרייטן די צייטונג איז אָנגעגאנגען אפילו דורך די נעכט. כמעט יעדע האלבע שעה זענען אָנגעקומען טעלעגראמעס וועגן די פאסירונגען אין די פארשידענע טיילן פון לאנד.

פון צייט צו צייט פלעגט אריינפאלן אימיצער פון די שרייבערס, וואָס האָט געוווינט אין די ווייטלעכע „יענע גאסן" און האָט געפונען פאר באקוועמער דאָ איבערצונעכטיקן, איידער איינצושטעלן ארעסטירט צו ווערן דורך די מיליטערישע פאטרולן, וואָס פלעגן זיך ארומדרייען איבערן שטאָט ביי נאכט.

דער הויפט צושטעלער פון דער ביינאכטיקער פרייליכקייט איז געווען לעאָן, דער „בונדיסט", ווי מען פלעגט אים תמיד רופן אין דער אדמיניס־טראציע. ער איז געווען א הויכער, שטשופלער בחור מיט א מונטער, אָפן פנים און בלויע, שמייכלענדיקע אויגן. ער האָט זיין ארבעט געטון זינ־גענדיק. אָבער וואָס איז געווען מערקווירדיק איז, וואָס זיינע רעוואָלוציאָ־נערע לידער פון שטורעם און האס האָט ער געזונגען מיט א ליבלעכער האר־ציקייט. זיין יונגע שטימע האָט געהאט אזוי פיל ווארעמע ליבשאפט, ווען ער האָט געזונגען:

„מיר ווערן געהאסט און געטריבן
מיר ווערן געיאָגט און פארפאָלגט,
און אלץ נאָר דערפאר וואָס מיר ליבן
דאָס אָרימע ארבעטער פאָלק".

אָדער:

„אין דעם לאנד פון פיראמידן
וואר איין קעניג בייז און שלעכט
און עס ווארען אלע יידן
זיינע דינער, זיינע קנעכט".

די ארבעט האָט געברענט אונטער זיינע הענט. און אויך מיר נעבן אים זענען אָנגעשטעקט געוואָרן מיט זיין מונטערקייט און לעבעדיקייט. אָבער נישט געקוקט אויף זיין גאנצער אָפנהארציקייט, האָט זיך ארום אים פאָרט ווי געוויקלט א מין סודותדיקייט. מ'האָט געפילט, אז דאָס איז איינער פון די מענטשן, וואָס שטעלן זיך נישט אָפּ פאר קיין קרבנות, ווען עס האנדלט זיך וועגן זיין אידעאַל.

און אז נישט היינט מאָרגן וועט ער זיכער זיצן צוזאמען מיט זיינע חברים ערגעץ אין „פּאוויאַק" אָדער „ציטאדעל", און דאָרט וועט ער פונקט אזוי מונטער און גלויביק זינגען:

„ברידער מיר האָבן געשלאָסן
אויף לעבן און טויט א פארבאנד.
מיר שטייען אין קאמף ווי גענאָסן,
די פאָן די רויטע אין דער האנט".

מיט שפּאס געמישט מיט נייגער פלעגט זיך ווער איינשטעלן ביי אים צו בעטן, ער זאָל ווייזן, צי ער טראָגט נישט אונטער די קליידער דאָס „שווארצע העמדל", דער אָנגענומענער סימבאָל פון א רעוואָלוציאָנער אין יענע צייטן.

שפּאס פון אן אנדער מין פלעגן מיר האָבן פון דעם איצט בארימטן העברעאישן דיכטער יעקב שטיינבערג. דעמאָלט א יונגער, פיל צוזאָגנדי־קער פּאָעט, איז ער געווען באליבט ביי אלעמען. ער האָט אָבער אין יענער צייט געהאט די עובדה צו זיין דער איבערזעצער פון די טעלעגראמעס, וואָס זענען אָנגעקומען ביינאכט. צוליב דעם פלעגט ער שלאָפן אין דער אדמי־ניסטראציע. ער איז געווען א זייער טיפער שלאָפער. עס האָט אים נישט געשטערט, ווען ארום אים האָט זיך געמעגט קערן וועלטן. איז ווי לאנג ס'איז נאָך מעגלעך געווען צו ווארטן, האָבן מיר אים געלאָזט צורו. נאָר ווען ס'האָט זיך גענומען אָנרוקן די צייט, ווען מען האָט שוין די טעלע־גראמעס געמוזט געבן צום זעצן, דעמאָלט פלעגט זיך עס אָנהייבן. צום ערשט האָט אים איינער פּרובירט וועקן. אָבער דאָס איז נישט אזוי לייכט געגאנגען. דאן האָבן זיך שוין צו אים צוגעשטעלט נאָך עטלעכע. מ'האָט

אים געוועקט, ער האָט געענטפערט, אָבער פאַרט נישט אויפגעמאכט די אויגן און געבליבן אין זיין טיפן שלאָף. דאָ האָבן זיך שוין אלע גענומען צו אים, אים געמונטערט, געריסן און געבעטן, ביז מ׳האָט אים ענדלעך ארויסגעריסן ווי פון א טיפן חלשות. ער האָט ביסלעכווייז געעפנט די אויגן, זיך אויפגעזעצט, און ווי א קינד זיך גענומען אויסטשוכען. ס׳פלעגט נעמען א היפשע ווייל, ביז ער איז אינגאנצן געקומען צו זיך און זיך גענומען פאר דער ארבעט צו לייענען די טעלעגראמעס. אָבער באלד איז ער איבערגעגאנגען אין אזא אימפעטיקער שנעלקייט. דער העברעאישער טעקסט פון די איבערזעצונגען פלעגט ווי וואקסן איבער די גרויסע בויגנס פאפיר. די געשעענישן, וועגן וועלכע די טעלעגראמעס האָבן דערציילט, האָבן אים משמעות שטארק אָנגערעגט. ער פלעגט רעאגירן אויף זיי מיט הוזקדיקע אָדער בייזע באמערקונגען אויפן קול, און אפילו מיט א זעץ מיט דער פויסט איבערן שרייבטיש. אזוי געדענק איך א פאַל, ווען אין מיטן איבערזעצן האָט שטיינבערג פלוצים ארויסגעלאָזט א פריילעכן געשריי, אויפגעשפרונגען פון זיין אָרט, און ווי א שקאָצישער יינגל זיך א שטעל ארויף געטון אויפן בענקל, אזוי אז ער האָט מיטן קאָפּ צעבראָכן דעם הענגענדיקן שענדעליר. מיר האָבן זיך אלע איבערגעשראָקן און צוגעלאָפן צו אים. ערשט עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז די טעלעגראמע האָט דערציילט עפּעס א טרויעריק קאָמישע זאך וועגן דעם באוווסטן שונא ישראל קרושעוואן.

איינע אזא ביינאכטיקע סצענע געדענק איך אין שייכות מיט שלום אש. דער דעמאָלט יונגער און שטארק פּאָפּולערער אש איז געקומען שלאָפן אין רעדאקציע אריין. ער האָט באדארפט אויפשטיין זייער פרי, כדי צו פאָרן קיין קראָקע, צו דער פּרעמיערע פון איינער פון זיינע פּיעסן — „משיחס צייטן" אָדער „גאָט פון נקמה"— וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אין פוילישן טעאטער. ער איז געווען זייער גוט אויפגעלייגט, געשפּאסט, און אָפּגעמאכט מיט מיר, אז פינף אָדער זעקס פארטאָג זאָל איך אים אויפוועקן. וואָס דאָס האָט געהייסן פאר מיר צו זיין אזוי נאָענט צו שלום אשן און אפילו האָבן די פרייהייט אים צו וועקן אויפצושטיין צו פאָרן קיין קראָקע, איז נישט נויטיק איבערצוגעבן. ווי יעדער יונגער יידישער לייענער איז שלום אש ביי מיר אין די אויגן געווען א גאָט. נישט איינמאָל

פלעג איך, אליין אָדער מיט נאָך אימיצן פון מיינע חברים, אשן נאָכגיין, ווען ער פלעגט שפּאַצירן איבער די וואַרשעווער גאסן צוזאמען מיט נאָמ־בערגן און רייזענען, אלע דריי אָנגעטון אין די צעלאָזענע, ברייטע פּעלע־רינעס. די דריי חברים — שלשת החברים — ווי מען פלעגט זיי דעמאָלט באַטיטלען אין דער העבּרעאישער פּרעסע. איך האָב געקענט כמעט פון אויסנווייניק יעדעס ליד, יעדע דערציילונג, וואָס די אלע דריי האָבן דע־מאָלט געהאט אָפּגעדרוקט סיי אין יידיש און סיי אין העבּרעאיש. און איצט שלאָפט ער דאָ אין דערבייאיקן חדר, דער שאפער פונעם אזוי אין הארצן איינגעבאַקענעם „שטעטל" און איך דאַרף עם אים אויפוועקן צו דער באַ־שטימטער שעה...

שלום אשן איז גראַד נישט שווער געווען אויפצוּוועקן. און אפשר איז ער גאָר אינגאַנצן נישט געשלאָפן. פול מיט דער אמביציעזער דער־וואַרטונג אוועקצולאָזן זיך אין וועג אריין, וואָס האָט אים באַדאַרפט פירן צו רום און גדולה. ווי פריער, פאַרן שלאָפן גיין, איז אַש איצט געווען נאָך אויפגעלייגטער. א האלב אויסגעטועגער האָט ער זיך געוואַשן דאָס פּנים מיטן קאַלטן וואַסער פונעם קראַן, זיך לאַנג ארומגעווישט, און דער־ביי געפּלוידערט און דערציילט וויצן דאָ אויף יידיש, דאָ אויף פּויליש — מערסטנס אויף פּויליש. גלייך ווי ער וואָלט דאָ געמאַכט פּראָבע אויף דער שפּראַך, אויף וועלכער ער האָט זיך געגרייט צו רעדן דאָרט אין קראָקע, ווו מען וועט שפּילן זיין פּיעסע. דאָס האָט פאַר אונדז אלע געקלונגען אזוי שפּאַסיק. אמענדע איז ער פאַרטיק געוואָרן. זיך אָנגעטון, גענומען די קליינע וואַליזע און געווען פאַרטיק צו גיין. אָבער דאָ האָט ער זיך געכאַפּט — ער האָט בלויז גרויסע געלטער, פּאַפּיר־געלט, און ער מוז האָבן צוואַנציק קאָפּיקעס פאַרן סטרוזש, וואָס דאַרף אים עפענען דאָס טויער. לאַכנדיק האָט ער אויפגעפּאָדערט: ווער וועט אים באָרגן 20 קאָ־פּיקעס אויף פּראָצענט? פאַרשטייט זיך, אז איך בין געווען גליקלעך נישט דורכצולאָזן די געלעגנהייט אויסצובאָרגן שלום אשן די גרויסע געלט־סומע. ער האָט אויף גיך א כאַפּ געטון א בויגן פּאַפּיר, און מיט גרויסע אותיות אָנגעשריבן עטלעכע ווערטער צו נאָמבערגן, ער זאָל מיר למ"ה אומקערן די צוואַנציק קאָפּיקעס. ער האָט זיך פריילעך געזעגנט און אוועק.

איך וואָלט מסתמא זיך נישט געווען געשיידט פון דעם טייערן

ווערסל, ווו שלום אש אליין שרייבט, ער האָט ביי מיר געבאָרגט געלט, אָבער דער יצר הרע צו קומען מיטן ווערסל איינמאָנען דעם חוב ביי ה. ד. נאָמבערגן איז געווען צו גרויס. איך האָב זיך קוים געקאָנט דער־וואַרטן אויף דער צייט, ווען נאָמבערג האָט זיך באוויזן אין רעדאַקציע, און איך האָב פאַר אים אוועקגעלייגט אשם ברייוול. נאָמבערג האָט גע־מאַכט א קאָמיש אומגליקלעך פּנים, זאָגנדיק דערביי: „אַט האָט ער, מאַנע גליקן". אָבער ער האָט אַרויסגענומען און באַצאָלט אשם חוב.

צוויי צענדליק יאָרן שפּעטער, אין שיקאַגאָ, ביי א באַנקעט פאַר שלום אשן צו דער געלעגנהייט, ווען איך האָב מיט דער שיקאַגער „דראַ־מאַטישע געזעלשאַפט" אויפגעפירט זיין „טויטער מענטש", האָב איך עפנט־לעך ביי אים געמאָנט דעם צוגעזאָגטן פּראָצענט פאַר די געבאָרגטע צוואַנ־ציק קאָפּיקעס אין וואַרשע. ס'איז מיר קוים געלונגען אַרויסצורופן א בלאַסן שמייכל ביי אשן, וואָס איז די לעצטע יאָרן ווייט שוין נישט אַזאַ פריי־לעכער, און איז זעלטן אין דער זאָרגלאָזער שטימונג ווי אין יענער נאַכט אין דער „הצופה" אַדמיניסטראַציע, ערב זיין אָפּפאָרן קיין קראָקע צו דער פּרעמיערע פון זיינער א יוגנט פּיעסע.

אַן אַנדער נאַכט־סצענע איז מיר געבליבן אין זכרון אין פאַרבינ־דונג מיט דעם גרויסן חיים נחמן ביאַליק. ביי דעם טויער פון פּאַנסקע 20. איך שטיי און וואַרט, דער סטרוזש זאָל עפענען. ס'איז קאַלט און שנייאיק. עס קומט צו א דיקלעכער מאַן אָנגעטון אין א טוליפּ און א רוסיש באַ־ראַנקאַווע היטל. מיט א דיקלעך קול פרעגט ער מיך אין ליטווישן יידיש: „שוין אָנגעקלונגען?" איך ענטפער אומגערן „יאָ". כ'ווייס נישט, פאַר־וואָס כ'בין נישט געגרן צו רעדן צו דעם מענטשן, און איך האַלט זיך אביסל אָפּגערוקט. אין גיכן עפנט זיך דער טויער און מיר גייען ביידע אַריין אין הויף. איך לאָז זיך אַריין אין דעם אַדמיניסטראַציע־איינגאַנג, דער דיקלעכער מאַן גייט אַריין אין צווייטן קאָרידאָר, ווו ס'איז דער אַריינ־גאַנג אין דער רעדאַקציע. איך נעם זיך צו מיין אַרבעט. און פאַרגעס אינגאַנצן אָן דער טויער סצענע. ווי גרויס אָבער איז מיין שטוינען, ווען אין א קורצער צייט שפּעטער באַווייזט זיך דער גוטער ה' פרידמאַן און פירט מיט זיך דעם דיקלעכן גאַסט, וועלכן ער שטעלט פאָר: „דאָס איז אונדזער גרויסער משורר חיים נחמן ביאַליק". איך בין שיעור נישט גע־

פּאַלן פון די פּיס. איבערהויפּט ווען פרידמאַן, וועלכער האָט געקענט מיין ניגיר צו זען פּנים אל פּנים די גרויסע שרייבערס, ברענגט ביאַליקן צו צו מיר און ווייזט אים אָן אויף דעם אפשר יינגסטן לייענער זיינעם. איך וואג קוים צו ענטפערן אויף ביאַליקס באַגריסונג און אַנצונעמען זיין האַנט. איך הער נישט אויף אין האַרצן זיך פאַרצוואַרפן מיין נישט גערנקייט, מיט וועלכער איך האָב ביאַליקן געהאַט געענטפערט ביים פאַרמאַכטן טויער.

ביאַליק האָט מיט זיין גוטמוטיקייט געשמועסט און געשפּאַסט דאָ מיט דעם דאָ מיט יענעם אין דער אַדמיניסטראַציע. זיך אויסגעפרעגט וועגן פאַרשידענע איינצלהייטן וועגן דעם גאַנג פון „הצופה״. ער האָט אַנגעפּוּלט יענע נאַכט מיט דער חכמהדיקער לעבנסלוסטיקייט, וועלכע איך האָב נאָך א סך מאָל געהאַט די געלעגנהייט צו געניסן, ווען ער פלעגט יאָרן שפּעטער באַזוכן אונדזער טעאַטער און די אַרטיסטן, ווען מיר האָבן מיט אסתר רחל קאַמינסקאַן געשפּילט אין אָדעס.

מיין זיין פאַרבונדן מיט דער אַדמיניסטראַציע פון „הצופה״ האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. כ׳האָב ווידער פּרובירט זיך נעמען צוריק צום לערנען, נישט געקוקט אויף דער אומרואיקער צייט. איך האָב זיך אָנגע־שלאָסן אָן א קליינער גרופּע, וואָס האָט זיך דעמאָלט געהאַט געשאַפן אונטערן נאָמען „אגודת אחים״. אָן דער גרופּע זענען געווען אָנגעשלאָסן מערסטנס יונגע אינטעליגענטע, נאַציאָנאַל געשטימטע חברים פון דער געגנט אַרום גזשיבאָוו, טוואַרדע, גראַניטשנע און דערנעבענדיקע גאַסן. א סך פון די חברים זענען געווען געענדיקטע שילער פון האַנדלס־שולן און אפילו אוניווערסיטעטן. דער צוועק פון דער גרופּע מיט דעם העברע־אישן נאָמען איז געווען קעגנזייטיקע מאָראַלע אונטערשטיצונג, בילדונג און אויפקלערונג. וואָס שייך אויסבילדונג האָבן טאַקע די עלטערע, מער געבילדעטע חברים, געלערנט מיט די יינגערע. מיין לערער פון רוסיש און פּויליש אין דער גרופּע איז געווען בעריש פּינקעלקרויט, א בלאַסלעכער בחור, וואָס האָט זיין לערנען מיט מיר גענומען שטאַרק ערנסט. ער פלעגט יעדע פרייע שעה אָפּרייסן צו קומען אהיים צו מיר, זיצן און איינחזרן מיט מיר די נישט גרינגע כללים פון דער רוסישער און פּוילישער גראַמאַ־טיק, אָדער לייענען שטיקער פון טאָלסטאָי, גאָרקי און פּזשיבישעווסקין. און איך בין נישט געווען דער איינציקער תלמיד זיינער.

די פאַרזאַמלונגען פון דער גרופּע, ווו ס'זענען אַרומגערעדט געוואָרן יידישע און אַלגעמיינע ענינים, פלעגן פאָרקומען אַמאָל אין הינטערשטן צימער פון קאַטליצקים קאַוויאַרניע אויף טוואַרדע נומער דריי. אין די שעהן, ווען ס'זענען קיין סך געסט נישט געווען, האָט מען געקאָנט הויך און פריי רעדן, דעבאַטירן און זיך היצן איבער פאַרשידענע פּראַגעס, וואָס האָבן אַרויסגערופן מיינונגס פאַרשידנהייטן. מערסטנס אָבער האָבן מיר זיך צוזאַמענגעטראָפן אין דער היים פון מיין שווין דערמאָנטן חבר בנימין גרינבלאַט. אין יענעם הויז האָבן מיר זיך געפילט אַמבאַקוועמסטן און זיכערסטן. און די היימישקייט פלעגט געשאַפן ווערן איבערהויפּט דורך דער באַלעבאָסטע פונעם הויז, מאַניע גרינבלאַט. זי איז באמת געווען אַ מערקווירדיקער טיפּ. אַ זעלטנהייט צווישן יידישע מאַמעס. מיט אַ פיינער אינטעליגענץ און זעלטענעם טאַקט. זי פלעגט פירן די באַלעבאַטישקייט אין הויז מיט אַ שטאַרקער האַנט. מיר האָבן זי תמיד געפונען אין אויפגערוימטע און פיין געקליידטע, מיט די האָר פאַרקעמט אַרום דעם סימפּאַטישן קאָפּ מיט די קלוגע אויגן. זי האָט לכתחילה ווייניק גערעדט. בלויז מיט אַ שטילן שמייכל אונדז באַגעגנט און באַלד אונדז געמאַכט באַקוועם און היימיש. זי האָט זיך צוערשט אין די שמועסן נישט געמישט. געלאָזט, מיר זאָלן אַליין פונאַנדערוויקלען דעם ענין, וואָס האָט אונדז גראַד אינטערעסירט. זי פלעגט בלויז הערן מיט די אויגן, בשעת זי האָט זיך פאַרנומען מיט טון עפּעס פון דערוווייטנס, אָדער ווען זי האָט אָנגעהויבן צו דערלאַנגען טיי און פאַרבייסנס. בלויז דאָ און דאָרט האָט זי אַריינגעוואָרפן עפּעס אַ זייטיקע באַמערקונג וועגן אימיצנס אַ מיינונג. אָבער ביסלעכווייז, ווען דער שמועס, אָדער די דעבאַטע האָט שווין דערגרייכט אַ געוויסן גראַד, פלעגט זי אויף דעם נאַטירלעכסטן אופן זיך אַריינרייסן אין דער גרופּע, זיך אָנשליסן אָן דער דיסקוסיע, און מיט דער לײדנשאַפטלעכסטער היציקייט דעבאַטירן, אָפּפרעגן אָדער אונטערשטיצן דאָ דעם חבר דאָ דעם אַנדערן. אין יענע מאָמענטן איז זי געווען די יינגסטע און טעמפּעראַמענטפולסטע אין דער גרופּע. אירע מיינונגען זענען געווען די ראַדיקאַלסטע און געוואַגטסטע. און איר שכל הישרדיקע אויפפאַסונג פון פּאַסירונגען און געשעענישן האָט כמעט תמיד געוווּנען די אויבערהאַנט. מיר האָבן זי שטאַרק ליב געהאַט און געשעצט, די מאַדאַם גרינבלאַט,

זוי מיר פֿלעגן זי רופֿן. און נאָך מער פֿלעגן מיר זי באַװוּנדערן פֿאַר איר געװאַגטקײט אָנצורעגן סײ אירע אײגענע זין, און סײ די אַנדערע יונגע־לײט אַנטײל צו נעמען און צו רעאַגירן אױף די פּאַסירונגען פֿון יענע טעג, אַנשטאָט װאָס די מערסטע מאַמעס פֿלעגן ציטערן, אַז מען זאָל חלילה נישט אַרײנגעשלעפּט װערן אין דעם װאָס האָט זיך געטון אין גאַס.

אין זײער הױז, בײ דער מאַדאַם גרינבלאַט, פֿלעגן מיר אױך האָבן קלײנע ליטעראַרישע פֿאַרזאַמלונגען. דאָרט פֿלעגן מיר פֿאָרלײענען די נאָר װאָס דערשינענע װערק פֿון שלום עליכם, שלום אַש, װײסנבערג, פּרץ, רײזען און נאָמבערג. און אױך אין די שמועסן איבער די פֿאָרגעלײענטע זאַכן איז דער מאַדאַם גרינבלאַטס אָפּשאַצונג תמיד געװען די טרעפֿלעכ־סטע און אינטערעסאַנטסטע.

מיט דעם הױז פֿון די גרינבלאַטס בין איך נאָך געװען פֿאַרבונדן צוליב אַן אַנדער טעם. איך האָב שױן דערמאָנט, אַז מיר בײדע, בנימין גרינבלאַט און איך, האָבן זיך געשאַפֿן אַ קלײנע בשותּפֿותדיקע ביבליאָ־טעק. אַ טײל ביכער האָבן מיר געהאַלטן בײ זײ אין הױז, און אַ טײל בײ מיר. פֿון צײט צו צײט פֿלעגן מיר זיך בײטן מיט די ביכער, װאָס יעדער פֿון אונדז האָט גראַד געװאָלט האָבן. אָבער דאָ האָבן זיך אָנגעהױבן צרות. מײן ציטעריקע מאַמע און מײן שװעסטער רבקהלע האָבן כּסדר מורא געהאַט, מיט מיר זאָל עפּעס נישט טרעפֿן אין יענע אומרואיקע טעג. איז טאָמער האָב איך זיך פֿאַרשפּעטיקט און בין נישט אַזױ גיך אַהײם געקו־מען פֿון גאַס, איז עס שױן בײ זײ געװען אַ באַשטימטע זאַך, אַז מען האָט מיך אַרעסטירט. און אױב די פּאָליצײ װעט קומען אַהײם מאַכן אַן אָב־לאַװע, װי ס'האָט זיך דעמאָלט געפֿירט, װעלן די ביכער דינען פֿאַר אַ קלאָרן באַװײז, אַז איך בין פֿון „יענע". האָבן זײ אױף גיך גענומען אױס־דױמען מײנע, מיט שװערער מי אײנגעהאַנדלטע ביכער. אַז איך בין ענד־לעך אַהײם געקומען, האָב איך זײ בײדן שױן געטראָפֿן מיט פֿאַרטרערטע אױגן. און אױף מײן שטומער אָנפֿראַגע פֿלעגט שױן די מאַמע מודה זײן, אַז אַ טײל פֿון מײנע ביכער זענען ערגעץ באַגראָבן אין קעלער, אָדער אין אַ װינקל פֿון הױף. איך פֿלעג מיט אַ געבראָכן האַרץ פּרובירן צוריק צוזאַמענצוקלײבן מײנע ביכער. איך פֿלעג זיך געװענלעך ראַטעװען װי װײט מעגלעך מיטן איבערטראָגן זײ צו מײן שותּף, צו די גרינבלאַטס

אין הויז. דאָס איז אזוי אָנגעגאַנגען פאר א שטיק צייט. אָבער סוף כל סוף, ווען מיין חבר בנימין איז אוועק קיין אויסלאַנד און איך בין געבליבן דער איינציקער באזיצער פון אונדזער קליינער ביבליאָטעק, האָב איך מיט א פארקלעמט הארץ זיך געמוזט ווענדן צום בוכהענדלער פערלמאַן, ביי וועמען דער גרעסטער טייל ביכער איז געקויפט געוואָרן, אז ער זאָל זיי כמעט בחינם צונעמען צו זיך און זיי אויסלייזן פון ביטערן מזל גע־שלעפּט צו ווערן פון בוידעם אין קעלער אריין, און פון אונטערן בעט שיעור נישט אין מיסטקאַסטן אריין.

אגב איז מיר פון יענער צייט, אין פארבינדונג מיט די סכנות פון גיין דעמאָלט איבער די וואַרשעווער גאסן, געבליבן אין זכרון א קליי־נער שפּאס. אונדזערער א משפּחה פון ראַדאָם, נפתלי אָרפּוס, האָט שטו־דירט אין דער האנדלס־שולע און זיך אויפגעהאלטן ביי אונדז. ער איז געווען א זייער פריילעכער בחור, וואָס האָט אָבער געהאַט א שטאַרקן חשק צו געלט. ער האָט געשפּילט א לאָטעריע צעטל און אלץ געהאָפט צו געווינען דאָס גרויסע געווינס. ער איז געווען אזוי זיכער, אז ער וועט געווינען, אז ער האָט אונדז געהאלטן אין איין פּאַרברייטן: טאָמער וועט איר מיך זען אריינפאַלן אין שטוב אריין „נישט טויט נישט לעבעדיק", זאָלט איר וויסן, אז כ'האָב געוווּנען אויף דער לאָטעריע. מאַכט זיך איינ־מאָל, אז ער פאלט טאַקע אריין אין הויז אָן אן אָטעם, אָן דעם קאַפּעלוש, נישט טויט און נישט לעבעדיק, בלאַס ווי די וואַנט, און קאָן קיין וואָרט נישט אויסרעדן. ווערט אין שטוב ביי אונדז א שמחה. אלע פאלן אויף אים ארויף מיט פרייד: אוי וויפל, וויפל?! וועלנדיק וויסן וויפל ער האָט געוווּנען. עס האָט אים גענומען א לאַנגע צייט מיט פאַרדרוס און בושה אונדז צו איבערצייגן, אז דאָס איז ער אריינגעפאַלן „נישט טויט נישט לעבעדיק" ווייל א פּאָליציייאישער פּאַטרול האָט אים געהאַט פארהאַלטן אין גאַס, און איידער זיי האָבן אים פריי געלאָזט, האָט מען אים גוט אָנ־געבראָכן דיביינער מיט די פּריקלאַדן פון די ביקסן...

אין יענער צייט איז פאָרגעקומען עפּעס, וואָס איז געווען פון אומ־געהויערער וויכטיקייט אין וואַרשעווער יידישן לעבן, און האָט אריינגע־טראָגן א נייעם טאָן און א נייע ליידנשאַפט אינעם קאַמף מיט דער רו־

סישער צארישער רעגירונג, אין װעלכער די יידישע באפעלקערונג אין פּוילן איז געװען אזוי פּארוױקלט: עס איז מיט אמאָל — נאָך אַ הפסקה פון אַ סך יאָרן — װידער דערלויבט געװאָרן צו שפּילן יידיש טעאטער. און ס׳איז נישט צום באשרייבן די אויסגעהונגערטקייט, מיט װעלכער די װארשעװער יידישע באפעלקערונג האט אַ שטראָם געטון אין דעם טעאַ־טער, װוּ ס׳האָבן געשפּילט אברהם יצחק און אסתר רחל קאמינסקי מיט זייער טרופּע. יענע פּאסירונג איז נאָך אויך װיכטיק, װייל זי װייזט אזוי בולט װיפל דער תמיד שוצלאָזער, נע ונדיקער יידישער אקטיאָר האָט דע־מאָלט מיט זיין פּרימיטיװן פייער, פּרימיטיװן פּאטאָס און רוף פאר יושר, אומבאװוּסטזיניקערהייט געהאָלפן צו געבן אַן אויסדרוק פאר דער סאָ־ציאַלער ענערגיע, פארן סאָציאַלן אויפברויז, װאָס איז דעמאָלט געװען אַנגעזאמלט ביי די גרויסע יידישע פאָלקס־מאסן.

דאָס טעאטער איז געװען דאָס איינציקע אָרט, װוּ מ׳האָט נאכט נאָך נאכט געקאָנט האלב פריי זיך צוזאמענקומען און גרויסע מאסן. דאָ האָט מען געקאָנט הונדערטער הערצער לאָזן קלאַפּן צוזאמען. ס׳האָט זיך בלויז געפאָדערט, אז דאָס װאָס מ׳האָט געשפּילט אויף דער בינע, זאָל האָבן כאָטש די מינדסטע ענלעכקייט צו דעם קאמף, אין װעלכן מען איז געװען אזוי פארװיקלט. און דאָס האָט אויף אַ גאָר גרויסער מאָס צוגע־שטעלט די דעמאָלט געשפּילטע גאָרדין־פּיעסע „כאסיע די יתומה" מיט דער גרויסער יידישער קינסטלערין אסתר רחל קאמינסקא אין דער טיטל־ראָלע.

דער ריזיקער עולם, װאָס איז געקומען נאכט איין נאכט אויס אין טעאטער אריין, האָט זיך אינגאנצן אידענטיפיצירט מיט דעם שטיק, און מיט דעם פּרימיטיװן קאמף, װאָס די טיטל־העלדין האָט אין אים אָנגע־פירט. די מאסן האָבן די פּיעסע איבערגענומען אינגאנצן פאר זיך. זיי האָבן אין איר ארייגעטייטשט אַלץ װאָס זיי איז געװען אויפן הארצן. ס׳איז שוין מער נישט געװען קיין געװענלעכע מעלאָדראמאטישע שפּיל װעגן אַן אָרימער יתומה, װאָס װערט געפּייניקט דורך אַ בייזער, שלעכ־טער מומע. עס איז פארװאנדלט געװאָרן אין אַ צוזאמענשטויס פון עקס־פּלאָאטירטע, פארקנעכטע, מיט זייערע באַליידיקער און אונטערדריקער. דער עולם האָט פאר זיך נישט געזען מער גאָרדינס האלב רעאַליסטישע,

האלב ארטיפיציעלע פערזאָנען אין א לעבנס־דראמע. יעדע פון די פּער־זאָנען איז אין זייערע אויגן אויסגעוואקסן צו א סימבאָל.

און צו גאָר גיגאנטישע פּראָפּאָרציעס איז אויסגעוואקסן די אונ־טערדריקטע, ליידנדיקע, און צום סוף רעבעלירנדיקע כאסיע־פיגור. אין איר האָט דער עולם דערזען זיך אליין. די עקספּלאָאַטירטע, דערנידעריקטע און באליידיקטע. און איבערהויפּט איז אויסגעוואקסן די קינסטלערין, וואָס האָט די ראָלע געשאפן און געלעבט אויף די בינע־ברעטער, אסתר רחל קאמינסקא. ס׳איז שוין מער נישט געווען קיין אקטריסע, וואָס האָט ג ע ש פּ י ל ט, פ אַ ר ג ע ש ט ע ל ט די באליידיקטע יתומה. ס׳איז געווען זי אין בלוט און פלייש. די מאסן זענען געוואָרן איינס מיט איר. זי איז געוואָרן זייער פירשפּרעכערין. זי האָט געקעמפט זייער קאמף, גע־צאָרנט זייער צאָרן.

ווען אסתר רחל־כאסיע האָט אין אָנהויב שטיק זיך געווערט קעגן אירע אונטערדריקער מיט אירע חוזק־באמערקונגען, האָט דער עולם האר־ציק, אויפן קול מיטגעלאכט און מיטגעחוזקט, כאָטש אזוי ארום זיך נוקם זייענדיק אָן די פאַרהאסטע שונאים זייערע.

ווען זייער העלדין, אסתר רחל־כאסיע, איז אין צווייטן אקט דורך אירע פייניקער צוגעבונדן געוואָרן פאר די צעפּ צום ווענטל פונעם בעט, כדי זי זאָל זיך מודה זיין אין דער גנבה, וואָס דאָס גבירישע שארלא־טאנסקע זונדל איז אין דער אמתן באגאנגען, איז דער צאָרן ביי די מאסן אין טעאטער אָנגעגליט געוואָרן ביז דער העכסטער מדרגה. פּנימער האָבן געפלאקערט פון רציחה. פויסטן האָבן זיך געביילט. און פון פארשידענע זייטן האָבן זיך געטראָגן פּראָטעסט־געשרייען: „איר זאָלט זיך נישט דער־וועגן! בינדט זי אָפּ! נידערטרעכטיקע!” אָט, אָט און מען וואָלט זיך א וואָרף געטון אויף דער בינע ארויף צו באפרייען די געפייניקטע העלדין.

און ווען אין דריטן אקט פּלאצט ביי דער באליידיקטער כאסיען דאָס געדולד, און זי רעוואָלטירט עפנטלעך, שליידערנדיק אירע עקספּלאָאַטי־רער דעם בייסיק סארקאסטישן ארויסרוף: „טובות? איר האָט מיר געטון טובות? עס זענען דאָ געגוג בעלנים פאר אומזיסטע קנעכט און אומזיסטע דינסטן. אזעלכע בעלי טובות זענען דאָ ווי מיסט!” — דאָ איז שוין מער נישט געווען קיין אָפּהאלט צום עמאָציאָנעלן אויפשטורעם פון דעם פּובלי־

קום. דאָס גאַנצע טעאַטער האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין איין ברויזנדיקער, פֿלאַקערנדיקער דעמאָנסטראַציע. מ׳האָט געטופּעט מיט די פֿיס, געקלאַפּט מיט די הענט, געשריגן מיט די העלדזער, געפּייפט מיט די ליפּן. דער גאַנ־צער אָנגעזאַמלטער, נישט אויסגעלעבטער האַס צו די אונטערדריקער אין דרויסן, אויסער די ווענט פֿון טעאַטער; דער גאַנצער צונויפֿגעפּרעסטער צאָרן קעגן די עקספּלאָאַטירער פֿון מענטשלעכער אַרבעט; דער גאַנצער בונטאַרישער פּראָטעסט קעגן די באַרויבער פֿון מענטשלעכער פֿרייהייט, האָט זיך ווי אַ לויזגעלאָזענע לאַווע, דורכגעריסן און פֿאַרגאָסן די בינע.

מינוטן לאַנג האָבן געדויערט די דעמאָנסטראַציעס נאַכט נאָך נאַכט.

און אויך די אַקטיאָרן אויף דער בינע זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער טאָפּלטער שפּיל. אסתר רחל האָט גערן אויף זיך גענומען די טאָפּלטע ראָלע פֿון ווערן אַ פֿירשפּרעכערין פֿון די אויפֿגערייצטע מאַסן, און אויסדריקערין פֿון זייער גערעכטן צאָרן. אירע וווּנדערלעכע אויגן האָבן געפֿינקלט מיט פֿייערדיקן ענטוזיאַזם. איר האַרציקע שטימע האָט גע־בייטשט מיט בייסיקן סאַרקאַזם. ווער ס׳האָט זי געזען און געהערט יענע נעכט, וועט זי קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן.

מען וועט נישט פֿאַרגעסן די האַרץ־פֿאַרכאַפּנדיקע סצענעס פֿון רעוואָלוציאָנערן אויפֿברויז, רעוואָלוציאָנערן שטורעם, וואָס האָבן געקראָגן אַן אויסדרוק אין יידישן טעאַטער אַרום אַ געוועגלעכער יידישער מעלאָ־דראַמע, דורך דעם שפּילן פֿון אַן אויסערגעוויינלעכער קינסטלערין. די גרויסע יידישע קינסטלערין, וואָס האָט אויפֿגעשטורעמט די געמיטער פֿון די וואַרשעווער יידישע מאַסן, פּונקט ווי מיט הונדערט יאָר פֿאַר איר האָט אַזאַ גרויסע יידישע קינסטלערין אויף דער פֿראַנצויזישער בינע, ראשעל, אויפֿגעשטורעמט די רעוואָלוציאָנערע געמיטער פֿון די פּאַריזער מאַסן, מיט איר פֿאָרטראָגן נאַכט נאָך נאַכט די צינדנדיקע פֿערזן פֿון דער „מאַרסעליעזע״.

צעגלאָנע 1

מיין ערשט קומען צו פּרצן...

ס'זענען שוין איבער פיר צענדליק יאָר. און אויב איך גיי איצט דערציילן, וואָס איך וועל דערציילן, איז עס ווייל: איז מיר באַשערט גע־ווען, עס זאָלן פאַלן אויף מיר א פּאָר שטראַלן פון זיין ליכטנדיקער פּער־זענלעכקייט, האָב איך קיין רעכט נישט זיי צו באַהאַלטן פאַר זיך. איצט, ווען מען באַמיט זיך אַזוי שטאַרק צוזאַמענצוקלייבן אַלץ, וואָס האָט א שייכות צו דער ריזיקער פיגור, וואָס הייסט י. ל. פּרץ.

וואַרשע אין 1906. די פינסטערע רעאַקציע, וואָס האָט געבושעוועט נאָך דער דורכגעפאַלענער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, האָט מיט א באַזונדער אַכזריותדיקער ווילדקייט זיך צעלייגט איבער דער אומרואיקער פּוילן. די צאַרישע רעגירונג האָט מיט א באַזונדערן סאַדיזם נאָך שווערער געטרעטן מיט איר פאַרבלוטיקטן סאָלדאַטישן שטיוול אויף דעם פּאַרפּייניקטן לאַנד. דער ענטפער, וואָס די פּוילישע און איבערהויפּט די יידיש־פּוילישע יוגנט האָט געגעבן אויף די אַלע רדיפות, איז געווען א דערשטויי־נענדיקער.

אין דער צייט ווען איבער רוסלאַנד האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דער פינסטערער וואָלקן פון יאוש און די גאַנצע יוגנט איז געווען אַרומגע־כאַפּט מיט דער באַרימטער אַרציבאַשעווטשינע — לעב און געניס, ווייל ס'איז סיי ווי סיי קיין מאָרגן נישטאָ — האָט די פּויליש־יידישע יוגנט מיט אַן אומדערהערטער ווירדע געגעבן איר עקשנותדיקן ווידערשטאַנד — לערנען, שטודירן.

די פּוילישע הויפּטשטאָט איז געווען אַרומגעכאַפּט מיט א פרײדיקן דורשט נאָך וויסן, נאָך בילדונג און אויפקלערונג. עס האָבן זיך געשאַפן

צענדליקע שטודיר־קרייזלעך, אויפקלערונג־גרופּעס, געזאַנג־פאַראיינען, דראַמאַטישע געזעלשאַפטן. נישט נאָר פּאַרטייאישע, נאָר אפילו אומפּאַ־ליטיש בירגערלעכע.

אומלעגאַל, מיט מורא, אין שרעק פאַר שפּיאָנישע אויגן האָט מען זיך צונויפגעקליבן, כדי צו לערנען צוזאַמען, אָדער דיסקוטירן די ברע־נענדיקע טאָג־פראַגן. און ווי אַ בלענדנד ליכטנדיקער פאַקעל האָט זיך איבער די גרויע יידיש־וואַרשעווער הימלען געטראָגן דער שימערירנדיקער און וואַרעמענדיקער נאָמען פון יצחק לייבוש פּרץ.

אַ מאָדנעם כשוף האָט דער נאָמען געהאַט פאַר דער יידישער יוגנט. גלייך ווי פון אים און צו אים וואָלטן זיך געצויגן די אַלע שטראָמען פון וויסן־דורשטיקייט און אויפקלערונגס־דראַנג. עס איז געלעגן אַ רוף און אַ האָפענונג אין דעם נאָמען פּרץ. איך קאָן זיך נישט דערמאָנען נאָך אַ בוך, וואָס איז דעמאָלט אין יידישע היימען געלייענט געוואָרן מיט מער ליבע און פאַרערונג, ווי דאָס דיקע בוך פון דער „יובילעאום אויסגאַבע" — פּרצס ערשטע געזאַמלטע שריפטן. מען האָט אָט די קינסטלערישע דער־ציילונגען און לידער, און איבערהויפּט די פּובליציסטיש־געזעלשאַפטלעכע בילדער געטייטשט און אויסגעטייטשט. אויגן האָבן זיך געצונדן. הערצער האָבן זיך צעפלאַמט. פון יעדן בלעטל האָט גערעדט דער גרויסער רופער און דערמוטיקער. און ס'איז זיכער געווען נישט ווייניקער דער כוח פון פּרצס עטישער פּערזענלעכקייט ווי די עסטעטישע השפּעה פון פּרץ דעם קינסטלער, וואָס האָט זיין נאָמען געגעבן פליגלען. דאָס יידישע וואַרשע איז געשטאַנען אונטערן צייכן פון י. ל. פּרץ.

איך, אַ יונג בחורל, זינג אין כאָר פון „הזמיר" אונטער דער ליי־טונג פון פּראָפעסאָר קורץ. פּרעזעס פון „הזמיר" איז ד"ר גרשון לעווין. עס ווערט געמאָלדן די דערעפענונג פון דער דראַמאַטישער סעקציע. איך ריים זיך צום טעאַטער און וויל אָנקומען אין דער סעקציע. ד"ר לעווין שיקט מיך אָפּ צו פּרצן, ער זאָל מיך פאַרהערן. דער דראַמאַטישער אָפּטייל וועט זיין אונטער זיין אָנפירונג. איך ווער פאַרציטערט און האָב נישט קיין מוט גיין טאַקע צו י.ל. פּרצן אהיים. אָבער סוף כל סוף איז גובר דער טעאַטער דראַנג. איך טו זיך אָן אַ כוח און בין ביי דער טיר פון פּרצס היים אויף דער צעגלאַנע נומער איינס.

כ׳וויל נישט פּרובירן דערציילן וועגן דעם, ווי „ער אליין” האָט מיר געעפנט די טיר; וועגן מיין יינגלערישע דערשראָקנקייט און פאַרלוירנקייט. איך ווייס, איך בין נישט געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיך פאַרגעסן און אריין אין פּרצס קאבינעט אזש אין די נישט ריינע קאַלאָשן. ער האָט שוין געמוזט זיין געוווינט צו דעם. איך געדענק בלויז זיין גוטמוטיקן, בארואיקנדיקן שמייכל, מיט וועלכן ער האָט מיך צוריקגעפירט ארויס אין קאָרידאָר, אויסצוטון דעם מאַנטל און קאַלאָשן. און ענדלעך בין איך אין פּרצס ארבעט־צימער, זיץ אויף דער בארימטער סאָפע, אנטקעגן דעם גרויסן שרייבטיש מיט דעם שווערן זילבערנעם שרייב־סערוויז — די מתנה צו זיין ערשטן יובילעאום.

ס׳האָט געמוזט געדויערן היפּשלעך לאַנג, ביז איך האָב זיך געקאָנט בארואיקן, דערקלערן צוליב וואָס איך בין געקומען, און לאָזן זיך „פאַר־הערן”. אלץ וואָס איך געדענק איצט פון יענער ערשטער שעה ביי אים אין קאבינעט, איז א פּאַטערלעכע, בארואיקנדיקע ווארעמקייט. פּרץ האָט זיך נישט אוועקגעזעצט שמועסן מיט מיר. ער איז ווייטער אָנגעגאַנגען מיט דער שטוביקער ארבעט, אין וועלכער איך האָב אים איבערגעשלאָגן. וואָס עס איז געווען, קאָן איך זיך נישט דערמאָנען. נישט קיין שרייבן. דער איינדרוק וואָס איז מיר געבליבן איז פון עפּעס צוזאמענלייגן ביי זיין שרייבטיש. און אזוי ארבעטנדיק האָט ער געשמועסט מיט מיר. מיך אויס־געפרעגט, און געשמייכלט מיט זיינע מערקווירדיקע אויגן און וואָנצעס.

— איז וויל איך, הייסט עס, אָנקומען אין דער דראמאטישער סעקציע?

— פיל איך, אלזאָ, דאָס „פייערל” אין הארצן פאַר דער בינע?

ער איז אין א גוטער שטימונג, און מיט א מאָדנער סבלנות הערט ער אוים מיינע יונגע שטאמלענישן.

יאָ, די דראמאטישע סעקציע דאַרף האָבן יונגעלייט. מען גרייט זיך צו דעם ערשטן חנוכה־קאָנצערט פון „הזמיר”, און די סעקציע וועט דאַרפן ארויסטרעטן אין זיין איינאקטער „ס׳ברענט”.

לסוף ווערט פּרץ פאַרטיק מיט זיין ארבעט. איך בין שוין גענוג בארואיקט און איינגעשטילט זיך צו לאָזן פאַרהערן. ער זעצט מיך אוועק נעבן זיך.

וואָס קאָן איך?

כ'ווייס נישט. כ'בין מיט גאָרנישט צוגעגרייט.

ער נעמט דעם דיקן „יובילעאום"־באַנד, מישט אויף דעם לידער־טייל און גיט מיר, איך זאָל לייענען „פון יחזקאל".

איך דעקלאַמיר. פּרץ רעגט זיך אויף און ווערט בייז:

— צי דען אַזוי וואָלט גערעדט יחזקאל?

— צי דען אַזוי שטראָפט אַן אַלטער נביא?

ער לייענט אַליין...

איך בין נאָך דערמאָלט צו יונג. איך ווייס נאָך זייער קנאַפּ פון טעאַטער און שוישפּיל־קונסט. איך קאָן איצט דערפאַר נישט אָפּשאַצן ווי אַזוי ער האָט געלייענט. איך ווייס נישט וויפל שוישפּילערישער פּאָרטראָג איז געווען אין זיין נאָכמאַכן די שאַרפע שטראָפנדיקע שטים פון דעם אויפגערעגטן יחזקאל, און אין דעם סטאַקאַטאָדיקן לייענען זיינע שורות. דערמאָלט אָבער איז געווען גענוג געווען, וואָס „ער אַליין" האָט אָפּגעשפּילט פאַר מיר אָט די סצענע, אַז איך זאָל זיך אָנצינדן אין יונגער באַגייסטערונג.

און ווידער אַמאָל געדענק איך פון יענעם ערשטן „צוזאַמענשטויס" נישט קיין שרעק און נישט קיין שווערקייט. אַפילו אין זיין בייז ווערן איז געווען אַזוי פיל פאָטערלעך צאַרטעס.

איך ווייס פון שפּעטער, פון דעם אַלעם וואָס איך האָב געהערט אָדער געלייענט וועגן פּרצן, אַז ער איז גאָרנישט געווען אַזאַ גלאַטער אָדער ווייכער. פאַרקערט, ער האָט געקאָנט זיין גאַנץ קאַנטיק אָדער שפּיציק. אָבער ווייזט אויס, אַז צוליב מיין יונגקייט, אָדער אפשר צוליב דעם, וואָס אין מיר איז געווען עפּעס וואָס אים איז געפעלן, האָט ער זיך ביי אַלע מיינע באַזוכן אין זיין הויז באַצויגן צו מיר מיט אַ מאָדנער גוטסקייט.

נאָך זיין יחזקאל גיט ער מיר, איך זאָל לייענען נאָך עפּעס אַנדערש. איך האָב מער מזל, אים געפעלט. איך בין גיך תופס און לייען מיט האַרץ. ער גיט מיר לסוף פּאַרצולייענען די ראָלע פון דוד אין זיין „ס'ברענט". דאָ פּאַסירט עפּעס און ער לויכט אויף. אָט דאָס האָט ער געמיינט. אָט אַזוי שטעלט ער זיך פאָר. און ער נעמט איינס פון זיינע באַרימטע וויזיט־קאַרטלעך, שרייבט אָן עטלעכע ווערטער צו פרוי ליכטענשטיין (חיים ווייצ־

מאַנס שוועסטער), אין וועמעס הויז עס דאַרפֿן זיך אָנהייבן די רעפּעטי־ציעס, אַז איך בין באַשטימט פֿאַר דער דוד־ראָלע.

— זאָגט פֿרוי ל., אַז קיין בעסערן דוד דאַרף איך נישט.

איך בין אין זיבעטן הימל. כמעט אין פֿיבער פֿאַרלאָז איך זיין קאַבינעט און זיין היים. ווי אַזוי איך בין פֿון דאָרט אַוועק, און ווי אַזוי איך האָב זיך געזעגנט, ווייס איך נישט. איך ווייס נאָר, אַז איבער די אומרו־איקע וואַרשעווער גאַסן האָט געשוועבט און זיך געצאַפּלט אַ צעפּלאַמט בחורל, וועלכער האָט זיך געאײַלט צו צעטראָגן איבער דער וועלט די גרויסע בשורה, אַז „פּרץ אַליין" האָט אים פֿאַרזיכערט: קיין בעסערן דוד דאַרף ער נישט...

די געשיכטע האָט נאָך איר טרויעריקע זייט. צו שטאַרקע אַנטוישונג און האַרץ קלעמעניש פֿון נישט שפּילן די ראָלע, און זען ווי אַן אַנדערער שפּילט זי. אָבער אין יענעם טאָג, און אַ סך טעג שפּעטער, בין איך געווען „דוד" און געלעבט מיט דעם, וואָס איך האָב נאָך אַ סך מאָל געדאַרפֿט קומען לערנען צו פּרצן אַהיים, און זיך טוליען מיט דער גאַנצער ייִנגליש־קייט צו דעם גרויסן, פֿאָטערלעכן רבין.

אין דעם גרויסן אויפֿנאַם־צימער ביי פֿרוי ליכטענשטיין אויף קרור־לעווסקע גאַס, קומט זיך צונויף די קליינע גרופּע ליבהאָבער, וועלכע שטעלן צונויף דעם דראַמאַטישן אָפּטייל פֿון „הזמיר". מיר רעפּעטירן פּרצס „ס'ברענט". דער רעזשיסער פֿון דער אויפֿפֿירונג איז מאַרק אַרנשטיין. צווישן די סטודענטן געפֿינט זיך אַ הויכער, ברונעטער בחור, טאַמאַרקין, וועלכער פּרובירט אויך די ראָלע דוד גלייך מיט מיר. עס געפֿינט זיך דער אביסל פּלומפּער העלפֿאַנט, וואָס שפּילט די ראָלע פֿון אַלטן שמריה. עס געפֿינט זיך אויך די יונגיטשקע סלאַוואַ־עסטרין (איצטיקע פֿרוי פֿון יעקב בן עמי), אַ פֿאַרחלומט סענטימענטאַל פּויליש־ייִדישע פּאַניענקע. האָט זי שוואַרץ אומרואיקע אויגן, און נאָך שוואַרצערע זײַדענע צעפּ. וואַקסט זי ביי מיר אויס אין חשיבות. ערשטנס ווייל איך בין נאָך קיינמאָל נישט געווען אין דער נאָענטקייט פֿון אַזאַ וועלטלעכער יונגער פֿרײַלין. און וואָס נאָך וויכטיקער, ווייל פּרצן געפֿעלט זי זייער. ער איז ביי אַלע רעפּעטיציעס, און איז צנועהדיק פֿאַרליבט ווי אַ יונג בחורל. ער גלעט מיט התפּעלות

אירע שוואַרצע צעפּ, און שלינגט ווי אַ דורשטיקער ווי אַזוי זי לייענט איר ראָלע. איר שטימע איז אַ צאַרט דראַמאַטישע, מיט דעם ציטערדיקן אָפּקלאַנג פון פּוילישער פאַרבענקטקייט. הערט זיך פּרץ איין מיט שמייכלענדיק שטראַלענדיקע אויגן, ווי אַזוי זי פאַרגייט זיך אין פּיין, ווען זי באַקלאָגט זיך פאַר דעם אַהיימגעקומענעם יונגן דודן וועגן איר צער פון דאַרפן פאַרברענגען אירע טעג מיט אַן אַלטן מאַן:

„און נעכט, און נעכט" — וויינט איר שטימע.

אַרנשטיין וויל נאָך מער פּערפעקטקייט פון דער אינטאָנאַציע, און ער הייסט איר איבערחזרן די פּראָזע נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל.

פּרץ זיצט אַ שווייגנדיקער. ער איז מסכּים מיט די אויגן. און מ׳קאָן קלאָר זען, אַז ער איז דאַנקבאַר דעם רעזשיסער פאַר הייסן איר איבערחזרן אָט די פּיינפולע פּראָזע...

האָב איך דעמאָלט נישט קיין שרייבערישע אַספּיראַציעס. קום איך נישט צו פּרצן אין הויז אין די שבתדיקע טעג, ווען זיין קאַבינעט איז פול מיט די אַלע יונגע און עלטערע שרייבערס, וועלכע קומען צו פּרצן דעם קינסטלערישן מנהיג. זע איך זיין שטוב נאָר אין דער וואָכנדיקער רואיקער שטילקייט. וואַקסט אין מיינע אויגן אויס זיין פּשוט איינגעאָרדנטער און באַשיידן אויפגערוימטער קאַבינעט —אין קאָנטראַסט צו מיין ענגער חסידישער היים— צו דער סימבאָליזירונג פון אַלעם, וואָס איז קינסטלעריש שיין און גרויסוועלטיק מאַניענדיק. לעב איך טעג גאַנצע מיט דער דערוואַרטונג פון די שעהן, ווען איך וועל זיין דאָרט. זע איך פּרצן תמיד אין דער שטילער באַזאַכטקייט, ווען ער איז יומטובדיק אויפגעלייגט, און גוטמוטיק אויפגערוימט.

זוך איך אומזיסט מיט נייגיר אין האַרצן דעם „גרויסן" פּרץ, צו וועלכן אַלע קוקן אַרויף מיט אַזוי פיל מורא און דרך ארץ; צו וועמעס וואָרט „גאַנץ וואַרשע" הערט זיך צו מיט אַזוי פיל ליבע און דערוואַרטונג.

זע איך אין מיין זיבעצן יאָריקער יונגקייט בלויז פּרצן דעם קינסטלעריש-צאַרטן און גוטמוטיק-פּאַטערלעכן. אַנטפּלעקט זיך פאַר מיר אין מיין נאַאיוויטעט בלויז דער זאָרגפולער פּרץ, וועמעס האַרץ איז שפּעטער שטיין געבליבן פּונקט דעמאָלט, ווען ער האָט געאַרבעט איבער דער שאַ־

פונג פון די קינדער־לידער, מיט וועלכע ער האָט געוואָלט דערפרייען די אומגליקלעכע קליינע מלחמה־פּארטריבענע.

ער איז אויסערגעוויינלעך צערטלעך, ווען ער חזרט מיט מיר איין די ראָלע, וועלכע איך דובליר דערוויל מיטן צווייטן קאנדידאט, טאמארקין, און וועלכע איך האָף דאָך צו שפּילן. אָדער ווען ער דיקטירט מיר געוויסע זאכן זיינע, וועלכע איך שרייב איבער פאר אים. אין די הפסקות, צווישן איין דיקטירן און צווייטן, פרעגט ער מיך אויס וועגן מיין היים, וועגן מיין לעבן, און וואָס גרייט איך זיך צו טון. אָבער אלץ מיט אזא דיסקרעטער צוגעלאָזנקייט, פון וועלכער מיר איז אזוי היימלעך און גוט. ער גייט בשעת מעשה ארום איבער דער שטוב. טוט פארשידענע געוועלנלעכע קלייניקייטן. אָבער פון אים שטראלט מיט אזא קינסטלערישער חדוה, מיט אזא יום־טובדיקער ווארעמקייט.

זע איך פּרצן אין זיין היים כמעט קיינמאָל נישט אין דער געזעל־שאפט פון אנדערע מענטשן. בלויז איינמאָל ווען איך בלייב איבער צום מיטאָג, אין דער געזעלשאפט פון פרוי פּרץ און זון. פירט זיך דאָס עסן אזוי יומטובדיק שטיל ארום דעם וויים־געדעקטן טיש מיטן בלויען עס־סערוויז. זע איך ווידער נאָר דעם שטיל בנימוסדיקן פּרץ אין דער סביבה פון זיינע אייגענע. אזוי אנדערש פון אלץ אין מיין רעליגיעז קאָנסערוואַ־טיווער היים.

ס'איז אפשר גאָרנישט חידושדיק, וואָס תמיד, ווען כ'וויל זיך אים דערמאָנען פון יענע טעג, דערשיינט פּרץ פאר מיר אלע מאָל א שמייכ־לענדיקער, לאכנדיק מיט די שטראלנדיק יונגע אויגן. עס זענען נאָר פאר־שידענע מדרגות פון שמייכלען. לויט דער צייט און אומשטענדן. אמאָל קוים לאָזנדיק דעם פאָטערלעכן שמייכל דורכשיינען דורך דעם ערנסט־מענלעכן פּנים. אמאָל קלוג הנאהדיק צעשמייכלענדיק זיך מיט די בליש־טשענדיקע, דורכדרינגלעכע אויגן. און אמאָל יינגלעריש פארשייט לאכנ־דיק, ווען ער האָט אימיצן עפּעס אריינגעזאָגט, פון וואָס ער האָט אליין הנאה געהאט. ווי למשל, ביי דער סצענע צווישן אים און ד״ר גרשון לעווין, וועגן וועלכער מיר וועט שפּעטער אויסקומען צו דערציילן. דאָ פלעגן שוין מיטהעלפן לאכן אויך די הענט, געדיכטע וואָנצעס, וועלכע האָבן נאָך שאר־פער אונטערגעשטראָכן זיינע קלוגע אויגן.

ער האָט געשמייכלט חכמהדיק, אפילו ווען ער האָט אָפּן ארויסגע־ וויזן זיין אומצופרידנקייט און כעס איינמאָל, ווען א דאר־פּלייציקער פּראָ־ ווינצער יונגערמאַן אין הויכע שטיוול איז בשעת איינעם פון מיינע ווי־ זיטן געקומען צו אים אלס שליח.

מען האָט פּרצן איינגעלאַדן, ער זאָל קומען ערגעץ אין א קליין שטעטל פּאָרלייענען ביי א ציוניסטישן אָוונט. פּרץ האָט זיך אויפגערעגט:

— וואָס מיינט איר, איך בין דאָס מחויב צו שלעפּן זיך און פּאָר־ לייענען, כדי צו שאפן געלט, אז יידן זאָלן האָבן פארוואָס צו קויפן שטיוול? איך מוז דאָס העלפן, אז יידן זאָלן זיך צערייסן די זוילן, ווען זיי וועלן אויסטרעטן די שוועלן פון פרעמדע פעלקער און אויסבעטלען א יידישע היים פאר זיך?

און ער האָט זיך קאטעגאָריש אָפּגעזאָגט אָנצונעמען די איינלאַדונג.

די פּראָבן פאר דעם חנוכה־אָוונט גייען אָן. איצט רעפּעטירן מיר שוין אויף דער בינע פון „זשארדען דהיווער", דאָס יידישע טעאטער אויף כמיעלנע נומער 9. עס ווערט ביי די פּראָבן קלאָר, אז די ראָלע פון דודן וועט צו דער ערשטער פאָרשטעלונג שפּילן נישט איך, נאָר דער שווארץ האָריקער טאַמאַרקין. ער איז עלטער פון מיר, א סך מענלעכער, און זיין שטים קלינגט פעסטער.

פאר מיר איז דאָס א שטארקער קלאַפּ. אָבער איך בין אזוי פאר־ ליבט אין די פּראָבן, אין דער ארבעט ארום טעאטער, און איבערהויפּט איז מיר אזא גרויסער שאָד די נאָענטקייט פון פּרצן, אז איך בין גובר מיין קנאה און גאווה־געפיל און אנטלויף נישט. איך נעם זיך באדיי אונ־ טער צו בלייבן דער סופלאָר פון דער פאָרשטעלונג, אבי מיטצוהעלפן ביי דער ערשטער אויפפירונג פון פּרצס א פּיעסע אויף דער יידישער בינע.

פּרץ באדויערט, וואָס נישט זיין דוד וועט שפּילן, אָבער ער ווארפט זיך אונטער ארנשטיינס באשלוס. ער איז מיך בלויז מפיים מיט זיינע פּאָ־ טערלעך שמייכלענדיקע אויגן, און דריקט מיר אויס זיין שטארקע צופרי־ דנקייט, וואָס איך קאָן גובר זיין דעם יצר הרע פון שפּילן, און בלייבן ביי דער ארבעט.

נישט איך רעד שוין דודס פלאם פייערדיקע רעפּליקן צו דער פּוי־

ליש־געצערטעלטער סלאוואַ־עסטרין. דאָס טוט שוין דער הויך געוואַקסי־קער טאמארקין. איך סופליר בלויז די פּראָזע. איך באַרואיק זיך אָבער מיט דעם, וואָס איך זע, אַז באמת לעבט גאָר איבער אָט די פייניקענדיקע ליבע־סצענע דער פארליבט שמייכלענדיקער פּרץ. ער זיצט צוזאַמען מיט מאַרק אַרנשטיינען ביים רעזשיסער־טישל. וואַרפט צומאָל אַריין אַ קורצע, שניידיקע באַמערקונג. לאָזט אָבער אָנגיין די אַרבעט מיט איר נאַטירלעכן וועג, און איז צופרידן צו זען, ווי זיין איינאַקטיקע דראַמע נעמט אָן בלוט און פלייש, און פאַרוואַנדלט זיך אין אַ סצעניש בילד.

ס'איז געקומען דער טאָג פון דער פאָרשטעלונג. אָפּגערעדט איז געווען, אַז איך זאָל מיטאָגצייט קומען צו פּרצן אַהיים, און פון דאָרט צוזאַמען גיין מיט אים אין זאָל „הארמאָניע" אויף דער לאַנגער גאַס, וווּ דער חנוכה־קאָנצערט איז פאָרגעקומען.

געפונען האָב איך פּרצן אין אַ געהויבענער, כאָטש נערוועזער שטימונג. ער איז געווען האַלב אָנגעטון, אין ווייסן געפּרעסטן העמד, אָבער אָן דער וועסט און אָן רעקל. ער האָט שוין געוואַרט אויף מיר. איך מוז זיך שוין אָוועקזעצן ביים שרייבטיש. ער מוז צושרייבן אַ נייע סצענע צום אָנפאַנג פון „ס'ברענט", און אַריינפירן אַהין אַ נייעם מענטש — דעם ייד הינטערן פענסטער.

אין ערשטן וואַריאַנט, וועלכן מיר האָבן די גאַנצע צייט פּראָבירט, איז דער ייד נישט געווען. כ'ווייס נישט, צי האָט פּרץ די סצענע אַליין פאַרטראַכט, ניכער האָט ער זי אַריינגעפירט בהסכם מיט מאַרק אַרנשטיינען, דעם רעזשיסער.

די זאַך איז געווען, וואָס די גאַנצע צייט, לויט ווי מיר האָבן פּראָבירט, האָט די סצענע פון „ס'ברענט" געזאָלט פאָרשטעלן צוויי אָפּגעטיילטע חדרים. איינע פאַר מאַן און ווייב, און אַן אַלקערל פאַר דעם אַהיימגעקומענעם יונגן זון, דוד. ביים אויפשטעלן די דעקאָראַציע אויף דער פּראָוויזאָרישער בינע פון „הארמאָניע" האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען קאָן קיין צוויי חדרים נישט האָבן, און מען האָט זיך געמוזט באַגניגענען מיט איין חדר. געוויסע מיזאַנסצענעס האָבן געמוזט איבערגעדרייט ווערן. און איך מיין, אַז דאָס איז געווען די סיבה פון שאַפן אַן אַנדערן אָנהייב,

צוליב וואָס פּרץ האָט אַריינגעפירט דעם קורצן דיאַלאָג צווישן שמריהן און דעם יידן הינטערן פענסטער.

פּרץ דיקטירט די סצענע לייכט, אָבער דאָך יומטובדיק אויפגערוימט. ער גייט בשעת מעשה ארום איבערן קאַבינעט. טוט זיך אָן דעם געפּרעסטן קאָלנער און בינדט אוים דעם שווארצן לאנגן קראוואט. דאָס טוט ער גאנץ פּאמעלעך און מיט א געוויסן אויסגעהאלטענעם ריטם, וואָס פּאסט זיך נאטירלעכערהייט צו דעם ריטם פון די צוויי שמועסנדיקע יידן. זייער סצענע איז א קורצע. זייערע רעפּליקן זענען געהאקטע. אין פּרצס דיקטירן ווערן זיי לעבעדיק צוליב דעם טרעפלעכן אופן ווי אזוי ער אינטאָנירט זייערע רייד.

איך שרייב צום ערשט דאָס דיקטירטע אויף דער אָריגינעלער קאָפּיע פון דעם סופליר־טעקסט, וואָס מיר האָבן די גאנצע צייט גענוצט ביי די פּראָבן. איך באנוץ זיך מיט די ליידיקע ראנדן, כדי אריינצופירן די עטלעכע נייע רעפּליקן. איך לייען נאָכדעם דאָס אָנגעשריבענע איבער אויף א קול. פּרץ בלייבט אומצופרידן. איך מוז דאָס אויסמעקן. און ער דיקטירט אויפסניי אַן אנדערן נוסח פון דער זעלבער קורצער סצענע, וועלכע איך פאר־שרייב שוין אויף א באזונדער פּאפּיר, און קלעב זי אריין אין דעם טעקסט. דאָס מאָל איז ער שוין צופרידן, און ער פארענדיקט דאָס אָנטון די וועסט און דאָס רעקל.

ער איז גרייט צו גיין.

זיין פּנים שיינט מיט א באהאלטענער יומטובדיקייט. איך ווער אליין אויך אָנגעשטעקט מיט דער שטילער ערנסטקייט און פרייד פון גיין צוזא־מען מיט פּרצן צו דער ערשטער אויפפירונג פון זיינער א זאך אויף דער בינע.

א פארטראכטער און אין זיך פארטוענער גייט פּרץ איבער די ווינ־טערדיקע ווארשעווער גאסן, איבערן וועג צום זאל „הארמאָניע”. איך נעבן אים. כ'בין אזוי שטארק דורכגענומען מיט דער וויכטיקייט פונעם מאָ־מענט, אז איך פארגעס אפילו צו זיין שטאָלץ, וואָס איך, א יונג בחורל, אין חסידישן היטל און „לאנגע” קליידער, גיי זייט ביי זייט מיט „אים”, וועמען אלע דערקענען, און וועמען יעדער איינער שטעלט זיך אָפּ נאָכ־צוקוקן.

מיר גייען פארביי גיטלינס יידישע בוכהאנדלונג קעגנאיבער קראַ־שינסקים גאָרטן. פּרץ שטעלט זיך אָפּ באטראכטן די אויפגעשטעלטע ביכער אין שויפענסטער. פאר מיר גיט אויף איין מינוט א בליץ אויף אן אנדער סצענע, טאקע דאָ ביים זעלבן פענסטער, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געזען פּרצן אין בלוט און פלייש — — —

מיט עטלעכע חדשים פריער. א זומערדיקער נאָכמיטאָג. איך שפּאַציר מיט מיין העברעאישן לערער בן ציון גאָטליב. ביי גיטלינס בוכהאנדלונג בלייבן מיר שטיין. איך פארקוק זיך אויף די פארשידענע אויסגעשטעלטע ביכער. פּלוצים גיט מיר מיין לערער א ריר ביים ארבל, איך זאָל זיך אומדרייען: פּרץ... נעבן מיר, אויך פארקוקט אויף די אויסגעשטעלטע ביכער, שטייט א פיגור, אין א לאנגער פּעלערינע און ברייטן הוט. איך זע אים צום ערשטן מאָל, אָבער איך דערקען אים. דאָס בלוט גיט א שטראָם צום יונגן הארץ. איך בלייב געפּלעפט, ווען ער הייבט אויף מיר אויף זיינע אומרואיקע, ווארעמע אויגן...

אויך איצט פירט ער זיינע אויגן איבער מיר. אָבער איך פיל זיך נישט מער פארווירט נעבן אים. כאָטש עס איז נישט שווער צו זען, אז עפּעס דריקט און באאומרואיקט אים איצט.

אין „הארמאָניע" איז שטיל. די לעצטע רעפּעטיציע, וואָס מיר דארפן נאָך מאכן פאר דער פאָרשטעלונג, וועט זיך אָנהייבן ערשט שפּעטער. די אָנטיילנעמער זענען נאָך נישטאָ. די דעקאָראציע אויף דער בינע איז אויפגעשטעלט. דער פאָרהאנג איז אָפן. אין זאָל שטייען נאָך די בענק צערוקט און אין אומאָרדענונג. מען וועט זיי ערשט אויסשטעלן, ווען ס'וועלן געמאכט ווערן די לעצטע פארברייטונגען אויפצונעמען דאָס פּובליקום. דערווייל איז קיינער נישטאָ. פון א זייטיק חדר דערטראָגן זיך פידל־קלאנגען. דאָס רעפּעטירט דער קאָנצערטיסט, וואָס דארף דעם אָוונט אויפטרעטן, וויענאַווסקים פידל־קאָנטשערטאָ.

אויף פּרצן שיינען די פידל־טענער צו מאכן א בארואיקנדיקן איינדרוק. ער זיצט אויף דער באנק, וואָס שטייט אין פראָנט פון דער בינע, ער שפּארט זיך אָן מיטן גאנצן אויבערשטן קערפּער־טייל אָן דעם פּראָסצעניום־ווענטל.ביידע הענט זענען אויסגעשפּרייט, אָנשפּארנדיק זיך אָן

ביידע זייטן באַנק. ער פאַרמאַכט, דאַכט זיך, די אויגן, און הערט זיך צו צו דעם רעספּעקטירנדיקן קאָנצערטיסט.

עס קומט אָן ד"ר גרשון לעווין, אַן אייליקער, אַן אימפּעטיקער. אויך פּרץ האָט אויף אים געוואַרט. זיי זענען די אָנפירערס פון היינטיקן אָוונט, און דאַרפן זיך נאָך דורכרעדן וועגן די לעצטע אַראַנזשירונגען. ד"ר לעווין זעצט זיך נעבן פּרצן. צווישן זיי פאַרבינדט זיך אַ שטילער געשפּרעך, וועלכער גייט באַלד איבער אין אַ העפטיקן צוזאַמענשטויס. איך בין פון ווייטנס און ווייס נישט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. אָבער איך האָב באַלד אַ געלעגנהייט צו דערזען פּרצן אין איינעם פון די אינטערע־סאַנטסטע מאָמענטן — אין אַ מאָמענט פון אַ קינדיש אַרטיסטישן קאַפּריז, אין וועלכן ער באַווייזט זיך מיט אַלע זיבן חנען. אין אַ געפּלאָנטער פון שאַרפן קאַמפּסלוסט און ייִנגלישער קונדסעריי, בליציקן שאַרפזין און קינסטלערישער הערשזוכט.

און דאָ האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן דער גרויסער אונטערשיד אין די כאַראַקטערס און טעמפּעראַמענטן פון די צוויי קעמפּנדיקע. ד"ר גרשון לעווין מיט זיין הויכער פיגור און לענגלעכער באָרד האָט זיך געהיצט און געקאָכט. ער איז אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט, האָט אָנגעהויבן אַרומ־מאַרשירן איבערן זאַל און פון דאָרט געשריגן אויף אַ קול. פּרץ איז גע־בליבן זיצן אויף דער באַנק פאַר דער בינע. ער האָט כמעט נישט געביטן זיין פּאָזע פון אָנשפּאַרן זיין קערפּער אָן פּראָסצעניום ווענטל. ער איז אויס־סערלעך געבליבן קאַלט און רואיק. אָבער נאָר זיינע צעבליצטע אויגן און דאָס צעשמייכלטע פּנים האָבן אָנגעפירט דעם העפטיקן קאַמף.

ווי אַ געניטער, אויספּרובירטער פעכטער האָט ער אויפגעכאַפּט ד"ר לעווינס יעדן צורוף, און געשיקט אָפּגעענטפערט מיט אַ קורצער, געהאַק־טער פראַזע, וועלכע האָט זיך איינגעגעסן אין קעגנערס „זיבעטער ריפּ". ד"ר לעווין פלעגט פון יעדן נייעם זאָג ווערן רויט און בלאַס, און זיך צע־שרייען נאָך העכער. ער איז געווען כמעט היסטעריש און זיך אַרויסגע־שלאָגן פון די כוחות. פּרץ, דאַקעגן, איז נאָך יעדן אָנפאַל געבליבן פריש און שלאָגפערטיק. מען האָט קלאָר געקאָנט זען, אַז ער איז נייגעריק דעם קאַמף צו פאַרציען וואָס לענגער. כאָטש עס האָט אים הנאה געטון צו זען ווי זיין קעגנער ווערט וואָס אַמאָל מער אויסגעמאַטערט.

ווי ד"ר גרשון לעווין דערציילט, בלויז פאַרבייגייענדיק, אין זיינע זכרונות וועגן פּרצן, איז יענער קריג פאָרגעקומען צוליב דעם, וואָס פּרץ האָט אָן שום דערקלערונגען דעם לעצטן מאָמענט געשטעלט אַן אולטימאַטום, אַז מען מוז אַראָפּנעמען פון פּראָגראַם די פאָרלעזונג פון שלום עליכמס א זאַך. פּרץ האָט פריער געהאַט צוגעשטימט צו לאָזן שלום עליכמען פיגורירן אויפן חנוכה־אָוונט. אָבער פאַר דער פאָרשטעלונג האָט ער זיך פאַרקאַפּריזעוועט, אַז דורכאויס נישט. ד"ר לעווין האָט פּרובירט אָפּראַטעווען שלום עליכמען, און דערפאַר דער העפטיקער צוזאַמענשטויס.

אין יענעם מאָמענט, ווען די סצענע צווישן זיי האָט זיך אָפּגעשפּילט, האָב איך קיין קלאָרן באַגריף נישט געהאַט, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. איך בין אפילו געווען א היפּש ביסל איבערגעשראָקן צוליב דעם געקריג צווישן די צוויי גדולים. אָבער איך מוז מודה זיין, אַז מיר האָט דעמאָלט שטאַרק הנאה געטון צוצוזען פון דער ווייטנס, אַז „מיין" פּרץ געווינט...

נאָכדעם ווי גרשון לעווין האָט אויסגעשאָסן זיין גאַנצע אַמוניציע; נאָכדעם ווי זיין פאַרצווייפלונג איז דערגאַנגען ביז צו דער העכסטער שטופע, און פּרץ איז אַלץ געבליבן אַזוי קאַלט און פעסט, האָט ער זיך ביסלעכווייז איינגעשטילט און — זיך אונטערגעגעבן. ער איז א ווײַלע אַרומגעגאַנגען שטילערהייט איבערן זאַל. פּרץ האָט, נישט בייטנדיק זיין פּאָזע, אַלץ געוואַרט. לסוף איז ד"ר לעווין צו אים צוגעגאַנגען, אים געזאָגט עפּעס שטילערהייט און איז גיך אַוועק. פּרצס שמייכלענדיקע אויגן האָבן בולט געוויזן נצחון־פרייד. אָבער, צי האָט זיך מיר בלויז אויסגעוויזן, אַז זיי האָבן זיך באַלד נאָכדעם פאַרצויגן מיט אַן אָפּשיין פון טרויער?

ביסלעכווייז האָט די „האַרמאָניע" גענומען לעבעדיק ווערן. אונדזערע ליבהאָבער־אַרטיסטן האָבן זיך אָנגעהויבן צוזאַמענצוקומען. אין איילעניש האָט מאַרק אַרנשטיין איינשטודירט מיט איינעם פון די סטודענטן די עטלעכע רעפּליקן פון דער נייער צוגעשריבענער ראָלע — דער ייד הינטערן פענסטער. פּרץ האָט אים אין קורצע ווערטער דערקלערט עפּעס וועגן דער סצענע צווישן דעם יידן און דעם אַלטן רב שמריהן. איילִיק האָט מען זיך גענומען דאָס לעצטע מאָל דורכרעפּעטירן דעם איינאַקטער.

פּרץ האָט געשײנט צו זײן דערשעפּט און זיך איצט װײניק אַרײנגעמישט אין דער פּראָבע. ער האָט אױסגעזען צו זײן פאַרטון מער אין זיך אַלײן.

אינגיכן האָבן זיך באַװיזן די בינע־אַרבעטער און די זאַל־אָנגעשטעלטע. ס׳האָט זיך אָנגעהױבן דער געװענלעכער גערודער און געטומל פון ערב אַ פאָרשטעלונג. דאָס רוקן פון די בענק און איבערשטעלן זאַכן. אַזױ אַז דער אַלגעמײנער װירװאַר און די לעצט־מינוטיקע רעפּעטיציע האָבן זיך צונױפגעגאָסן מיטן באַװײזן זיך פון די ערשטע צושױער, װאָס זענען געקומען צום חנוכה־קאָנצערט.

די ערשטע דערפאַרונגען פון הינטער־קוליסן איבערלעבענישן. דאָס ערשטע מאָל זען װי פּשוטע אַרטיסטן־ליבהאָבערס װערן דורכן כּשוף פון פאַרוקען און שמינקע פאַרװאַנדלט אין אמתע פאַרשױנען. די אָנגעשטרענגטע דערװאַרטונג פון פאַרן פאָרהאַנג־אױפהײב. פּרצס געשפּאַנט־נערװעזע פיגור אַרײן און אַרױס פון די אַרטיסטן־גאַרדעראָבן. דאָס שפּילן אױף דער אָרימער, אימפּראָװיזירטער בינע. באַגײסטערונג פון עולם. אַלץ מישט זיך מיר איצט צונױפ אין אַזאַ װײט־כאַאָטיש בילד.

כ׳האָב פּרצן נאָכגעפאָלגט און פאַרלױרן מאָל נאָך מאָל יענעם אָװנט. ער איז געװען דער צענטער פון אינטערעס. אַרומגערינגלט פון גאַנצע שטראָמען מענטשן, װאָס האָבן זיך געשטופּט אַרום אים און קײן אײן מינוט אים נישט געלאָזט אַלײן.

אָבער אײן מאָמענט טײלט זיך מיר בולט אױס, װען כ׳האָב צום ערשטן מאָל דערזען יעקב דינעזאָן נעבן פּרצן.

כ׳האָב דינעזאָנען פריער קײנמאָל נאָך נישט געהאַט געזען. כ׳האָב אים אָבער גלײך דערקענט. זײן יונג־אַלט געפּאַלדערװעט פּנים איז געװען אײן שטיק גליקלעכע פרײד. ער האָט מאָדנע מוטערלעך געלאַכט, װען ער האָט פאַרן גאַנצן עולם פּרצן כמעט אַרומגענומען בײ זײנע אָרעמס, און אים ממש געטוליעט צו זיך, װי מען טוליעט אַ געליבט, געצערטלט קינד.

פּרץ האָט אים גערן געענטפערט אױף זײן צערטלען, און אָן אָפּ־

האלט קינדיש צוריקגעשטראלט מיט זײַנע גליקלעך לאַכנדיקע אױגן און וואָנצעס.

אפשר די פּאַטעטישסטע סצענע אין גאַנצן אָוונט.

קײן צװײטע פאָרשטעלונג פון „ס'ברענט" איז דעמאָלט נישט געװען. איך בין אינגיכן אָנגעקומען אין פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער און אָנגעהויבן זיך ארומצושלעפּן איבער דער לענג און ברייט פון רוסלאַנד. פּרצן האָב איך מער נישט געזען.

כמיעלנע 9

כאָטש די כמיעלנע גאס איז שוין געווען ארויס פון דער יידישער געגנט, זי איז שוין געלעגן אין קריסטלעכן טייל פון ווארשע, נאָך דער מאַרשאַלקאָווסקע און נעבן דער „נייער וועלט", איז אָבער „כמיעלנע נומער ניין" אין יענער צייט פארוואנדלט געוואָרן אין א שטארק באלעבטן, עכט יידישן צענטער. אהין האָט זיך אויף א געוויסער צייט אריבערגעטראָגן א שטיק קאָלירפול, שפרודלדיק יידיש לעבן. אויף כמיעלנע 9 האָט זיך געפונען דער „זשארדען דהיווער" (ווינטער גאָרטן), וואָס איז דעמאָלט פארוואנדלט געוואָרן אין א יידיש טעאטער. דאָרט האָבן געפונען א מקום מנוחה — נאָך זייער ערשטער צייטווייליקער סטאנציע אין מאָנקאָטאָוו — די עטלעכע יידישע טרופּעס, וואָס האָבן געשטראָמט קיין פּוילן, באלד ווי דער פארבאָט פון יידישן טעאטער איז אָפּגעשטעלט געוואָרן.

מיטאמאָל זענען די אזוי גערופענע „פּרינציפּאלנע" גאסן, דאָרט וווּ מ'פלעגט געוועגלעך זעלטן זען א יידן אין א לאנגער קאפּאָטע מיט דעם קליינעם יידישן היטל אויפן קאָפּ — מיטאמאָל האָבן אָט די עטלעכע גאסן, נאָענט צו דער כמיעלנע, אָנגעהויבן באלאגערט צו ווערן פון גרויסע מאסן יידישע יונגעלייט, יידישע מיידלעך, עלטערע יידן און פרויען, סיי עכט יידיש געקליידטע און סיי „דייטש" געקליידטע, וועלכע האָבן זיך געצויגן אין „זשארדען דהיווער" טעאטער. אין די וואָכנדיקע אָוונטן, און שבת און יום טוב אויך אין די נאָכמיטאָגן, האָט זיך באוועגט און געווירבלט דער לעבעדיקער שטראָם פון יידישן עולם אין יידישן טעאטער אריין.

ס'האָט געמאכט דעם איינדרוק, אז גאָר א היפּשער טייל פון דער יידישער קולטורעלער ענערגיע, וואָס האָט געזוכט אן אויסדרוק נאָך דער דורכגעפאלענער רוסיש-פּוילישער רעוואָלוציע, האָט זיך פארקערעוועט

אהער, אין יידישן טעאַטער. דער נאָמען פון יעדן יידישן אַקטיאָר און אַק־טריסע, איבערהויפּט פון די, וואָס האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט, איז געטראָגן געוואָרן מיט ליבשאַפט און פאַרערונג אויף די ליפּן פון טויזנטער. פונקט ווי ס׳זענען געטראָגן געוואָרן די נעמען פון די באַליבטע יידישע שרייבערס, פּאָעטן און דערציילערס. מען פלעגט זיי, די באַרימ־טערע יידישע אַרטיסטן, נאָכגיין אין די גאַסן, פונקט ווי די באַקאַנטערע יידישע שרייבערס.

פאַרשפּאָרט צו זאָגן, אַז איך אַליין בין אויך פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם שטראָם. צווישן די הונדערטער, וואָס האָבן נאַכט נאָך נאַכט געזעסן די פאָרשטעלונגען שטייענדיק ביי די זייטן, אַרום די לאָזשן און פּאַרטער פון „זשאַרדען דהיוועס", איז אויך מיין אָרט געווען. אָבער דערצו האָב איך נאָך געהאַט די פּריווילעגיע, וואָס אויף אַ געוויסן אופן האָב איך שוין געפילט באַרעכטיקט זיך צו האַלטן פאַר אימיצן, וואָס האָט שוין עפּעס אַ געוויסן שייכות אהער. ווייל כאָטש דאָס יידישע טעאַטער איז נאָך אַלץ געווען אַ נייעס, אָבער איך בין שוין געווען אַן אַלטער טעאַטער גייער. זינט מיין ערשטן דערמאָנטן באַזוך אין פּוילישן „טעאַטער לודאָווי", בין איך שוין געהאַט פאַרבליבן אַ געטרייער שטענדיקער באַזוכער פון טעאַ־טער. אפילו נישט טראַכטנדיק לכתחילה אַליין צו ווערן אַ טייל פון דעם, האָב איך אַלע מיינע קינדישע און יינגלערישע חלומות אויסגעלעבט אין פּוילישן טעאַטער, וווהין איך פלעג לויפן אונטער די שווערסטע סכנות פון גיין דעמאָלט ביינאַכט איבער די וואַרשעווער גאַסן. און שפּעטער, ווען כ׳האָב שוין, האַלב שעמעוודיק, אָנגעהויבן צו זוכן אַ וועג צוצוקומען צו דעם וועלטל, וואָס האָט אַזוי געלאָקט, האָב איך זיך געמאַכט האַרץ, און — אַחוץ צו פּרצן אין „הזמיר" — געגאַנגען אהיים צו מאַרק אַרנשטיינען, ער זאָל מיך אויפנעמען אין איינער פון זיינע ליבהאָבער־גרופּעס, מיט וועלכע ער האָט געלערנט.

מאַרק אַרנשטיין איז אין יענער צייט געווען אַ שטאַרק אָנגעזעענע, אימפּאָזאַנטע פיגור אין דער יידישער וואַרשע. אַליין גוט באַקאַנט אַלס דראַמאַטיקער און רעזשיסער אין פּוילישן טעאַטער, ווו מען האָט שוין געהאַט אויפגעפירט זיין „ווילנער באַלבעסל" און „דאָס אייביקע ליד", און וווּ מ׳האָט דורך זיין השפּעה אויך געהאַט אויפגעפירט עטלעכע פּיעסן

פון יידישע שרייבערס — שלום אשס „משיחס צייטן" און שלום עליכמס „צעזייט און צעשפּרייט" — האָט ער זיין קינסטלערישע טעטיקייט אריי־בערגעטראָגן אין דער יידישער גאַס, ווו דער דראַנג נאָך טעאַטער איז אויס־געוואַקסן ביז גאָר א הויכער מדרגה. ער האָט אָנגעפירט מיט פאַרשידענע אַמאַטאָרן־גרופּעס. ער האָט געלערנט „טעאַטער שפּילן" א סך יונגע ליב־האָבערס, וואָס זענען שפּעטער געוואָרן פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן אין יידישן טעאַטער. ער האָט נישט געהאַט קיין דראַמאַטישע שולע, ווי למשל שפּע־טער דוד הערמאַן אָדער מיכאל וויכערט. ער האָט נישט געהאַט קיין פּראָ־גראַם אָדער מעטאָדע, ווי מיר פאַרשטייען עס היינט. ער האָט אָבער, אויף זיין שטייגער, געלערנט ווי צו שטודירן ראָלן, ווי צו שטיין, גיין, און האַלטן זיך אויף א בינע. ער האָט דער ערשטער איינגעפלאַנצט דאָס באַ־וווּסטזיין, אַז טעאַטער שפּילן דאַרף מען און מען קאָן זיך לערנען. ער האָט איינגעפלאַנצט א דרך ארץ פאַר דער בינע־קונסט, און אויסגעפּלאַס־טערט דעם וועג פאַר א סך שפּעטערדיקע שיינע אויפטוען אין יידישן טעאַטער.

איך געדענק מיינע באַזוכן ביי ארנשטיינען אין זיין קאַוואַלערסקע סטודיאָ־היים, ווו מיר, א גרופּע יונגע אַספּיראַנטן, האָבן שטודירט טיילן פון יידישע און נישט יידישע פּיעסן — אשס „צוריקגעקומען" אָדער אָק־טאַוו מירבאָס „זשאַן און מאַדלענא". שוין זיין אויסערלעך אויסזען — א שלאַנקער, נעט געקליידטער, מיט א פיין געשניצטן קאָפּ און גלאַט ראַ־זירט פּנים — און אויך זיין גאַנצע האַלטונג, האָבן אויף זיך געהאַט דעם שאַרפן שטעמפּל פון א מענטש פון טעאַטער. זיין ריינער, נישט פּוילישער יידיש, וואָס ער פלעגט תמיד רעדן מיט א טעאַטראַלישער געטאָקטקייט, האָט געמאַכט א צוציענדיקן איינדרוק. עס האָט זיך דעמאָלט גערעכנט פאַר א פּריווילעגיע צו זיין מאַרק ארנשטיינס א תלמיד. אַזוי אַז ערגעץ ווו האָב איך זיך שוין געפילט באַרעכטיקט צו האַלטן זיך צווישן עולם אין טעאַטער ווי איינער וואָס „באַלאַנגט" אהער. איך האָב שוין געקוקט סיי אויף די געשפּילטע פּיעסן און סיי אויף די שפּילערס, די אַקטיאָרן, מיט א באַזונדערער פאַראינטערעסירטקייט. ווייל קוקנדיק האָב איך זיך שוין נישט באַגניגנט מיטן בלויזן הנאה האָבן, ס'איז אויך אין א גרויסער מאָס געווען פאַרבונדן מיט לערנען זיך, צוקוקן זיך ווי אַזוי עס שפּילן

די פּראָפעסיאָנעלע, שוין באַרימטע יידישע אַרטיסטן. און לערנען זיך איז באמת געווען ביי וועמען.

געשפּילט דעמאָלט אין „זשאַרדען דהיוועור" האָט די טרופּע פון אברהם פישזאָן, וואָס איז שוין געווען באַקאַנט איבער גאַנץ רוסלאַנד. אין איר האָבן זיך געפונען אַזעלכע אַקטיאָרן ווי יעקב ליבערט, מישא פישזאָן, יצחק אַרקאָ, ה. קושטשינסקי, ריבאַלסקי, ווערא זאַסלאַווסקאַ, כיענע בראַגינסקאַ, נאַדינאַ (נאַדיאַ דראַנאָוו), בערטיל און אַנדערע. געשפּילט האָט מען מערסטנס אָפּערעטן, ווי „כל נדרי", „עזריה גבור חייל", „חורבן ירושלים", „כינקע פינקע" און „יעקל באַלעגאָלע". און כאָטש דער רעפּערטואַר איז נישט געווען אַזעלכער, וואָס האָט מיך, פּונקט ווי אַ סך אַנדערע, געקאָנט צופרידן שטעלן, ווייל איך האָב זיך שוין אין פּוילישן טעאַטער געהאַט דערצויגן אויף אַזעלכע פּיעסן ווי גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ", שילערס „די רויבער", שעקספּירס „האַמלעט" און „אָטעלאָ", זודערמאַנס „היימאַט" און אַ סך אַנדערע פונעם וועלט-רעפּערטואַר — האָט אָבער דאָס יידישע טעאַטער בנוגע אַרטיסטישע כוחות מיט גאָרנישט געדאַרפט אַרונטערפאַלן פונעם פּוילישן טעאַטער. און אין אַ געוויסן זין האָבן די יידישע אַקטיאָרן געמאַכט אַ שטאַרקערן, טיפערן איינדרוק. אויב זיי האָט געפעלט די פאָלירטקייט, די געשליפנקייט פון די פּוילישע אַקטיאָרן, זענען זיי אָבער אין זייער פּרימיטיווקייט געווען אַ סך עמאָציאָנעלער און דראַמאַטיש מיטרייסנדיקער. און ווי מיר דאַכט זיך היינט, איז זייער אַרט שפּילן געווען אַ סך מער צוגעפּאַסט צו די געמיטער אין יענער אומרואיקער און שטורמישער צייט.

יעקב ליבערט האָט באַזיצן אַזוי פיל ליידנשאַפטלעכע דראַמאַטישקייט מיט זיין צינדנדיקן טעמפּעראַמענט, מיט זיין פול קלינגענדיקער און גלעטנדיקער רייד-שטימע. ער פלעגט ממש אויפשטורעמען מיט זיין שפּילן דעם „גרוים אינקוויזיטאָר" אין „כל נדרי", ישמעאל בן נתניה (איזמאַאיל) אין „חורבן ירושלים" אָדער דעם פּרימיטיוון יעקל באַלעגאָלע. מישע פישזאָן פלעגט אַרויסרופן אַזוי פיל פרייד מיט זיין אומגעצוווּנגענעם, פאָלקסטימלעכן קאָמיזם אין זיינע פּשוטע ראָלן פון שלמה דעם בעקער יונג, דעם פאַנטאָפל-מאַן פּינקע און אַנדערע. ווערא זאַסלאַווסקאַס זיסע געזאַנג „יזכור אלוהים" און „ומפני חטאנו" האָבן אַרויס-

גערופן א סך התפּעלות און טרערן אין די אויגן פון טויזנטער יידישע טעאַטער גייערס. דאָס אייגענע דאָס שפּילן פון דער מאַדאַם בראַגינסקא מיט איר אימפּאָזאַנטער פיגור און דראַמאַטישער וואַרעמקייט.

אין אומצייליקע יידישע הייזער איז צוגעקומען א נייער אינטערעס און א נייע פרייד: נאָכזינגען די פאָלקסטימלעכע לידער, נאָכזאָגן די חכמה־דיקע ווערטלעך און איבערחזרן דאָס שפּילן פון די יידישע אַקטיאָרן אין יידישן טעאַטער. מיט אַלע פעלערן, מיט אַלע טענות וואָס מ׳האָט געקאָנט אויסזעצן קעגן דעם יונגן יידישן טעאַטער אין פּוילן, איז אָבער זיין ווערט נישט געווען אָפּצושאַצן דערמיט, וואָס ער האָט געהאַט דערוואָרבן א נייע פּאָזיציע אין דעם אַזוי שטאַרק אויפגעוואַכטן באַוווּסטזיין פון יידישן קולטור־לעבן — די פּאָזיציע פון לעבעדיקן גערעדטן יידישן וואָרט. דאָס שיינע גערעדטע יידישע וואָרט — אין קאָנטראַסט צו דעם צעקאַליע־טשעטן, פאַרוואָרלאָזטן, שלעכט קלינגענדיקן וואָרט פון מענטש פון גאַס— וואָס מ׳האָט ביז דעמאָלט געקאָנט הערן בלויז אין די זעלטענע פאַלן פון רעדנער ביי א פאַרזאַמלונג אָדער א קאָנצערט־אָוונט, איז איצט פריי גע־הערט געוואָרן נאַכט נאָך נאַכט פון דער בינע אַראָפּ אין יידישן טעאַטער. ליבערט, אַרקאָ, פישזאָן, זאַסלאַווסקא, בראַגינסקא, און ווער שמועסט נאָך אסתר רחל קאַמינסקא אָדער סאָניא עדעלמאַן, האָבן פאָרט שענער גערעדט יידיש ווי מען איז געווענלעך געוווינט צו הערן. אין זייער מויל האָט יידיש באַקומען מער חשיבות, מער באַדייטונגספולקייט, און איז געווען מער אימפּאָנירנדיק. דאָס האָט זיכער צוגעטראָגן א גרויסן חלק צו דעם, וואָס יידיש האָט זיך שפּעטער אַזוי צעבליט אין מויל פון דער פּויליש־יידישער יוגנט.

און אחוץ דעם — אפילו דאָס געשריבענע יידישע וואָרט איז שטאַרק סטימולירט געוואָרן דורכן דעמאָלטיקן יידישן טעאַטער. עס האָבן זיך געעפנט נייע געביטן אין דער טעגלעכער יידישער פּרעסע, וואָס האָט זיך גלייכצייטיק מיטן יידישן טעאַטער, אָנגעהויבן צו צעוואַקסן. מען האָט אָנגעהויבן שרייבן וועגן יידישן טעאַטער. קריטיק, עסייען, אָפּ־האַנדלונגען, סיי איבער איינצעלנע אַקטיאָרן, סיי איבער געוויסע פאָרשטע־לונגען, און סיי איבער טעאַטער בכלל, האָבן אָנגעהויבן וואָס אַמאָל צו פאַרנעמען אַלץ א גרעסער אָרט אין דער יידישער פּרעסע. דאָס האָט

געשאפן א נייעם אינטערעס ביים יידישן לייענער, און א נייעם אָנרעג סיי צום גוטן, סיי צום שלעכטן ביי אזעלכע שרייבערס ווי דוד פרישמאַן, נח פרילוצקי און אפילו ביי י. ל. פרצן.

און נאָך עפּעס האָט דאָס יידישע טעאטער דעמאָלט אויפגעטון — און ווי איך טראכט היינט, גאנץ וויכטיקס—: עס האָט ארויסגעריסן די גרויסע יידישע מאסן פון זייער ענגער איינגעשלאָסנקייט אין די בלויז יידישע גאסן, און זיי אויסגעלערנט אריבערצוטרעטן די „גויאישע" קוואר־טאלן ווי גלייכבארעכטיקטע ווארשעווער איינוווינער. ס'וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אז טויזנטער יידישע מענטשן האָבן זיך צום ערשטן מאָל געהאט איינגעשטעלט צו קומען פון די נאלעווקעס, פראנצישקאנער און דזשיקע אהין אין „יענע גאסן" אריין, כדי צו זען א יידישע פאָרשטע־לונג. כאָטש אין דער זעלבער צייט האָט זיך אויך געעפנט א יידיש טעא־טער אין סאמע הארץ פון יידישן ווארשע — דאָס „מוראנאָווער" טעאטער. אָבער האָט מען נאָר געמאכט דעם ערשטן טריט, האָט מען זיך שוין אויך געצויגן אין יידישן טעאטער אריין, ווו דער הויפטשפילער איז געווען דער בארימטער מייערסאָן, וואָס האָט אין די זומער חדשים געשפילט אין „טעאטר נאָווי" (נייע טעאטער) אויף דער קרולעווסקע גאס, נישט ווייט פון דער „קראָקעווער פאָרשטאָט", און אנטקעגנאיבער דעם שמעקענדיקן „זאקסישן גאָרטן", וווהין יידן אין לאנגע קאפאָטעס האָבן נאָך אלץ נישט געטאָרט אריינשמעקן.

א נייעם אינטערעס האָט כמיעלנע 9 באקומען, ווען פישזאָנס טרופּע האָט פארענדיקט דעם סעזאָן און אויפן צווייטן סעזאָן (1906-7) האָט דאָרט אָנגעהויבן צו שפּילן די טרופּע פון „סעם אדלער אוים אמעריקע". דער ווארשעווער עולם האָט געהאט די געלעגנהייט זיך צו באקענען מיט נייע שוישפּילערס, ווי אדאָלף בערמאַן, ב. דאָקטאָראָוו, שלמה קראָוזע, גוסטאוו שווארצבארד, ל. שטראספויגעל, נאדיא נעראָסלאווסקא, מארגא־רעטע שווארץ, לאה קראָוזע, פּעלע לאנצמאן, גאָלדבערג, און די יונגע לאזאר פריד און מיכאל קליין.

און ווידער אמאָל, כאָטש דער רעפּערטואר איז געווען א פּשוט אָפּע־רעטישער —„יוסף אין עגיפּטן", „בת שבע", „חפני און פנחס", „טאטע מאמעס צרות", „משה חייט", „כל נדרי", „בן הדור", „בת ירושלים"

און אנדערע— איז אָבער דאָס שפּילן געווען פון אַ גאַנץ פיינער קוואַליטעט. סעם אדלער איז געווען זייער אַן ערנסטער, פיין פילנדיקער מענטש. כאָטש ער איז נישט לאַנג צוריק געהאַט אָנגעקומען פון אַמעריקע און אָנגעהויבן פירן זיין טעאַטער אויף אַ ברייט אַמעריקאַנישן אופן, איז ער אָבער געווען ווייט פון די שרייערישע „אַמעריקאַניזמען", וואָס זענען שפּעטער געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַרן ביליגערן יידישן טעאַטער. ער האָט אָפּגעהיטן זיינע פאָרשטעלונגען פון יעדער וווּלגאַריזם. קיין אַקטיאָר האָט אויף דער בינע זיך נישט געטאָרט דערלויבן דעם מינדסטן אַנדייט אויף נבול פה. אַזוי אַז אַלע זיינע פאָרשטעלונגען האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ גרויסער מאָס ערלעכקייט און ערנסט.

דער וואַרשעווער עולם האָט די נייע טרופּע אין „זשאַרדען דהיווער" אויפגענומען מיט נישט ווייניקער ענטוזיאַזם ווי די פריערדיקע. אַ סך פון די שוישפּילערס זענען אינגיכן שטאַרק באַליבט געוואָרן. נאַדיאַ נעראַסלאַווסקאַ מיט איר האַרציקער, פיין געשולטער סאָפּראַן־שטימע; סעם אַדלער מיט זיין צוריקגעהאַלטענעם קאָמיזם, אַדאָלף בערמאַן מיט זיין וואַרעמען טיף ברוסטיקן באַס־באַריטאָן, דאָקטאָראַוו מיט זיינע אינטערעסאַנטע כאַראַקטער שאַפונגען, די יונגע לאַנצמאַן מיט איר דראַמאַטישן טעמפּעראַמענט, האָבן אַ סך געהאָלפן, אַז דאָס טעאַטער זאָל זיין יעדע נאַכט פול.

פאַר מיר האָט סעם אַדלערס דעמאָלטיקער סעזאָן געהאַט אַ באַזונדערן באַטייט, ווייל אינגיכן בין איך אָנגעקומען צו אים אין טרופּע — מיין ערשטער אָנקום אין פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער. כאָטש אויפגענומען צו ווערן אפילו ווי אַ יונגער אַקטיאָר איז מיר נאָך נישט באַשערט געווען. איך בין אָנגעקומען צום ערשט אַלס סופלער. כ'האָב נאָך געמוזט איבער אַ יאָר צייט זיך באַנוגענען מיט זיצן אין דעם סופלערקאַסטן און זיך צוקוקן ווי די עלטערע פון מיר אַקטיאָרן שפּילן, ביז איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט אַליין צו שטעלן אַ טריט אויף די בינעברעטער.

איך וויל זיך איצט נישט אָפּשטעלן צו דערציילן ווי אַזוי איך האָב געשפּילט, ווען מען האָט מיך צום ערשטן מאָל געבערענגט הינטער די קוליסן פון יידישן טעאַטער. איך וויל בלויז פאַרצייכענען, אַז די שוישפּי־

לערס האָבן פֿון אָנהײב אָן מיט א מאָדנער טאָלעראַנץ און אפילו א מין דרך ארץ זיך באַצױגן צו דעם נײ אָנגעקומענעם יונגן בחורל, װאָס האָט נאָך אַלץ געטראָגן א לענגלעכע קאַפּאָטע און יידיש היטעלע. שױן באַלד נאָך די ערשטע עטלעכע פֿאָרשטעלונגען האָבן סײ סעם אדלער אַלײן, סײ די אקטיאָרן אין טרופּע, און אפילו דער שטרענגער ה. עפּעלבערג, װאָס איז געװען דער געשעפֿטס־פֿאַרװאַלטער, און מיך נאָך געדענקט פֿון דוד סאָװעס ביכער־געשעפֿט, מיך געלאָזט פֿילן, אז „איך דאַרף זיך נישט זאָרגן", איך װעל שױן פֿאַרבלײַבן אַן אײגענער.

פֿאַר מיר זענען יענע טעג און נעכט געװען װי א חלום אױפֿן װאָר. ס'איז געװען אזױ רײצנדיק צו קומען יעדן אינדערפֿרי אין „זשאַרדען דהיװוער" צו פּראָבע. צו שפּאַצירן דורך דעם טונקעלן לאַנגן קאָרידאָר, װאָס האָט זיך געצױגן בײַ דער זײַט פֿון די אָפֿענע לאָזשעס איבערן גאַנצן לענג פֿון טעאַטער ביז צו דער בינע אַרױף. דערנאָך די לאַנגע שעהן פֿון אײַנשטודירן א פּיעסע, װען אױף דער האַלב באַלױכטענער בינע שפּילט זיך אָפּ אָט דער כשופֿדיקער הין און צוריק איבערבײַט פֿון װירקלעכקײט. און אָט איז מען אקטיאָרן, אָט גליטשט מען זיך אַרײַן אין דעם פֿאַרװאַנדלט װערן אין אימיצן פֿון א פּיעסע, און אָט װידער צוריק אַרױס... ס'איז געװען אזױ פֿאַרכאַפּנדיק צו זײַן אין די אָװנטן הינטער די קוליסן בשעתן צוגרײטן זיך צו א פֿאָרשטעלונג. מיטמאַכן דעם גאַנצן קאָלירפֿולן װירװאַר פֿון ערבֿ „אָנפֿאַנגען", װען מיטאַמאָל, װי אױף אימיצנס א געהײמען באַפֿעל לעשט זיך אױס דער זאַל אױף „יענער זײַט" פֿון טעאַטער, עס װערט העל באַלױכטן די סצענע, און עס הײבט זיך אָן די שפּיל, װאָס פֿאַרטראָגט דיך אױף גאַנצע דרײַ שעה אין ערגעץ אַן אַנדער װעלט. דרײַ שעה פֿון שװערער אָנגעשטרענגטקײט — א געמיש פֿון פֿרײד, עקסטאַז, צוזאַמען מיט קלײנלעכע אַנטױשונגען, דריקנדיקע װאָכעדיקײטן. א געפֿלאָנטער פֿון בלענדנדיקער פֿאַנטאַסטישקײט און דױען, ניכטערן אמת. אָבער דאָס אַלץ, דער גאַנצער רײצנדיקער מיש־מאַש, איז געװען אזױ אַנדערש פֿון מײַן פֿריערדיק הײמיש לעבן; ס'האָט אזױ געשראָקן און געצױגן גלײַכצײַטיק. ערגעץ אין האַרץ אָבער איז קלאָר געװאָרן: דאָ װעל איך שױן פֿאַרבלײַבן...

די אקטיאָרן, װי דערמאָנט, האָבן אַרױסגעװיזן א סך פֿרײַנטלעכ־

קייט צו מיר. דער אינטעליגענטער, האַלב קראַנקער דאָקטאָראָוו פּלעגט זיצן מיט מיר ערגעץ אין אַ ווינקל און רעדן שטילערהייט מיט זיין אַביסל כאָרכלענדיקער שטימע, בשעת זיינע גרויע, קלוגע אויגן האָבן מיך דער־מוטיקט צו דערציילן פון זיך. און נאָך וואָרעמער האָט זיך באַצויגן צו מיר דער גוטמוטיקער אַדאָלף, אָדער אַרעלע בערמאַן, ווי די איבע־ריקע פלעגן אים מיט ליבשאַפט רופן. אַרעלע איז געווען דער ברודער פון הערמאַן בערמאַן, וואָס איז געווען באַרימט מיט זיינע לעצעוואַטע שפּיצלעך און ווילדע אַפּטוענישן, מיט וועלכע ער פלעגט דערגיין די יאָרן די דירעקטאָרן און אַקטיאָרן, וואָס האָבן מיט אים צוזאַמען געשפּילט. אַרעלע האָט אויך ליב געהאַט זיך צו וויצלען. אָבער ער איז געווען די גוטסקייט אַליין. זיינע שפּאַסן, להיפּך צום ברודערס, וואָס פלעגן גאַנץ אָפט זיין געפערלעך, זענען געווען פון אַ קינדיש אומשולדיקן כאַראַקטער. פון מיר האָט ער געוואָלט צוויי זאַכן: ערשטנס, איך זאָל פאַר דער גאַנ־צער טרופּע רעדן מיט אים נאָר העברעאיש. און אַ העברעאיש האָט ער געהאַט זיינעם אַן אייגענעם. למשל — „שלא דברתי לך בעקאַסטאָרקע בשני דברים, בשלח מנות, אשר בכל לבבך בשבת הגדול"... און דערביי פלעגט ער מאַכן אַזאַ קינדיש ערנסטן אָנשטעל, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַזוי לאַנג, ביז ער האָט זיך הארציק צעלאַכט... און צווייטנס האָט ער מיך געזוכט ביסלעכווייז איבערצוגעווינען, איך זאָל אויסטון דאָס יידישע היטל מיט דער לאַנגער קאַפּאָטע און אָנטון זיך „דייטש". ער האָט זיך טאַקע דערוואָרט אויף דער מצוה צו גיין מיט מיר קויפן דעם ערשטן קאַ־פּעלוש און דעם ערשטן קורצן קאָסטיום, אין וועלכן ער האָט מיך טריאומ־פּירנדיק געבראַכט אין טעאַטער אריין, צו דער גרויסער צופרידנקייט פון דער גאַנצער טרופּע. ער האָט מיך אויך צוגעגרייט און דערמוטיקט, כ'זאָל בייקומען מיין פאַרלעגנהייט זיך צו באַווייזן פאַר דער מאַמען צום ערשטן מאָל אין „דייטשע" קליידער...

אַרום פּסח־צייט האָבן מיר, און דער וואַרשעווער עולם, געהאַט אַ יום טוב אין טעאַטער. ס'איז געקומען פון לאָדזש אויף עטלעכע גאַסט־שפּילן די גרויסע אסתר רחל קאַמינסקאַ, צוזאַמען מיט איר מאַן אברהם יצחק. געשפּילט האָט זי, זעלבסטפאַרשטענדלעך, איר פריערדיקן דערפאָלג „כאַסיע די יתומה". דער וואַרשעווער טעאַטער עולם האָט ווידער מיט

א סך ליבשאפט און באגייסטערונג אויפגענומען זיין נאענט געווארענע קינסטלערין. אבער ס'איז שוין געווען צו באמערקן די שטארקע ענדערונג אין דער שטימונג פון דער צייט. אנשטאט וואס מיט בלויז צוויי יאר פריער, ווען די רעוואלוציע אין לאנד האט געפלאקערט, איז דער עולם אין „מאנקאטאווער" טעאטער (ווו די פיעסע איז אריגינעל געשפילט גע־ווארן) מער פארכאפט געווען פון דעם אינהאלט פון שטיק, און פון די רעוואלוציאנערע אויבער און אונטערטענער, וואס ער האט אליין אין דעם אריינגעטייטשט. אנשטאט דעם האט מען זיך איצט געלאזט אנטציקן פון דער טיפער דראמאטישקייט און דער פשוטער הארציקייט אין אסתר רחלס שפילן די ראלע פון דער קלוגער אבער געטרויענדיקער פאלקס מיידל כאסיע. ס'איז געווען אזוי פיל גלעטנדיקע ווארעמקייט און רירנדע מענטשלעכקייט אין דער קאמינסקאס שפילן. זי איז אויסערלעך נישט געווען אידעאל צוגעפאסט פאר דער ראלע. איר שלאנקע, הויכע פיגור האט זיך, ווי מיר איז שפעטער קלארער געווארן, מער געפאסט פאר דער מאיעסטעטישער „מירעלע אפרת" איידער פאר דער יונגינקער, דארפי־שער כאסיע. אבער איר שפילן האט פארמאגט אזא צארטקייט, אזא פא־עטישקייט, וואס האבן געקאנט פארדעקן יעדן פיזישן דעפעקט. אירע זוניקע טענער זענען אזוי טיף אריינגעדרונגען אין דער נשמה פונעם צו־הערער; איר קלוגע גוטסקייט האט אזוי געלאשטשעט דאס הארץ. פונקט ווי איר דראמאטישער אויפברויז האט אזוי אויפגערודערט דאס געמיט, אז מ'האט נישט געזען פאר זיך אימיצן אנדערש, נאר די וואס מ'האט געוואלט זען — די יונגע, פריידיקע, און צום זעלבסטמארד געטריבענע אסתר רחל־כאסיע.

מיר איז ביז היינט פארבליבן אין זכרון ווי איך בין געזעסן און נאכגעפאלגט איר שפילן די ראלע אין לעצטן אקט, ווען זי איז א שטיק צייט — צום אנהייב און צום סוף — אליין אויף דער בינע. אליין מיט איר אנטוישונג, מיט איר אומעט און פארצווייפלונג. ווען ביי איר ווערט געבוירן דער געדאנק צו פארסמען זיך און איר קינד, כדי עס זאל נישט בלייבן, ווי זי אליין, א יתומה. אסתר רחל האט כמעט ווי נישט גערעדט. זי האט בלויז געוואנדערט איבער דער בינע. אבער פון איר האט גע־שטראמט אזוי פיל מענטשלעכער צער. אירע תמיד גוטע אויגן האבן

אויסגעדריקט אזוי פיל נשמה צערייסנדיקע פיין. און ווען זי האָט אָנגע־הויבן שטיל, אויף אירע עכט אסתר רחלשע טענער: „די נאכט איז אוועק, און ער איז נאָך נישט דאָ"... האָט ווי עפּעס א יאוש־מעלאָדיע ארומגע־שנורט דעם האלדז און פארגאָסן דאָס הארץ...

ס'זענען געווען נעכט פון אומפארגעסלעכער טעאטער־פרייד.

אָבער אויך אויסערן שפּילן האָב איך דעמאָלט געהאט די געלעגנ־הייט צו דערפילן די גרויסע קאמינסקא־פּערזענלעכקייט, וועמען איך האָב שפּעטער געהאט דאָס גליק נענטער צו קענען. איר באציאונג צו די איבע־ריקע שוישפּילערס, סיי ביי פּראָבן, סיי בשעתן שפּילן; איר טאַקטישקייט און חברשאפט זענען געווען אלץ, וואָס איך האָב מיר תמיד פאָרגעשטעלט ווי בינע־קינסטלער דארפן זיין. פּונקט אזוי קאָרעקט האָט זיך דעמאָלט בשעתן איינשטודירן די פּיעסע, געהאלטן אברהם יצחק קאמינסקי — א הויכער, פיין געבויטער, מיט אן אויפפאלנדיק בלאס פּנים און גרוי מוטנע אויגן. אָבער זיין שפּילן איז געווען ווייט הינטערשטעליק, און האָט פאר־מאָגט זייער ווייניק פון די קוואליטעטן, מיט וועלכע ס'האָט זיך אזוי אויס־געצייכנט זיין פרוי. יעדנפאלס האָבן מיר, סיי די שוישפּילערס אין טרופּע און סיי דער גרויסער טעאטער עולם, זיי ביידן ארויסבאגלייט מיט א סך דאנקבארקייט פאר עטלעכע קינסטלערישע אָוונטן.

באלד האָט זיך אין טעאטער אָנגעהויבן א נייער אויפרודער — מ'האָט זיך דערוווּסט, אז אין א פּאָר טעג ארום דארף אָנקומען פון פּע־טערסבורג יאקאָוו וואסילעוויטש ספּיוואקאָווסקי. ספּיוואקאָווסקי איז אין דעמאָלטיקן יידישן טעאטער געווען א לעגענדארע פּערזענלעכקייט. באלד ווי מ'האָט אין ווארשע ווידער אָנגעהויבן צו געבן יידישע פאָרשטעלונגען, האָט מען צווישן עולם, וואָס האָט מיט ליבע גערעדט וועגן די אקטיאָרן, געקאָנט הערן: „אי, ווען מען קאָן ווידער זען שפּילן ספּיוואקאָווסקין"... די עלטערע צווישן זיי האָבן אים נאָך געדענקט פון זיין אמאָליקן שפּילן, פארן פארבאָט. און אויך די אקטיאָרן, וואָס זענען געהאט געקומען פון רוסלאנד, האָבן נישט אויפגעהערט צו דערציילן וווּנדער־געשיכטעס פון דעם גרויסן ספּיוואקאָווסקין. איבערהויפּט פון זיין „אינטעליגענץ", פון זיין קאָנען זיין א „מקורב לנאטשאלסטווא". פון זיין קאָנען קריגן דער־לויבענישן צו שפּילן יידיש טעאטער דאָרט, ווו קיין אנדערער קאָן עס

אפילו נישט חלומען. און דאָס איז אין יענע יאָרן געװען שױן גאָר א גרױסע זאך. װײל דאָס נישט קאָנען קריגן קײן דערלױבעניש צו שפּילן, אָדער דאָס מוזן זיך פארשטעלן אלס „דײטשע" טרופּע איז געלעגן װי א שװערער שטריק ארום דעם האלדז פון יידישע אקטיאָרן. ס'איז דערפאר פארשטענדלעך, אז די שפּאנונג צו קאָנען זען מיט די אײגענע אױגן דעם אזױ בארימטן ספּיװאקאָװסקין איז געװען זײער גרױס. ענדלעך איז ער טאקע אָנגעקומען און זיך באװיזן אין אונדזער טעאטער, און דער אײנדרוק איז געװען אן אימפּאָזאנטער.

א הױכער, א ברײטפּלײציקער, מיט אן אקטיאָריש געגאָלט פּנים, אָבער קלײנע פארדרײטע װאָנצעלעך, מיט אביסל שיקלדיקע גרױע אױגן, האָט ער בכלל נישט אױסגעזען װי קײן ייד. זײנע קלײדער האָט ער, טראָץ זײן עלטער, געטראָגן אױף א פראנטיש, אײראָפּעאישן אופן. דעם װײכן הוט אביסל אָן א זײט און דעם עלעגאנטן שטעקן מעשה דענדי. זײן גאנג איז געװען האָפּערדיק שטאָלץ. אָבער מער פון אלץ האָב איך שױן גע־װאָרט אים צו זען אױף דער בינע. און איך גערענק, אז זײן שפּילן איז פאר מיר אין א געװיסן זין געװען אן אנטױשונג. איך האָב דערװאָרט גאָר עפּעס אנדערש. װײזט אױס, אז זײן שטארקײט איז געהאט געװען מער אלס קופּלעטיסט, אלס לידער־זינגער, װי אלס שױשפּילער אָדער שאַ־פּער פון ראָלן. זײן זשאַנר איז אין די יונגע יאָרן געהאט געװען, דאָס װאָס מען רופט אין דער טעאטער־טערמינאָלאָגיע פּ א ט, אָדער סאלאָן־ליבהאָבער, װעמעס קונסט באשטײט אין דעם זינגען לײכטע קופּלעטן, און דערבײ האלטן זיך פרײ און עלעגאנט אױף דער בינע, באװעגן זיך גראציעז און לײכט. און דאָס האָט ער, ספּיװאקאָװסקי, נאָך דעמאָלט געקאָנט אױף א היפּשן אופן, כאָטש ער איז שױן געװען װײט פון צו זײן א ליבהאָבער.

ספּיװאקאָװסקי האָט דעמאָלט אױפגעטרעטן — אױב איך מאך קײן טעות נישט — אין דעם פרײלעכן מאָנקידזשאָ, אין לאטײנערס „מישקע מאָשקע", װו ער האָט געזונגען עטלעכע קופּלעטן אױף אן עכט קאבאַ־רעטישן שטײגער. מיט דעם צילינדער אױף א זײט פון קאָפּ, דעם שטעקן אונטערן אָרעם, און באװעגנדיק זיך ריטמיש פון אײן זײט בינע צו דער צװײטער. דאָס איז אפשר געװען גאָרנישט שלעכט, אָבער א סך מער האָט

מען זיך פאַרגעשטעלט, ווען מען האָט געהערט רעדן פון דעם לעגענדאַרן ספּיוואַקאָווסקין.

ספּיוואַקאָווסקי איז אָבער געהאַט געקומען נישט דער עיקר צו שפּילן אין וואַרשע. ס׳איז געווען אַן אָפענער סוד, אַז ער איז געקומען אַרויס־נעמען סעם אַדלערס טרופּע צו שפּילן אין פּעטערבורג. און די דערוואַר־טונג און די אָנגעשטרענגטקייט אין טעאַטער זענען געווען זייער גרויס: וועט מען טאַקע פאָרן קיין פּעטערבורג? ווער וועט פאָרן? וועט די טרופּע בלייבן ווי זי איז? איז זי גוט גענוג זיך צו ווייזן אין דער הויפּטשטאָט פון גאַנץ רוסלאַנד?

און וואָס שייך מיר אַליין, זענען עס געווען טעג פון גרויסער שפּאַ־נונג: וועט מען מיך מיטנעמען? און אויב יאָ, וועל איך, צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן, קאָנען פאַרלאָזן די היים, די פאַמיליע, די שוועסטער, די מאַמען? כ׳האָב ביז איצט געהאַט אויסגעמיטן אַן אָפענעם געשפּרעך מיט איר, כאָטש כ׳האָב נישט געקאָנט אויסמיידן פון דער זייט צו באַמערקן אירע שטילע טרערן און שטומען צער, וואָס מיט איר בן יחיד איז פאַר־געקומען עפּעס, צו וואָס איר האַרץ האָט נישט געקאָנט צושטימען. אָבער איצט? וועט זי מיך אוועקלאָזן פון זיך און איר ציטעריקער השגחה? וועל איך קאָנען זיין אוועק פון וואַרשע?

אָבער איבער אַלעם האָט געשוועבט דער גרויסער רייץ: פאָרן מיטן טעאַטער. רייזעס אין ווייטע שטעט. און איבערהויפּט — זיין אין פּעטער־בורג, די שטאָט וואָס איז דעמאָלט געווען דער צענטער פון אַלע שטור־מישע געשעענישן. פון וואַנען ס׳האָבן זיך געטראָגן אַלע ברויזנדיקע פאַסירונגען...

און באַלד איז באַקאַנט געוואָרן, אַז גלייך נאָך פּסח ווערט די איצ־טיקע טרופּע אויפגעלייזט. ס׳ווערט צוזאַמענגעשטעלט אַ נייער פּערסאָנאַל, אין וועלכן ס׳גייען פון דעם איצטיקן אַריין בלויז נאַדיאַ נעראָסלאַווסקאַ, דאָקטאָראָוו און גאָלדבערג, לאַזאַר פריד, מיכאל קליין און זינאַ גאָלד־שטיין. עס קומען צו די באַרימטע אַקטיאָרן לייזער זשעלאַזאָ, נאַטאַן דראַ־נאָוו, ריבאַלסקי, פּיווישאַוו, ווילי זילבערבערג און דאַלסקאַ, און אין אָנ־פאַנג מאַי הייבט די טרופּע אָן צו שפּילן אין פּעטערבורגער „פּאַסאַזש" טעאַטער. און וואָס אָנבאַלאַנגט מיר, האָט מען מיך אַריינגערופן צו סעם

אדלער אין קאָנטאָר, װוּ סײ ער אַלײן מיט זײַן שטענדיקער רואיקײט, סײ ספּיװאַקאָװסקי מיט זײַן פראַנטישן שמײכל, און סײ די נעראַסלאָװ־סקאַ מיט אירע שטראַלנדיקע אױגן, האָבן מיר צוזאַמען געלאָזט װיסן, אַז איך פאָר מיט מיט דער נײַער טרופּע און אַז איך דאַרף זיך שעצן גליקלעך, װאָס פון אַזױ פיל קאַנדידאַטן, בין איך אױסגעקליבן געװאָרן פאַר אַזאַ װיכטיקער רײַזע...

געפילט האָב איך זיך מער װי גליקלעך. כאָטש צוזאַמען דערמיט האָט זיך אָנגעהױבן די פּײַנלעכע אױפגאַבע איבערצורעדן און צו פועלן בײַ דער מאַמען, זי זאָל מיך לאָזן — „בלױז נאָר אױף עטלעכע װאָכן”— פאָרן קײן „רוסלאַנד”. געפּועלט האָב איך עס מיט אַ סך האַרצװײטיק, און מיט דער הילף פון מײַנע שװעסטער פערעלע און רבקהלע. און אָנהײב מאַי 1907 האָב איך אַ צעשטראַלטער, אַ פרײדיקער, און דאָך ערגעץ װוּ אַ פאַרװײטיקטער, פאַרלאָזט די הײם און די אַזױ אײגענע און ליבע װאַרשע, װוּ איך האָב פאַרבראַכט די ערשטע אַכצן יאָר פון מײַן לעבן.

פּרעסע שטימען וועגן דער ביכער־סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

א. מ. קייזערמאַן שרייבט וועגן ישראל טאַבאַקסבלאַטס בוך „חורבן לאָדזש" (קענעדער אדלער", מאָנטרעאל, 3טער מערץ 1947):

דער צענטראַלער פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע האָט זיך אָנגעצייכנט אַ ברייטן ליטעראַרישן פּלאַן ארויסצוגעבן אַ גאַנצע רייע ביכער איבער פּוילן. דער פּלאַן איז שוין אין אַ גרויסער מאָס אַ רעאַליזירטער, ווייל נישט ווייניקער ווי צען ביכער זענען שוין דערשינען פון מאַרק טורקאָוו, ה. ד. נאָמבערג, וו. גראָסמאַן, י. וויערניק, פּרץ גראַנאַטשטיין, זרובבל, אל. ציטלין, חיים שאשקעס, ז. סעגאַלאָוויטש, פּראָפּ. באַלאַבאַן, און זיי גרייטן זיך אַרויסצוגעבן נאָך דרייצן אָדער פערצן ביכער. לעצטנס האָבן זיי אַרויסגעגעבן „חורבן לאָדזש — 6 יאָר נאַצי־גיהנום" פון ישראל טאַבאַקסבלאַט. דאָס איז אַ בוך פון 203 זייטן, געדרוקט אויף גוט פּאַפּיר און שיין אילוסטרירט און געבונדן.

ישראל טאַבאַקסבלאַט, אַ מיטל־יאָריקער ייד, האָט פאַרבראַכט זיין גאַנץ לעבן אין לאָדזש אלס טעקסטיל־אַרבעטער, דערנאָך אלס מייסטער אין אַ גרויסער פּלוש־וועבעריי אין לאָדזש. ער איז אין צייט פון דער מלחמה פאַרכאַפּט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער און איז באַפרייט געוואָרן דורך די אליאירטע אַרמייען דעם 10־טן מאַי 1945 און האָט געמוזט צוערשט קורירט ווערן — אַזוי אַז ער איז געווען אַן עדות פון די שרעקלעכע געשעענישן אין לאָדזש, וועלכע ער באַשרייבט אין זיין בוך.

דאָס בוך פאַנגט זיך אָן מיטן אונטערגעבן זיך פון פּוילישן מיליטער צו דער איבערמאַכט פון דער נאַצישער אַרמיי וועלכע האָט דעם 8טן סעפּטעמבער 1939 אין אַ האַלבע שעה באַזעצט לאָדזש; ער באַשרייבט אויך דעם דערשלאָגענעם געמיט פון די יידן ווען זיי האָבן געזען וואָס פאַר אַ ווערט דאָס גרויס רעקלאַמירטע פּוילישע מיליטער האָט געהאַט ביים ערשטן קאָנטאַקט מיט די נאַצישע אַרמייען. ער דערציילט ווי אַזוי פון אַלע טיילן פון לאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אויף איין מאָל אַ לויפעניש פון אַלע גרעסערע שטעט ווי פּויזן, גדיניע, וואַרשע, ווילנע, לעמבערג, קראָקע פון וועלכע די גאַנצע מענלעכע באַפעלקערונג און אַ טייל ווייבלעכע, אָן אונטערשייד פון עלטער איז אַוועק כדי זיך צו באַהאַלטן פון דייטש. אויך פון קלענערע שטעט איז מען געלאָפן צו־פוס, אויף פערד און וואָגן, ערגעץ וואו ווייט פון דייטשן מיליטער. גרויסע מאַסן האָבן זיך געצויגן קיין וואַרשע אָבער שוין אויפן וועג קיין בזשעזשין האָבן די דייטשע אַעראָפּלאַנען, פּליענדיק זייער נידעריק, כסדר באַשאָסן פון קוילנוואַרפערס די גייערס. דאָס האָט נאָך מער פאַרגרעסערט די אומבאַשרייבלעכע מהומה. טויזנטער האָבן פאַרלוירן זייערע לעבנס. אַנדערע האָבן דערגרייכט וואַרשע און אַ טייל זענען אומגעקומען אין לאָדזש, ווו זיי זענען אינטערנירט געוואָרן אין געטאָ. טאַבאַקסבלאַט גיט אַ קלאָר בילד וועגן דער פּער־

זענלעכקייט פון מרדכי חיים רומקאָווסקי — דער איינער וועלכער האָט יאָ געוואָלט און „געוואגט איבערצונעמען די לייצעס אין זיינע הענט", און אָנגעהויבן צו פירן די געשעפטן פון דער קהילה. ער איז געווען דער מענטש וועלכער האָט אין דער גאנצער געטאָ־צייט געהערשט איבערן לעבן און טויט פון



טויזנטער יידן. ווען איך בין געווען אין לאָדזש לעצטן יאָר, איז דער נאָמען רומקאָווסקי זעלטן מיט אַ בענטש־וואָרט, אָבער אָפט מיט אַ קללה איבעראַל דערמאָנט געוואָרן. גענוי די געשיכטע פון זיין טעטיקייט אין געטאָ האָב איך נישט געקאָנט אויסגעפינען. איצט גיט אַן אויספירלעכן ענטפער דער מחבר אויף דער פראגע: ווער איז געווען מרדכי חיים רומקאָווסקי?

אַ ייד פון אַריבער זעכציק יאָר, מיטלוויקס, מיט א שניי־ווייסן קאָפּ, ענערגיש פּנים און דרייסטן בליק, ווירקט ער אויף איך באַלד אין ערשטן מאָמענט, מעשה באַפעלער וועלכער דולדעט נישט קיין ווידערשטאַנד „אַזוי וויל איך, אַזוי הייס איך און אַזוי וועט איר טאָן". מען קען רומקאָווסקין נישט אָפּזאָגן פּערזענלעכע מעלות. ער האָט מיט שטאָלענעם כאַראַקטער דורכגעפירט אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט. אים האָט פאַרפאָלגט איין איינציקע מאַניע: — אריינצוקריגן די מאַכט, וואָס מער מאַכט, מאַכט לשם מאַכט! דער מחבר האָט פיר לאַנגע יאָר אין לאָדזשער געטאָ געהאט די מעגלעכקייט צו באָבאַכטן דעם מענטשן און ער גיט אַן אויספירלעכע אָפּשאַצונג וועלכע באַווייזט, אַז כאָטש ער איז געווען אַן אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער אויפטוער, און ער האָט געהאט אַלע מעלות פון אַ פירער, האָט ער אָבער אויך געהאט דעם גרעסטן חסרון — די מורא צו פאַרלירן די מאַכט. דערפאַר האָט ער זיך אַרומגערינגלט מיט כאַראַקטערלאָזע בלינד־געהאָרכזאַמע מענטשן, אפילו פאַרברעכערישע פּאַרשוינען צווישן זיי, אַזאַ נפש ווי אַ הערצבערג (וועגן וועמען דער מחבר שרייבט ווייטער אין זיין בוך).

און ווען ער איז אין מאָנאַט אָקטאָבער 1939 נאָמינירט געוואָרן אָנצופירן מיט דער יידישער קהילה, „האָט ער געמיינט האָבן אין זיין רשות אַלע יידן צוזאַמען מיט זייער האָב און גוטס, אויב אַזעלכעם איז נאָך פאַרבליבן. ער האָט געהאט דאָס רעכט לאָזן אַרעסטירן יעדן איינעם, וואָס וועט זיך אַקעגן שטעלן, אָדער סתם נישט האָרכן".

דערנאָך פאַנגט זיך אָן דער גאַנצער פּראָגראַם פון נאַצי פאַראָרדענונגען וואָס די קהילה מוז אַליין דורכפירן, וואָס יעדע פון זיי דערנידעריקט, מאַטערט און פאַרניכטעט. און דערנאָך די דירעקטע נאַצישע אַרעסטן, מאַטערנישן, אַרויספירן פון געטאָ, געלט־אויספּרעסונגען, און אַוועקפירן אין פּלעצער פון וועלכע מען קומט נישט צוריק.

דאָס בוך איז געשריבן אין אַ רו־

איקן, אָבער דראַמאַטישן טאָן, פּינקטלעך מיט גענויע דאַטן ווי אַזוי די געשעענישן זענען פאָרגעקומען אין פאַרלויף פון די בלוטיקע יאָרן; דאָ און דאָרט אילוסטרירט מיט אַ שרעקלעך בילד, אָבער אַלע מאָל קינסטלעריש: אַפּראָוויזאַציע, שולוועזן, די ליסטעס פון עסן־פּאָרציעס אין געטאָ, אָפּטמאָל פאַר פּאָלקסגעזונט. סיי פּאָזיטיווע, סיי נעגאַטיווע פאַקטן און ציפערן. דער קאַפּיטל פון יידישער אַרבעט אין געטאָ, די ערשטע שניידער, דאַן שוסטער, בלעכער, טריקאָטאַזש, זאָקן, צוזאַמען האָבן זיך רעגיסטרירט אין 1940 נאָענט צו צען טויזנט אַרבעטער. פעברואַר 1941 האָבן שוין אַלע געאַרבעט. דאָס קאַפּיטל פון אַרבעט איז באמת שפּאַנענד. די קיבוצים פון אַרבעטער־ציוניסטן זענען געווען פּיאָנערן פון אַרבעט אין געטאָ.

„די געטאָ־צייטונג — פאַר אינפאָרמאַציע, פאַראָרדענונגען און באַקאַנטמאַכונגען אין דער יידישער שפּראַך" — האָט ניט אָפּגעשפּיגלט דאָס געטאָ־לעבן נאָר די אָפּיציעלע קהילה־טעטיקייטן, איבערהויפּט די פּערזענלעכקייט פון רומקאָווסקין. אַלע טעטיקייטן אין לאָדזשער געטאָ ביז צו איר ליקווידירונג — אויך דער שרעקנס־לאַגער אַשוויענטשים — און די אַרבעט־לאַגערן.

עס איז אַן אויסגעצייכנט בוך — סיי פון שטאַנדפּונקט פון שפּראַך, פון טאַלאַנטפול שרייבן און פון אינפאָרמאַציע.

וועגן אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום" זיך ווענדן:

Unión Central Israelita Polaca en la Argentina

Pueyrredón 667 Buenos Aires

דאָס בוך האָט זיך געענדיקט דרוקן דעם
26סטן סעפטעמבער 1947 אין דער
דרוקעריי „היימאן" — פאסטעור 333
טעלעפאָן 47-7752 · בוענאָס איירעס

Este libro terminóse de imprimir
el día 26 de Septiembre de 1947
en los Talleres Gráficos HEUMAN,
Pasteur 333 - Tel. 47-7752 - Bs. As.